STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06292

GEKLIBENE SHRIFTN

Baruch Bendersky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָרעך בענדערסקי

געקליבענע שריפטן

בוענאָס איירעס

1954

Printed in Argentine
Impreso en la Argentina

Queda hecho el depósito
que marca la ley

B. BENDERSKY

Gueklibene Schriftn

(SELECCION DE CUENTOS)

EDITORIAL "ICUF"
BUENOS AIRES
1954

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אין איינפאַרשטענדעניש מיט די יאָרשים און מיט דער מיטהילף פון דעם ספּעציעל־געשאַפענעם פאַר דעם צוועק בענדערסקי־קאָמיטעט אין דאָמינגעז, ענטרע ריאָס, צום ערשטן יאָרצייט נאָכן טויט פון דעם מעכאַבער.



פאַרוואָרט

אונדזער יונגער אַרגענטינער יישעוו פאַרמאָגט שוין אַן אייגענע יידי־שע ליטעראַטור, געשאַפן דורך צענדליקער יידישע שרייבער. עס זיינען אָבער ניט גליַיך אונדזערע דערגרייכונגען אויף די פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן. אונדזער אַרגענטינער יידישע ליטעראַטור איז אַסאַך רייכער אויף דעם געביט פון עסיי און פון פּאָעטישער דיכטונג, ווי אויף דעם געביט פון דיכטערישער פּראָזע; מיר פאַרמאָגן, רעלאַטיוו, אַסאַך מער גוטע שרייבער עסייאיסטן און פּאָעטן, ווי גוטע שרייבער בעלעטריסטן.

איינער פון די געציילטע, ווערטפולע אַרגענטינער יידישע פּראָזע שרייבער איז געווען באַרעך בענדערסקי.

יעדעס בלעטל און גרעזל, ווערימל און מוראַשקע ווערט געוואָרעמט פון די זעלבע זונשטראַלן און אָטעמט מיט דער זעלבער לופט, ווי די גרעס־טעביימער און ווי די גרעסטע באַשעפענישן: כאַיעס און מענטשן. דער הימל קען זיך אָפּשפּיגלען אין איין טראָפּן וואַסער און די וועלט — אין דעם שוואַרצאַפּל פון אַן אויג.

די ווערטיקייט פון אַ קינסטלערישער ווערק איז דעריבער ניט אָפּהענגיק פון דער ברייט פון דעם לייוונט אויף וועלכן עס איז געמאָלן, אויך ניט פון דער גרויס און פאַרנעם פון דער טעמע; נאָר — אויף וויפל דער קינסטלער האָט דערגרייכט אַרויסברענגען און געשטאַלטיקן די וועלט, וואָס שפּיגלט זיך אין זיין אויג, די סימפאָניע פון קלאַנגען און געדאַנקען, וואָס וויברירט אין זיין מויעך.

און דער קינסטלער קען עס דערגרייכן באַשרייבנדיק, אפילע נאָר אַ בלעטל אָדער אַ מוראַשקע, מאָלנדיק בלויז איין קוואַדראַט־מעטער לאַנד־

שאַפּט, אָדער אויסזינגענדיק און אויסשפּילנדיק די שטילקייט פון איין זונ־אויפגאַנג, דאָס שורשען פון אַ צווייג מיט בלעטער, אָדער די סטיכיע פון אַ שטורעם.

די דערגרייכונג פון דעם ווערק איז אָפּהענגיק אויף וויפל פון דאָס גע־מאָלן בלעטל אָטעמט מיט דער וועלט פון פלאַנצן; אויף וויפל דער קינסטלער האָט דערגרייכט, באַשרייבנדיק דאָס לעבן פון איין באַשעפעניש, איבער־געבן און אונדז אַסאָציאירן מיט דעם לעבן אויף דער וועלט און מיט אונ־דזער אייגן לעבן. און אויף וויפל אַ קינסטלער דערגרייכט עס, אויף אַזויפיל איז וויכטיק זיין ווערק.

באָרעך בענדערסקי האָט ניט געמאָלן אויף קיין ברייטע לייוונטן, ער האָט זיך אויך ניט פאַרמאָסטן אויף קיין גרויס־פאַרנעמיקע טעמעס; ער האָט געשילדערט די וועלט, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין זיין אויג, — די וועלט פון אַן ערד אַרבעטער, — פון אַן אַרגענטינער יידישן קאָלאָניסט.

אַ ווערימל אונטער די פיס, אַ מוראַשקע צווישן גראָז, דער פערד אין שפּאַן און אויף דער פרייער לאָנקע, די קו און דאָס קעלבל, דער זאַנג און דאָס גרעזל, דאָס קינד און דער מענטש — דאָס זיינען די טעמעס פון באָ־רעך בענדערסקים סקיצן און שילדערונגען.

באָרעך בענדערסקי איז ניט קיין שיין־שרייבער און ניט קיין סאָף־ריידער; ער זוכט ניט קיין באַזונדערע ווערטער־באַפּוצונגען און טראַכט ניט צו קיין סצענעס. ער שפּאַנט נאָכן אַקער, נאָך דער בראָנע און טראַכט וועגן דעם לעבן וואָס גייט אויף און פאַרגייט פאַר זיין בליק, אין פעלד, אין וואַלד און אין דאָרף; צווישן פלאַנצן און אינזעקטן, צווישן כאַיעס און צווישן מענטשן. און דאָס וואָס ער זעט, און דאָס וואָס ער טראַכט ווילט זיך אים באַשרייבן, אַרויסזאָגן, פאַרצייכנט ער עס אין די אָוונטן ביי זיין ווייס־געהובליעוועטן דאָרפישן טיש.

און ווען מיר לייענען באָרעך בענדערסקים שריפטן, דוכט זיך אונדז, אַז מיר זעען ווי עס מיניען זיך די קאָלירן אין זיין בליק, אַז מיר הערן ווי די געדאַנקען פּולסירן אין זיין מויעך, אַזוי פּאַשעט און אומיטלבאַר איז עס געשריבן. דערפאַר ווירקט עס אויף אונדז אַזוי אומיטלבאַר. ניט נאָר טראַכטן מיר צוזאַמען מיט דעם שרייבער, נאָר מיר לעבן אויך איבער די זעלבע עמאָציעס.

באָרעך בענדערסקיס עלטערן

בענדערסקי מיט זיין פרוי, טאָכטער און אייניקל

מיר לייענען די פיר זייטלעך, וואָס עס פאַרנעמט די סקיצע: „זומער אין לאַנד", און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ וואונדערבאַר געמאָלענע זומער־לאַנדשאַפט; אַ פּייסאַזש, וואָס קיין שום מאָלער קען עס ניט אָנמאָלן, ווייל דער שרייבער האָט דערגרייכט אין זיין בילד אונדז צו ווייזן ניט נאָר די קאָלירן, נאָר אויך דעם אָטעם פון יעדעם וועזן, דעם זומערדיקן געמיט פון אַלץ וואָס לעבט אויף און לעבט. און ניט נאָר דאָס, וואָס איז אַנטפּלעקט פאַר אונדזער בליק, נאָר אויך די זאַפט וואָס שלאָגט פון אונטער דער ערד אין יעדער פאַרזייטן אָדער צופעליק־אַראָפּגעפאַלענעם זאָמענקערנדל און וואָס מאַכט אים אויפקוועלן „ביז צום צעשפּאָלטן ווערן און שיקט אַרויס אַף דער ליכטיקער שיין אָט די ערשטע צוויי בלעטלעך און אָט — אַ שפּיציק פּיילעכל..." אין די ביימער נעמט „די זאַפט שנעלער לויפן און שלאָגן אַרויפצו, און דאָ און דאָרט, אַף די צווייגן באַווייזן זיך די ערשטע קנאָספּן, ווערן פול און פולער, ווי די אָנגעבלאָזענע בעקעלעך פון קליינע קינדער, ווען ס'שטיקט זיי דאָס געלעכטער"...

און אַזוי, יעדע שורע, יעדער וואָרט צאַפּלט און אָטעמט מיט זומערלעב. און פון צווישן די ווערטער און פון צווישן די שורעס פּולסירט דעם שרייבערס געדאַנק, וואָס באַוואונדערט די אַרבעטזאַמקייט, פּלאַנמעסיקייט און האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט פון די מוראַשקעס, פון וועלכן די מענטשן וואָלטן זיך געמעגט אָפּלערנען...

דער געדאַנק פון שרייבער באַטראַכט אויך דאָס שפּינוועבס, די אויסגעשפּרייטע נעץ פון דער שפּין און איר פּאַראַזיטיש לעבן, און מיר צוזאַמען מיטן שרייבער טראַכטן דערביי: ווי פּינקטלעך אַ געוויסער קלאַס מענטשן האָט עס איבערגענומען...

און אַזוי האָט באָרעך בענדערסקי אָנגעשריבן צענדליקער סקיצן און נאַטור־שילדערונגען, דעריקער פון דעם לעבן פון כאַיעס, אַ טעמע וואָס איז זייער ווייניק באַרירט געוואָרן אויך אין דער וועלט ליטעראַטור: דאָס אינטימע לעבן פון די שטומע באַשעפענישן, זייערע ליידנשאַפטן, פון אַ טייל פון וועלכע דער מענטש אַליין האָט זיך נאָך ניט באַפרייט; זייער כאַראַקטער און גורל, וואָס איז זייער ענלעך צו דעם אונטערדריקטן און מיט געוואַלד פאַרשטומטן, אָרעמען מענטש.

אַ גרויסער טייל פון בענדערסקיס ליטעראַרישן שאַפן, וועט אַריין אין קלאַסישן אויצער פון אונדזער ליטעראַטור, און קען אויך אַריין ווי פּערל

אין דער ליטעראַטור פון אונדזער לאַנד און אויך אין דעם אויצער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

באַרעך בענדערסקי איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 1880 אין רעמאַנ־קאָוויץ, בעסאַראַביע. ער איז געקומען מיט זיינע עלטערן קיין אַרגענטינע אין יאָר 1894, זיך באַזעצט אַף „ייקאַ"־ערד אין דער קאָלאָניע זאַנענפעלד (סאַן גרעגאָריאָ), פּראָווינץ ענטרע ריאָס. פון זיין פּערצן יעריקן עלטער איז באַרעך געוואָרן אַן אַרגענטינער יידישער קאָלאָניסט.

אַ לאַנגע גאַס מיט קאָלאָניסטישע הייזער און הייפן אָפּגערוקט, ניט ווייט, איינע פון די אַנדערע אַףביידע זייטן וועג, — דאָס איז די קאָלאָניע זאַנענפעלד, וואָס געפינט זיך זיבן קילאָמעטער פון שטעטל און באַן־סטאַנ־ציע דאָמינגעז.

צווישן די צענדליקער הייזער און הייפן, טיילט זיך אויס איין הויף און איין שטוב: די דרויסנדיקע ווענט געקאַלכט, פאַרנט בלומען קוסטן, באַזוימט מיט גרינעם גראָז; שאָטן־ביימער און פרוכט־ביימער בילדן אַ סאָד אַרום שטוב, און צווישן די ביימער בינשטאָקן. אַזאַ איז געווען די ווירט־שאַפט פון באַרעך בענדערסקי.

אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט פלעגן זיך צונויפקומען די אַרומיקע שכיינים ביי באַרעכן אין שטוב. מען איז געקומען זיך דורכשמועסן, בייטן אַ ביכל, — אין אַ שאַפקע, אין אַ ווינקל זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט נומערירטע רוקנס עטלעכע צענדליק ביכער, דאָס איז געווען באַרוכס בי־בליאָטעק, וואָס איז געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק פון דער קאָ־לאָניע.

מיט די יונגוואַרג פלעגט באַרעך איינלערנען רעציטירן לידער פון אווראָם רייזין, מאָרים ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, אָדער לערנען ראָלן פון אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, וואָס באַרעך האָט מיט זיי געגרייט; באַרעכס שטוב איז געווען דער גייסטיקער צענטער, דער קולטור צענטער פון דער קאָלאָניע.

אַ הויכער, אַ גראַדער, אַ פעסט געבויטער, די קאָפּ שטענדיק אויפגע־הויבן מיט אַ ליכטיקן, פריינטלעכן בליק, מיט אַ שמייכל און אַ קלוג וואָרט אַף די ליפּן, איז באַרעך געווען געערט, רעספּעקטירט און באַליבט ביי דער קאָלאָניסטישער מאַסע פון דער פּראָווינץ.

באָרעך בענדערסקי, איז געווען איינער פון די גרינדער און אַקטיווע טוער פון דער אַגראַר קאָאָפּעראַטיווע „פּאַנדאַ קאָמונאַל", אַ מוסטער־אינסטיטוציע פאַר די אַגראַריער אין לאַנד. זייט ביי זייט מיט וואָרטמאַן, קיפּען און סאַכאַראָוו האָט ער אָנגעפירט מיט דעם פּראָגרעסיוון טייל פון די יידישע קאָלאָניסטן אין זייער קאַמף קעגן אָפּגעשטאַנענקייט, רעאַקציע און קעגן די מיסברויכן פון דער „ייקאַ"־אַדמיניסטראַציע.

אַ באַגייסטערטער מיט דער מאַפּאָלע פון צאַריזם, איז באָרעך גע־וואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון דער נייער אָרדענונג, וואָס איז געבויט גע־וואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. גליקלעך מיט די פריידיקע גרוסן וועגן דער פּראָ־דוקטיוויזאַציע פון די יידישע דעקלאַסירטע מאַסן, וועגן זייער איינאָרדע־נונג אויף ערד, וועגן דער גרינדונג פון דער יידישער ראַיאָנען אין אוקראַינע און קרים און שפּעטער די יידישע מעלוכעשאַפט אין ביראָ־בידזשאַן,

אין דער סוויווע פון זיין מישפּאָכע אין דער קאָלאָניע (יאָר 1947)

שליסט ער זיך אָן אין דער „פּראָקאָר" באַוועגונג און ווערט אַן אַקטיווער טוער און שטיצער פון דער פּראָגרעסיווער טעטיקייט בא אונדז אין לאַנד.

שוין זייענדיק קראַנק, אין די לאַנגע יאָרן פון זיין שווערער קראַנק־הייט, האָט ער מיטגעלעבט מיט דעם גיגאַנטישן קאַמף קעגן דעם נאַציפאַ־שיזם אין דער וועלט, מיט דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי, מיט דעם זיג פון די פאָלקס קויכעס אין כינע און אַנדערע טיילן וועלט, ער האָט אויך

און זיין קראַנקן־בעט נאָכגעפאָלגט מיט זאָרג און אמרו די נייע וואָלקנס פון שוואַרצער רעאַקציע, פון נעאָנאַציזם, וואָס רוקט זיך אָן און באַדראָעט די וועלט, דאָס מאָל, פון דעם מאַירעוודיקן העמיספער, פון אונדזער אַמע־ריקאַנער קאָנטינענט.

ב. בענדערסקי צוזאַמען מיט דעם דיכטער כי שנייער וואַסערמאַן, אין זיין סאָד, אין דער קאָ־לאָניע סאַן גרעגאָריאָ (נאָוועמבער 1941)

באָרעך בענדערסקי, איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין אַרגענטינע, איז אויך איינער פון די פּיאָנערן פון היגן יידישן געדרוקטן וואָרט.

אין יאָר 1908 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן א זשורנאַל „יידישע האָפ־

נונג״, אונטער דער רעדאַקציע פון י. יאָסעלעוויטש. אין דעם ערשטן נו־מער פון דעם זשורנאַל ווערט געדרוקט די ערשטע זאַך פון באָרעך בענ־דערסקי: „נאָך טאַשלעך אין קאָלאָניע״.

שוין מיט דעם פעליעטאָן ווערט באָרעך בענדערסקי איינגעבירגערט אין דער היגער יידישער פּרעסע. זיינע מיטאַרבעטן: סקיצן און שילדערונ־גען ווערן געדרוקט קימאַט דורך אַלע אויסגאַבעס, וואָס זיינען פון יענער צייט דערשינען: אין „יידישן קאָלאָניסט״ שפּעטער „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַ־טאָר״, „פּאַר גרויס און קליין״, אין „פּענימער און פּענימלעך״, אין „די נייע צייט״, אין די טעגלעכע יידישע צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אין דעם „יידישן פויער, אָרגאַן פון „פּראָקאָר״ און אין „שול־כאַוועד״, דער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פאָלקס־שולן.

דער פּרוכטבאַרסטער פּעריאָד פון זיין שרייבן איז פון 1919 ביז 1931, ווען עס איז דערשינען זיין בוך „אַף יידישע פעלדער״. דערנאָך קומט דער טויט פון זיין פרוי, און באַלד זיין קראַנק ווערן, אַ קראַנקהייט, וואָס האָט זיך געצויגן אין מעשעך פון קאַרגע צוואַנציק יאָר, און האָט זיך פאַרענדיקט דעם 28־טן פעברואַר 1953. אין דעם טאָג איז געשטאָרבן איינער פון די הערלעכע געשטאַלטן פון יידישן יישעוו אין אַרגענטינע; אין דעם טאָג איז געשטאָרבן באָרעך בענדערסקי — איינער פון די אָרי־גינעלסטע און בעסטע יידישע שרייבער אין אַרגענטינע.

י. לינקאָווסקי

נאטור

זומער אין לאַנד

קוים קומט דער זומער אין לאַנד, אַזוי הייבט אָן אויפגיין אַ נײַ לעבן אַף די פעלדער.

פון דער ערד פּיקן זיך אויס, ווי הינדעלעך פון איי, יונגינקע גרעזע־לעך. ווו נאָר ערגעץ אַ קערנדל, וואָס איז פאַריקן זומער אַראָפּגעפאַלן און אין דער ערד זיך באַהאַלטן, דעם ווינטער איבערצוקומען, אָדער עמעצער האָט עס בעקיוון אין דער ערד פאַרשאַרט, קוועלט עס איצט אָן פון נאַכעס און פאַרגעניגן, פון וואַרעמקייט פון דער זון און פײַכטקייט פון דער ערד, ווערט עס קיילעכדיק, פול און פולער, ביז צום צעשפּאָלטן ווערן, און שיקט אַרויס אַף די ליכטיקע שײַן אָט די ערשטע צוויי בלעטעלעך און אָט אַ שפּיציק פײַלכל...

ביימער — דעם גאַנצן ווינטער אָפּגעדרעמלט, נאַקעטע, אָן בלעטער — דערפילן עפּעס כיעסדיקס אין די וואָרצלען, הייבן זיך אָן באַוועגן, ווי פון שלאָף, און כאַלעמען זיסע כאַלוימעס פון שיינע צײַטן און נאָך שענערע פרוכט, נעמען שטאַרקער אָטעמען, די זאַפט שנעלער לויפן און שלאָגן אַרויפצו און דאָ און דאָרט, אַף די צווייגן, באַווייזן זיך די ערשטע קנאָספּן, ווערן פול און פולער, ווי די אָנגעבלאָזענע בעקעלעך פון קליינע קינדער, ווען ס׳שטיקט זיי דאָס געלעכטער...

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן צעעפענען זיי זיך און צעשמייכלען זיך — דאָס האָבן זיי דערפילט, אַז דער זומער איז דאָ אין לאַנד. כאַפּן זיי אין איילעניש זיך פּוצן אין גרינע מאַנטלען, לעקאָוועד יאָנטעוו...

פייגעלעך — מאַכנעסווייז קומען זיי פון ערגעץ, פולן אָן די לופט מיט זייער פּישטשעריי, שפּרינגען פרײַלעכע פון איין צווײַג אַפן צווייטן, פון איין פּלויט אַפן אַנדערן, טיילן זיך אָפּ פאַרלעכוויִז, פאַרליבן זיך און כעמען קלייבן טרוקענע גראָז און פעדערן, צו מאַכן אַ נעסט...

ווערעם — נאָכן דורכמאַכן עטלעכע גילגולים, ווער צווישן טרוקענע בלעטער פוןביימער און ווער אַף טרוקענע שטעקעלעך, אין ערדלעך־נעסטן, פאַרמויערטע אינעווייניק, אָן קיין שום עפענונג, און איינגעשלאָפענע, דערפילן פּלוצעם דעם זומער, כאַפּן זיך אויף, עפענען אַ פענצטערל, קוקן אַרויס, דערזעען אַז דער זומער איז דאָ אין לאַנד, שאַרן זיי זיך אַרויס קעגן דער זון, שטעלן זיך אַוועק און בלייבן פאַרכידעשטע. ווי דורך אַ וואונדער זיינען באַ זיי פליגעלעך אויסגעוואַקסן, פון פאַרשיידענע פאַרבן, און גאָר־שנעל פאַרלעכוויז הייבן זיי זיך אויף און יאָגן זיך איינס ס'אַנדערע גראַציעז אין דער לופט, פליען פון איין בלום צו דער צווייטער...

מוראַשקעס — געוואויר געוואָרן, אַז דער זומער איז דאָ אין לאַנד, נעמט מען זיך נאָך מיט מער בּיישעק צו דער אַרבעט; בויען נייע גאַלעריען, די אַלטע — איבערבויען, צעטיילן זיך אַף גרופּעס. איינע פירט אַרויס די ערד וואָס ווערט אינעווייניק אויסגעגראָבן; אַ צווייטע ברענגט צו שלעפּן בוי־מאַטעריאַל; אַנדערע, ווידער, לאָזן זיך אַוועק אין די מערכאָקים, צו פאַרזאָרגן מיט לעבנסמיטל די גאַנצע פאַמיליע. און ווידער ווערט די אַרבעט איינגעטיילט; אייניקע האַקן אונטער גראָז, לייגן עס אַוועק צו דער ערד, מאַיסע העקער, אַנדערע טראָגן עס איבער איינציקווייז אין לאַגער, גייענדיק איינע נאָך דער אַנדערער אין מיליטערישער אָרדענונג, לייגן עס דאָרט אַוועק און לויפן ברענגען נאָך.

און אַזוי אַ גאַנצן טאָג פון זון ביז זון. פון אַכט שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג וויסן זיי נאָך נישט און, אַז מ'דאַרף, אַרבעט מען צו אויך אין דער נאַכט אַריין. ניטאָ קיין צייט צו רוען, זומער איז דאָ אין לאַנד, און מ'דאַרף דאָס אויסנוצן...

בינען — האָבן גאָר אויפגעלעבט; די שפּייז האָט זיך געהאַלטן באַ ענדיקן; קוים דעם ווינטער דורכגעקומען. אָפּטמאָל, ווינטער־צייט, נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון האָט עטוואָס מער געוואַרעמט, פלעגן די מערגעוואַגטע בינען אַרויס פון בינשטאָק, און מאַכן עטלעכע לופט־קרייזן, און איבערצייגנדיק זיך, אַז ס'איז נאָך ווייט צו זומער, זיינען זיי אַריין צוריק אין בינשטאָק און וואַרטן אַף בעסערע צייטן.

נאָר איצט זשומעט עס און קאָכט אַרום בינשטאָק: זומער איז דאָ אין לאַנד; די סימכע איז גרויס.

אייניקע לאָזן זיך אַוועק ווייט־ווייט איבער די פעלדער, זוכן אויס די שענסטע בלומען, פאַרזוכן דאָ און דאָרט צו ביסלעך, רוקן זיך אַריין ביזן דעק פון די בעכער פון אַלערליי בלומען און, באַלאָדענע מיט האָניק און וואַקס, קערן זיי זיך צוריק אַהיים, אין בינשטאָק, וואו ס'וואַרטן שוין אויף זיי די אַנדערע בינען־אַרבעטער — נעמען איבער דעם מאַטעריאַל און אַרבעטן אויס קונציקע אָפּטיילונגען, נייע קעסטמעלעך פאַר האָניק און פאַרן נייעם דאָר וואָס דאַרף קומען...

אינסעקטן — צווישן גראָז, אויף דער פייכטער ערד, שווימלט און ווימלט מיט זיי, קליינע און נאָך קלענערע. פון טאָג צו טאָג ווערט דאָס געזינדל גרעסער און גרעסער. יעדן פרימאָרגן באַזוערט זיך איבער מאַסע בערייִשים. עס ווערן באַשאַפן אַלץ נייע און נייע, און יעדן איינעם ווערט שוין צוגעשניטן אַ שטיק לעבן, וועמען אַ גאַנצע שאָ און וועמען אַ גאַנצער זומער, וועמען אויף אַ פינטל מיטן אויג, און וועמען אַ גאַנצער טאָג.

און קאַלזמאַן מ'לעבט — איז באַ זיי אַ קלאַל — מוז מען אַרבעטן: לויפן זיי אַרום אַהין און אַהער, מ'ראַשט און מ'פילדערט. זומער איז דאָ אין לאַנד און מ'טאָר נישט רוען.

נאָר אַ מאָל מאַכט זיך, אַז אייניקע שטעלן זיך פלוצעם אַוועק אַ ביסל אָפּרוען, נעבן אַ גרעזל און, קוקנדיק אַרויף, פאַרטראַכטן זיי זיך וועגן דעם וואָס ס'טוט זיך פון יענער זייט גראָז, איבערהויפּט וועגן דער הייך פונעם גראָז, וואוהין גרייכן די שפּיצן, ווערט דאָ שוין באַ זיי אַ בעלוקעדייעס — אייניקע האַלטן, אַז די שפּיצן גרייכן ביזן זיבעטן הימל און אַנדערע מיי־נען גאָר, אַז גראָז איז אומענדלעך...

אָבער באַלד פאַרשעמען זיי זיך פאַר זיך אַליין, און ווידער נעמען זיי זיך לויפן הין און צוריק: זומער איז אין לאַנד און ס'איז אַ פאַרברעכן נישט אויסצונוצן אים...

שפּינען — האָבן דעם גאַנצן ווינטער זיך אָפּגעפּלאָגט, אויפהאַלטנ־דיק זיך צווישן שפּאַלטן פון שטיינער און העלצער. פון צייט צו צייט בלויז פלעגן זיי אַרויסגיין, זען צי איז נישט אַריינגעפאַלן אין דער נעץ אַ פליג אָדער אַ זשוק, נאָר זייער זעלטן האָט עס געטראָפן, ווייל אויך די פליגן און זשוקעס זיינען אין ווינטער אויף גרויסע צאָרעס... נאָר, ווען ס'מאַכט זיך אַ מאָל, אין אַ וואַרעמען טאָג, ווען אַ פליג, וואָס ליגט די גאַנצע צייט

פאַרכאַלעשט און באַלעמט פון זומער, דערפילט פלוצעם עפעס זומערדיקס — הייבט זי זיך אָן באַוועגן, רייבט אַ פיסל אין אַ פיסל, גייט איבער מיט זיי איבער די פליגעלעך, ווי זי זאָל וועלן זיך איבערצייגן צי האָט זי גאָר פליגל, און אַזוי שוואַך, אָפּגעלאָזן, לאָזט זי זיך פליען און פאַלט אַריין אין אַ קראַם צו דער שפין (אַזוי רופן די שפינען זייערע נעצן פון שפינוועבס), קאָן מען פון אַזאַ קוינע (אַזוי רופן זיי די שפינען) קיין פאַרנאַסע נישט האָבן — זיי זיינען אַליין הויט און ביינער — רוקן זיי זיך צוריק, די שפינען, אין זייערע שפּאַלטן, און וואַרטן אַפן זומער אַף בעסערע צייטן.

און איצט מיטן אָנקומען פון זומער, לעבן זיי גאָר אויף, קריכן אַרויס פון די שפּאַלטן, פון זייערע באַהעלטעניש, נעמען זיך פלייסיק צו דער אַרבעט, עפענען נייע שפינוועבס-קראָמען, ציען שטאַרקע פעדעם אין אַלע זייטן, צובינדנדיק זיי צו צווייגן, בוריאַנעס אָדער צו וואָס נישט איז, און אַליין פאַרשטעקן זיי זיך אין אַ זייט, אין קליינע ספּעציעל-געמאַכט וואוינונגען, אַפילע מיט אַ טעלעפאָן-איינריכטונג פון דינע זיידענע פעדעם, געצווינגן צו דער נעץ פון שפינוועבס, וואָס גיט זיי צו וויסן, ווען קוינים קומען...

אַנדערע באַזעצן זיך גלייך אין צענטער פון דער נעץ, ווילן זיך אַף קיינע ניסים נישט פאַרלאָזן...

און יעדע ווײַלע קומט אַריין אַ פליג, אַ זשוק פאַרפּלאָנטערט זיך — רוקט זיך גלייך אַרויס די שפין פון איר באַהעלטעניש און פאַרטיקט זיך מיט זיי אָפּ אײנציקווייז, דעם אַ ביס, אַ צווייטן — דערווייל איינגעפּלאָנטערט, פאַרבונדן; נישקאָשע, זאָל ער וואַרטן ביז זיין ריי וועט קומען...

און אַזוי אַ גאַנצן טאָג.
די שעפע איז גרויס און אַרבעט איז פאַראַן פיל.
זומער איז דאָ אין לאַנד!...
און אַזוי יאָר איין, יאָר אויס.

דער יעגער

מיט דער ביקס אין דער האַנט און מיט אַ יעגער־טאַש פון שטריקלעך געפלאָכטן און מיט פראַנדזן אַרומגעברעמט באַ דער זייט, גייט דער יעגער איבערן פעלד.

בלייבט שטיין, קוקט זיך איין אין אַ געוויסן פונקט, וואו עס דאַכט זיך אים, ער זאָל האָבן באַמערקט אַ פויגל. שטיל, פאָרזיכטיק, ווי אַ קאַץ, גאַנוועט ער זיך אונטער, נישט צו מאַכן קיין ראַש, די אויגן אָנגעשטרענגט אַף יענעם פונקט, ציט אויס פאַמעלעך די ביקס, האַלט זי אַזוי אַ ווײַלע, אין איין פאָזע, נישט צו פעלן. עס הערט זיך אַ קנאַק, עס זעט זיך אַ קלײנער רויך. און ער לאָזט זיך האַסטיק לויפן אַהין.

אַ גרויסער פויגל, פליענדיק אין דער הייך, האָט, נאָכדעם ווי ער האָט עטלעכע קרייזן אין דער לופט געמאַכט, זיך אַראָפגעלאָזט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער זעט אַף דער ערד, צווישן גראָז, עפעס זיך באַוועגן, אַ זשוק, אַ וואָרעם אָדער עפשער גאָר אַ מייזעלע — האָט ער זיך גלייך אַף יענעם פונקט אַ וואָרף געטאָן.

און ריכטיק: אַ מייזעלע איז דאָרט צווישן גראָז אַרומגעלאָפן. האָט דער פויגל עס באַלד אַ כאַפ געטאָן מיט די נעגל, מיטן שנאָבל האָט ער עס אַ צוויי פיק אין קעפל געגעבן און באַלד עס פאַרשלונגען, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן דעם ביסן אַראָפצושלינגען, האָט ער פלוצעם דערהערט אַ קראַך, דערפילט אַ וואַרעמקייט אין גאַנצן קערפער, דער ביסן איז אים אין האַלדז געבליבן שטיין, די פיס האָבן אים אויפגעהערט צו דינען — האָט ער זיך אַפן בויך אַראָפגעלאָזט, געפאַטשט מיט איין פליגל, דער צווייטער איז אים אָפגעשאָסן געוואָרן.

דער יעגער איז באַלד אָנגעלאָפן, מיט פרייד דעם פויגל אַ כאַפ גע־

טאָן, אים א ווײלע אַזוי געהאַלטן אין דער הײך, אים באַטראַכט און, ווען דאָס בלוט איז אַביסל אָפּגערונען, האָט ער אים אין טאַש אַרײַנגעוואָרפן.

און ווידער האָט ער די ביקס אָנגעלאָדן, און זיך ווײטער געלאָזט גײן.

און אַזוי האָט ער אַ פולן טאַש מיט געשאָסענע פײגל אָנגעפּולט.

דער טאָג איז געווען אַ הײסער, און פילנדיק זיך מיד פונעם אַרומ־יאָגן זיך איבער די פעלדער, האָט ער באַשטימט זיך אַביסל אויסצורוען, האָט אויפגעזוכט אַ קלײן בערגל, מיט גרינע גראָז באַדעקט, אַוועקגעלײגט אַפן גראָז די ביקס, דעם טאַש מיט די געשאָסענע פײגל און אַלײן זיך אויך אַפן גראָז אויסגעצויגן.

אַ צופרידענער שמײכל האָט זיך אַף זײַן פּאָנעם אויסגעגאָסן, קוקנ־דיק אַף דעם פאַרמעגן וואָס ער האָט הײנט צונויפגעצוּמען, געקוקט מיט שטאָלץ אַף זײַן ביקס, וואָס פאַר אַ גוטער אינסטרומענט דאָס איז בײַ אים אין די הענט און, שטאָלץ אַף זיך אַלײן, פאַר זײַן גוט טרעפן אין ציל, און צומאַכנדיק די אויגן, האָט ער גענומען פאַנטאַזירן וועגן די מאַ־כאָלים וואָס ער וועט פון די פײגל מאַכן. דאָס ערשטע וועט ער נעמען און אָפּבראָטן דעם גרעסטן און פעטסטן פויגל, אַ צווײטן אין פוטער פּרעגלען, אַ דריטן — אָפּקאָכן, אַ פערטן . . .

דאָ האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ זשומען פון אַ פליג, אָבער אַזוי שטאַרק און אַזוי נאָענט, פונקט נעבן אויער, אַז ער האָט זיך האַסטיק אויפ־געזעצט און מיט די אויגן גענומען זוכן. און ער האָט דערזען אַזאַ בילד:

אַף צווײ הויכע בוריאַנעס, נישט ווײט אײנער פונעם אַנדערן, איז געווען אַ נעץ אויסגעשפּרײט פון שפּינוועבס, קונציק אויסגעאַרבעט, קײַ־לעכדיק, און מיט געאָמעטרישער פּינקטלעכקײט אויסגעמאָסטן און צונויפ־מענגעקניפּט, פאַרזיכערונגס־פעדעם געצויגן אין אַלע זײַטן און באַפעס־טיקט.

אַ פליג, דורכפליענדיק, האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דער נעץ און זיך פאַרפּלאָנטערט און, וואָס מער זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אויסצופּלאָנטערן זיך, האָט זי זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט.

אין צענטער פון דער נעץ איז געזעסן אַ שפּין און מיט פאַרגעניגן זיך אײַנגעקוקט אין דעם פעטן ביסן, וואָס ס'איז איר אַרײַנגעפאַלן, האָט זיך

באַלד אַ לאַז געטאָן אַף איר קאָרבן, וואָס אין שפּינוועבס איינגעוויקלט און פֿאַרקניפּט.

און די פליג האָט נישט אויפגעהערט צו זשומען, ליאַרעמען, זיך וואַרפן אַף אַלע זייטן, לויז צו ווערן, זיך באַפרייען פון אַ זיכערן טויט.

אַ גרויס ראַכמאָנעס האָט זיך באַם יעגער אין האַרצן דערוועקט צו דער פליג און אַ שטאַרקער האַס צו דער שפּין.

האָט ער נערוועז גענומען זוכן אַרום אַ שטעקעלע אָדער וואָס ס׳נישט איז, אויסצופּלאָנטערן די פליג און צעקוועטשן די שפּין.

און אַזוי, זוכנדיק און טאַפּנדיק מיט די הענט אַרום זיך, איז ער מיט די הענט אַרויף אַף די געשאָסענע פייגל, וועלכע זיינען געלעגן צוזאַמענגעוואָרפענע אין טאַש אַף אַ קופּע, מיט די פליגל צעשפּרייטע און פאַרדרייטע, פול אין בלוט איינגעטונקענע, די העלדזער — אויסגעצויגענע, די שנאָבלען האַלב־אָפענע און מיט בלוט־פאַרלאָפענע, און געקוקט מיט האַלב־צוגעמאַכטע, פאַרגלעזערטע אויגן.

דער יעגער איז אַ וויילע געבליבן שטיין, ווי צעמישט, האָט מיט שרעק גענומען באַטראַכטן זיינע הענט, וועלכע זיינען געווען אין בלוט איינגעשמירט, נאָכער גענומען קוקן, דאָ אַף די פייגל, און דאָ אַף דער פליג, געקוקט אַף דער שפּין און אַ טראַכט געטאָן פון זיך — און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן...

פויל, אָפּגעלאָזן, ווי אומבאַהאָלפן, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן איבערן קאָפּ דעם טאַש מיט די געשאָסענע פייגל און אין האַנט האָט ער די ביקס געטראָגן, און מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרטיפט אין געדאַנקען, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אין די אויערן האָט אים נישט אויפגעהערט צו קלינגען דאָס זשומען פון דער פליג.

און פונעם טאַש — האָט זיך אים געדאַכט — ווי ער זאָל האָבן געהערט אַ קאָל, וואָס זאָל שרייען גלייך אים אין פּאָנעם אַריין:

— שפּין! שפּין!

לעבן

אין פענצטער איז זי געשטאַנען.

א נייע וועלט האָט זיך פאַר אירע אויגן אויסגעשפּרייט. ס'איז געווען א פרילינגס־טאָג. די זון, וואָס איז געשטאַנען הויך אין הימל, האָט מיט ליבשאַפט געוואַרעמט. די פעלדער ארום האָבן זיך מיט גרינס באַדעקט. די ביימער, מיט בלומען אָנגעטועטע, האָבן די לופט מיט א געשמאַקן ריייך אָנגעפולט.

דאָס פעלד איז פול געווען מיט לעבן.

נישט ווייט, אפן פעלד, האָבן זיך קי מיט קעלבער געפּאַשעט. יונגוואַרג איז פריילעך ארומגעלאָפן, געשפּרונגען, געדריגעט, געלאָפן איינס נאָך ס'אַנדערע, מעשונע־ווילד געמעקעט, און נאַרעשעוואַטע זיך ארומגעקוקט. לויפט יעדער צו זיין מוטער, ניורעט זיך איין אין דעם אייטער, ביז זיי באַקומען אזש א שוים ארום מויל.

און דאָרט — א גאַנצע סטאַדע פערד. אייניקע פּאַשען זיך, אַנדערע ליגן אויסגעצויגן אפן גראָז, וואַרעמען זיך קעגן דער זון. יונגע לאָשיקעס — זיי גייט נישט אָן דאָס עסן, נישט דאָס שלאָפן; דאָס לעבן איז איצט צו אינטערעסאַנט; נעמען זיי זיך צוזאַמען א גאַנצע בעוורע, מ'פאַרברענגט, מ'שטעלט זיך אף די הינטערשטע פיס איינער קעגן צווייטן און מיט די פאָדערשטע ווילן זיי זיך ווי ארומנעמען, ארום די העלדזער, פאַלן אָבער באַלד אראָפּ און בייסן זיך אף צו קלוימערשט. ארום זיי ווערט א ראָד פון יונגע פערד, און לאָשעקעס, וועלכע לויפן ארום מיט גרינגע טריט, הירזשען שטילערהייט, ווי זיי זאָלן וועלן צוגעבן כיישעק צו דער שפּיל, און באַלד פאַרדייסט מען עקן און מ'שיסט אוים אין פולן גאַלאָפּ איבער די פעלדער.

אין הויף גריבלען זיך מאסן הינער אין דער ווייסער ערד, זוכן עפּעס א לאַקאַטקעלע, א ווערעמל וואָס קריכט איצט ארויס פון דער ערד.

דער האָן שפּאַצירט ארום מיט גאַדלעס, מיטן קאָפּ אין דער הויך, ווארפט אויגן אין אַלע זייטן, זוכט, שאַרפּעט מיט די פיס, גיט א צוויי שפּאַן אַף אהינטער, קוקט זיך צו, צי האָט ער עפּעס צום עסן, מאַכט אַן קוילעס, רופט צוזאַמען אַלע זיינע ליבלינגען און צעטיילט צווישן זיי די מעציע.

באַלד באמערקט ער פון ווייטן, ווי דער צווייטער האָן, זיינער א לאַנגסטיקער סוינע, מאַכט עפּעס שטוקעס מיט זיינער גאָר א נאָענטער, ווארפט ער אַלץ אַוועק און לויפט אהין אין איין אָטעם און ווארפט זיך מיט צעשפּרייטע פליגל אַף זיין קאָנקורענט.

גאָר־אָפּגעזונדערט גייען זיך ארום די קוואָטשקעס מיט די קליינע הינ־דעלעך, זוכן אויך אין מיסט און צעטיילן עס צווישן די קינדערלעך.

פאַרן פענצטער דרייט זיך אין א ראָד א מאַכנע פליגן; מיט פליגעלעך צעשפּרייטע יאָגן זיי זיך שטיפערישע.

און זי — איז אַלץ געשטאַנען אין פענצטער און געקוקט; ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי וואָלט אויך געפלויגן, וואָלט זיך אריינגעריסן אין יענעם ראָד פליגן, וואָס דרייען זיך אין דרויסן פאַרן פענצטער; זי דאַרף זיך נאָר א הייב טאָן, צעשפּרייטן די פליגל...

זי איז געווען יונג, פריש, פול מיט לעבן, און קיין פליגל וואָלט איר, דאַכט זיך, אויך נישט געפעלט...

פּלוצעם האָט זיך איינער אָפּגעשטעלט אין פענצטער. ער איז אויך געווען יונג, שיין געבויט. זיי האָבן זיך מיט די בליקן באַגעגנט, מיט יענע בליקן, וואָס נאָר יונגע, פול מיט לעבן און ליבע קאָנען קוקן. ער האָט איר עפּעס אין דער שטיל געזאָגט (און עפשער האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט) און איז אַוועק.

זי איז געבליבן שטיין א צעמישטע, האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער האָט זיך מיט אַנדערע אויסגעמישט און פאַרשוואונדן. און א בענקעניש צום לעבן און צו אַלץ וואָס לעבט האָט זי ארומגענומען. און איצט, נאָכמער ווי פריער, האָט זיך איר געוואָלט אויפהייבן און פליען, אַלץ אומאַרמען און צודריקן צום האַרצן.

א לייכטער קלאַפּ אין פענצטער, און זי האָט אים ווידער דערזען, פול מיט ליבע האָט ער אַף איר געקוקט, און שטיל, ווי דאָס זשומען פון א

פליג, האט ער צו איר געשעפטשעט, אין דרויסן זי ארויסגעבעטן, אף א שפאציר איינגעלאדן.

שווייגנדיק, אן א ווארט אויסצורעדן, האט זי פארלאזט דאס פענצטער און איז צו אים ארויס.

זייט בא זייט זיינען זיי אוועק איבער די גרינע פעלדער, אפשטעלנדיק זיך נאר פון צייט צו צייט, וואו ס'האבן זיך געזען די שענסטע בלומען.

אזוי האבן זיי ארומגעשפאצירט דעם גאנצן טאג און, אז די זון האט זיך אנגעהויבן ארפלאזן, האבן זיי זיך אומגעקערט אהיים.

איצט האבן זיי זיך געפילט אזוי נאענט איינס צום אנדערן, אז זי האט אים איינגעלאדן צו זיך.

ער האט שוין דארט גענעכטיקט.

און ווידער האט די זון געווארעמט, ווידער האט דאס לעבן אומעטום זיך אנגעהויבן צו באוועגן. יונגינקע פליגן, נישט לאנג געבוירענע, אבער שוין דערוואקסענע, טראגן זיך אין דער לופט, אנדערע — שטייען אף די שויבן פון די פענצטער, ווארעמען זיך קעגן דער זון.

דורך א צובראכענער שוין טראגט זיך אריין מיט ראש און געפילדער א גרויסער שווארצער זשוק, טראגט זיך אין דער לופט מיט צעשפרייטע פליגל, מאכט א פאר קרייזן, ווי ער וואלט זיך וועלן אין עפעס איבערצייגן, און פלוצעם — באץ! גיט ער א זעץ מיטן קאפ אין וואנט, פאלט אראפ אף דער ערד, בלייבט ליגן אפן רוקן און ווארפט מיט די פיס.

די פארליבטע האט עס אין דרויסן געצויגן. ווידער זיינען זיי אוועק איבער די גרינע פעלדער. אפגעשטעלט האבן זיי זיך ערשט באם שמאלן וואסער, וואס האט זיך געשלענגלט צווישן צוויי ברעגעס מיטביימער און קווייטן באזוימטע.

אין א מאמענט, ווען זי איז געבליבן אליין — ער האט פון ווייטנס באמערקט שיינע בלומען — האט זיך פון צווישן די ביימער באוויזן א פרעמדער און, טרעפנדיק זי אליין, האט ער צו איר ביינדלעך געמאכט און אין ליבע זיך דערקלערט.

אף איר געשריי, איז דער געליבטער אנגעלאפן.

דער פרעמדער, וועלכער האט ערשט איצט באמערקט, אז זי איז נישט

אליין, האָט, נאָך אַ ווײַלע קוקן מיט פאַראַכטונג אױף זײַן קאָנקורענט, זיך אױף אים געוואָרפן שלאָגן.

אַ געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן. ביידע האָבן מיט פאַרצווייפלונג געקעמפט אױף טויט און לעבן. זי איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע. זי האָט געזען, ווי ביידע ראַנגלענדיק זיך, שוין פאַרמאַטערטע, האָבן זיך צוגעקייקלט צו אַ גרוב פול מיט וואַסער און באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּליוסק. ביידע זײַנען מיט איין מאָל אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב געוואָלט נעמען טרינקען דאָס גלאָז טיי, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען, האָב איך באַמערקט, ווי צוויי גרויסע פליגן, ראַנגלענדיק זיך, זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין גלאָז און דאָרט דעם טויט געפונען...

איבער דער גלאָז טיי איז אַ קליינע פליג אַרומגעפלויגן און געזשומעט... און עפשער האָט זי געוויינט? ווער ווייס?

די קאַרדאַ און דער ווייץ

שוין פאַרזייט דעם ווייץ, אַ קליינער רעגן איז אַראָפּגעפאַלן און דער גאַנצער ווייץ איז אויפגעגאַנגען. ווי דורך אַ צויבער איז דאָס גאַנצע פעלד, קימאַט, איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן פון שוואַרץ אַף גרין — קאָלירן פון האָפענונג. אַ האָפענונג, אַז מיט דער צייט זאָל זיך באַצאָלן פאַר דער אַרבעט און אַזוי פיל מי. יונגינקע די גרעזעלעך, ווי קליינע קינדערלעך שפּילן זיי זיך שטיפעריש קעגן דער זון. יעדער קלייניקייט ברענגט זיי פרייד. אַ קליין ווינטעלע גיט אַ בלאָז ,הייבן זיי זיך אָן באַוועגן, שאָקלען, טאַנצן, אַז עס איז אַ פרייד צו קוקן.

צוזאַמען מיט זיי איז אויך אויפגעגאַנגען, געבוירן אַ קאַרדאַ, וועלכער האָט זיך מיט די קליינוואַרג ניט געבאַוועט. ער איז זיך געשטאַנען אין דערמיט און גאַדלעסדיק געקוקט פון אויבן אַראָפּ, גלייך ווי אַלץ וואָלט נאָר פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן. ער האָט פאַרנומען דאָס גרעסטע און בעסטע פּלאַץ און אַלע אַרום זיך אָפּגעשטופּט. ווער עס האָט ניט געוואָלט מיט גוטן אַוועק, האָט ער דערלאַנגט מיט אַ שטעכער פון זיינע בלעטער... ער האָט אַלץ געזוכט דעם גרעסטן ביילעק פון דער ערד אַרויסצוציען . . .

דאָס האָט אַלעמען פאַרדראָסן, נאָר דאָך האָבן זיי געשוויגן, איבערהויפּט האָבן געשוויגן די, וואָס זיינען אויסגעקומען ווייט פון אים. ביטער איז עס נאָר געווען די יעניקע ,וואָס זיינען געשטאַנען צו נאָענט צו אים; זיי האָבן געמוזט קומען מיט אים אין באַרירונג און אָפּט ליידן פון זיינע גיפטיקע שטעך . . .

און די קאַרדאַ איז זיך אַלץ געשטאַנען מיט גאַדלעס, דעם קאָפּ פאַרריסן, די שטעכנדיקע בלעטער צעשפּרייט אַרום.

גאָר נאָענט צו דער קאַרדאַ איז געשטאַנען אַ ווייץ איינגעבויגן אין דרייען, געקרימט זיך אין אַלע זייטן ,אויסצוהיטן זיך פון אַ שטאָך... און אַליין געדולדיק איבערגעטראָגן. אָבער, ווען עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, פּאַשעט ניט אויסצוהאַלטן, האָט זי זיך אָנגענומען מיט האַרץ. סיי ווי — טראַכט זי זיך — וואָס האָט זי דאָ אָנצואווערן? האָט פאַרבויגן דאָס קעפּעלע, געקוקט אַרויף צו דער קאַרדאַ, האַלב מיט פּאַראַכטונג, האַלב מיט אַ ראַכמאָנעס פענעמל און האָט אַ זאָל געטאָן צו דער קאַרדאַ: זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, הער קאַרדאַ, וואָס האָסטו זיך מיר אַריינגערוקט אין די זייטן, און שטערסט מיר מיין לעבן. ווער האָט נאָך דיר געשיקט אַהער?

די קאַרדאַ האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך אומגעקוקט, ווי אומגלויב־לעך, האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם, האָט זי מיט קאַעס זיך אָפּגערופן: וואָס הייסט ווער? דו שויטע! באַ וועמען דאַרף איך עס פרעגן אַ דערלויר־בעניש. עפּשער באַ דיר? קוק דיך נאָר אָן מיט מיינע אויגן ,וואָס פאַר אַ פּאָנעם דו האָסט: אַ דין, שוואַך שטרויעלע, מיט עטלעכע שמאָלע בלעטע־לעך. היינט דיין שמאָל זאַנגעלע און אַפילו דיין בליאונג, האָט דאָך קיין שום צורע ניט. איך אָבער, בין אַ פאַרנעם, יעדער בלאַט פון מיינע פילע בלעטער איז דאָך שענער פון דיר אינגאַנצן. עס איז דאָ וואָס אָנצוקוקן. היינט מיינע בלומען! עס איז דאָך פּאַשעט אַ פאַרגעניגן צו זען! וואו נעמט זיך גאָר צו דיר אַזאַ כוצפּע, מיר אַזעלכעס צו זאָגן? אַ שיינע ווערט האָסטו באַ מיר. מיט איין שאָקל פון מיינס אַ בלאַט, וואַרף איך דיר אום.

דאָ האָט דער ווייץ, וועלכער האָט אַ ביסעלע מער מוט באַקומען, שוין דרייסטער געענטפערט: דאָס ווייס איך, דו ביסט פעאיק אויף אַלץ. אַבי נאָר דיר גוט מאַכן גייט דיר גאָרניט אָן, וואָס די גאַנצע וועלט וועט ליידן.

אָבער פון אונדז האָט די וועלט גרויסע נוצן, זי מאַכט פון אונדז ברויט. און באַ דיר איז רעכט אונדזערע צו הארגענען ,אַבי דו זאָלסט דיר שטיין באַקוועם און באַקומען אויך זייער ביילעק לעבנסמיטל. און דו מיינסט אַז דערמיט ,וואָס דו לאָזט קלוימערשט אַרויס אַ רויטן קווייטל, וועסטו שוין אָפּנאַרן די גאַנצע וועלט, אַז דו ביסט גאָר אַ שיינע בלום און ניט קיין שטעכנדיקער באַריאַן. נישקאָשע, ווער עס קומט נאָר מיט דיר אין באַרירונג ,פילט דיין גיפטיקן שטאָך...

כאַ־כאַ־כאַ — צעלאַכט זיך די קאַרדאַ — עס איז פּאַשעט צום לאַכן, ווען דו הייבסט אָן צו ריידן פון וועלט... מיט דיינע נוצן און נאָך אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. זאָג מיר נאַר, כאַכעם מיינער, האָט מען מיך דאָ ניט פאַרזייט גלייך מיט אַלעמען? און איצט הער איך דיך ווי גאַרניט. איך וועל מיר גיין מיין וועג און אַז דו מיט דיינע כאַוויירים וועלן ליידן, האָב איך גאַר קליינע יסורים.

עמעס — רופט זיך אָפּ דער ווייץ — עמעס, מען האָט דיך דאָ פאַר־זייט גלייך מיט אונדז, אָבער, ווייסטו כאָטש וויפל מאָל מ'האָט אונדז דורכ־געזיפּט אַף די רעשעטעס און אַלץ דורך דיר, דיך אַרויסצעוואַרפן, קעדיי דו זאָלסט אונדז ניט שטערן אין וואַקסן? און נאַר דיין פאַלשקייט, דיין פאַרדאַרבענער כאַראַקטער, האָט דיר געהאָלפן, זאָלסט בלייבן צווישן אונדז, ווייל בעשאַס זיפּן מאַכסטו זיך, זאָלסט אויסזען, ווי אַ ווייץ. איך וואָלט דיר גערעכטן, זאָלסט זיך גאַר אַליין אָפּטראָגן, איידער עס קומט צו לייטיש געלעכטער, ווייל אייגענטלעך איז דיין פּלאַץ גאַר אַף פוסטע פעל־דער. דאָ, אָבער צווישן אונדז, איז ניט גענוג וואָס ברענגסט ניט קיין נוצן, מאַכסט נאָר שאָדן...

די קאַרדאַ, ניט געוואוינט צו הערן אַזעלכע ווערטער, איז געוואָרן אויסער זיך פאַר קאַס, און קימאַט אויסגעשריגן: דו קענסט זיך אויפ־הערן צו קליגערן, ווייל אָט גיב איך מיך אַ צעשאָקל, וועט פון דיר קיין זייכער ניט בלייבן. דאָס שווער איך בּאַ מיינע שפּיציקע שטעכערס...

איך ווייס, אַז דו שטעלסט אַף דיין קויעך, האָט קאַלטבלוטיק און געלאַסן אָפּגעענטפערט דער ווייץ, אָבער די צייט וועט ווייזן ווער פון אונדז ביידע איז גערעכט...

פון וויטן זעט זיך גיין אַ געשטאַלט, וואָס טראָגט עפעס אָפן אַקסל, אַזוי ווי אַ סאַפּע. דאָס געשטאַלט קומט וואָס אַמאָל נעענטער, גייט צו גאָר נאָענט צו זיי, באַטראַכט זיי אַ מינוט, נאָכדעם, לאָזט ער אַרונטער פון אַקסל די סאַפּע, און מיט איין האַק פאַלט אום די קאַרדאַ צו דער ערד. נאָכדעם נעמט ער זי אָן זייער פאַרזיכטיק, בּאַ אַן עק, ער זאָל כאָלילע קיין שטאָך ניט כאַפּן און ווארפט זי אַריבער פון יענער זייט אַלאַמבראַדאַ.

דער ווייץ האָט לייכט אָפּגעאָטעמט און זיך אויסגעגלייכט...

אַף דער שפּראַך פֿון כאַיעס

סאַינאַ

און סאַינאַ איז געקומען אין די יאָרן, געוואָרן אַלט, נישט געהאַט קיין ציין און נישט געקאָנט מער אַרבעטן.

מיילע, דאָס טרעפט מיט יעדן פערד, ווען ער לעבט אָפּ אַ פופצן־צוואַנציק יאָר. נאָר זיין גרעסט אומגליק האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אַרבעטן.

דאָס איז געווען אין אָנהייב ווינטער. מ׳האָט צוזאַמענגעטריבן אַלע פערד אין „קאַראַל״, איבערצוקוקן, וועלכע פון זיי צו שפּאַנען אין פּלוג, און ווען מ׳איז געקומען צו אים, איז ער געשטאַנען באַזונדער אין אַ ווינקל, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן — פאַרטערטע, די הינטערשטע ליפּ איז אים שטאַרק אַראָפּגעהאָנגען, און געשטאַנען איז ער אױף דריי פיס — איינע, אַ הינטערשטע, האָט ער געהאַלטן אינדערלופטן, בלויז אָנגעשפּאַרט אױף דער שפּיץ קאָפּיטע.

באַטראַכטנדיק אים אין אַזאַ פּאָזע, האָט מען באַשלאָסן אים אַרויס־צוטרייבן אױף דער גאַס:

— ער פאַרדינט שוין נישט דאָס עסן.

האָט מען אים אַרויסגעטריבן און פאַרמאַכט דעם טויער פון פּאָט־רעראַ.

טכילעס האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַזוי זיך אױף דערוויילן, ווי מ׳פּלעגט אָפט מיט אים פריער טאָן: פאַרשפּאַרן אין קאָראַל אױף באַ־נאַכט אָדער צובינדן אױף אַ שטריק, קעדיי מיט אים אינדערפרי אַריינצו־טרייבן די בעהיימעס.

איז ער געבליבן שטיין פון יענער זייט טויער און אַריינגעקוקט אין פּאָטרעראַ.

אַזוי איז ער געשטאַנען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און, ווען ס'האָט אים שוין גוט אָנגעהויבן הונגערן, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ, עפּשער וועט ער געפינען עפּעס אַ גרעזל. אָפּן וועג איז אָבער קיין גראָז נישט געווען; באַ דער זייט פון וועג איז יאָ עפּעס געוואַקסן, אָבער נישט אין מויל צו נעמען, פול מיט שטעכערס און דערצו הארטע, דאַרע, גאָרנישט פאַר זיינע ציין.

האָט ער גענומען שפּאַנען ווייטער, מיטן קאָפּ באַ דער ערד, זוכנדיק מיט עפּעס דאָס האַרץ אונטערצולעגען. נאָר, ווען ער האָט דעם קאָפּ ווי־דער אויפגעהויבן, איז ער שוין געווען נעבן אַן אַנדערער פּאַטערראַ. אַריינ־געקוקט אינעווייניק, האָט ער דאָרט דערזען נייע פּענעמער, נייע פערד, אומבאַקאַנטע. זיי האָבן זיך געפּאַשעט אַף גרינער פּאַשע. סאַינאַ האָט גע־געבן אַ שטילן הירזשע, אַ רוף־געטאָן, יענע האָבן די קעפּ אויפגעהויבן, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און ווידער זיך גענומען פּאַשען.

און סאַינאַ איז אַוועק ווייטער.

די וועגן האָבן זיך צעטיילט אַף אַלע זייטן צווישן די פעלדער, און אים איז געווען אַלצאיינס וואוהין ער זאָל גיין — אומעטום האָט ער געזען גרינע פּאַשע, ווו בעהיימעס האָבן זיך געמיטלעך געפּאַשעט, און האָט ער זיי אַ רוף געטאָן, האָבן זיי אים גלייכגילטיק מיט בעהיימישן בליק אָנגע־קוקט און ווייטער זיך זייערס געטאָן.

אַזוי זיינען אַריבער איניקע טעג. ער האָט זיך קוים אַרומגעשלעפּט פון מידקייט און הונגער, נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס אים האָט זייער געדאַרשט. עסן האָט ער קיינמאָל צו־זאַט נישט געהאַט, נאָר דאָך האָט ער אַזוי פיל געפונען, אַף נישט צו שטאַרבן פון הונגער, נאָר וואַ־סער האָט ער בעשומויפן נישט געקאָנט באַקומען, אַפילע נישט די ליפּן צו באַנעצן.

אָפּטמאָל, ווען ער פלעגט אויפהייבן די אויגן אַף די פעלדער, וואו ער איז דורכגעגאַנגען, האָבן פאַר זיינע אויגן זיך אָפּגעשפּיגלט קעגן דער זון גרויסע טייכן מיט לויטערן וואַסער און האָט געזען ווי אַלעמאָל גייט צו אַן אַנדער פערד, גייט פּאַמעלעך־פאַרזיכטיק אַריין אין טייך בלויז מיט די פאָדערשטע פיס, זיך נישט צו פאַרשמירן אין בלאָטע, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און מיטן פּיסק — קוים וואָס ער באַרירט דאָס וואַסער. סאַינאַ פלעגט

אַפילע זען, ווי אַרום מויל פונעם פערד וואָס טרינקט ווערן וואַסער־רעד־לעך, וואָס־אַמאָל־גרעסערע, און די נייע, קליינע, נאָר־וואָס־געבוירענע רעדעלעך פליִיסן זיך צו דעריאָגן די גרויסע, וואָס ווערן וואָס אַ מאָל גרעסער און גרעסער, ביז זיי פאַרשפּרייטן זיך קימאַט אַפן גאַנצן טייך. און, ווען ער טרינקט זיך אָן, הייבט ער אויף דעם קאָפּ, רינט פון מויל צוריק אין טייך דאָס נישט פאַרשלונגענע וואַסער; טכילעס רינט עס שטאַרק, נאָר וואָס אַ מאָל דינער, ווייניקער, ביז ס'פאַלן נאָר אַראָפּ איינציקע טראָפּן און די רעדעלעך אַפן וואַסער הערן נישט אויף צו פאַרשפּרייטן זיך, יאָגן נאָך איינס דאָס אַנדערע.

סאַינאַ פלעגט דעמאָלט מאַכן מיטן מויל און מיט דער צונג, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט מיט די טראָפּנס וואַסער, וואָס רינען דאָרט אַראָפּ בײַ יענעם פערד, טראַכטנדיק דערבײַ פון דעם גרויסן טייך, וואָס בײַ אים אין פּאָטרעראָ, וואו ער איז אויסגעוואַקסן און וואו ער איז געווען דער וואָס האָט געהאָלפן מאַכן די בריק צו יענעד טייך.

אַך, אַ ביסעלע וואַסער! וואָלט כאָטש גערעגנט, וואָלט ער שוין ווי ס'נישט איז אַ לעק־געטאָן אַ קאָפּ וואַסער.

אַפן וועג פלעגן אָפט יינגלעך דורכרייטן אַף פערד און סאַינאַ, וואָס איז טאָמיד געשטאַנען אונטער דער האַנט, פלעגט קריגן מיט אַ בייטש, מיט אַ שטעקן, און ער האָט זיך אַפילע נישט פאַרקרימט, האָט נאָר אַ ציטער־געטאָן מיט דער אָפּגעקראָכענער פעל און ווייטער געבליבן שטיין, גלייך ווי נישט אים מיינט מען...

איינמאָל, אַרומבלאָנדזשענדיק פון איין טויער צום צווייטן, איז ער אָנגעקומען צום טויער פון זיין געוועזענער היים, צו זיין געוועזענער פּאָט־רעראָ, האָט אַריבערגעלייגט דעם קאָפּ איבערן טויער, אין פּאָטרעראָ אַריין, און שטיל געהירזשעט צו זיינע אייגענע. יענע האָבן זיך אַפילע ניט אומ־געקוקט, איניקע האָבן עפּעס יאָ די קעפּ אויפגעהויבן, געקוקט פערדיש, פאַרכידעשט און ווייטער גענומען זיך פּאַשען.

דערווייל האָט זיך דער טויער געעפנט: אַ רייטער איז דורכגעפאָרן. סאַינאַ האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און אַריין אינעווייניק. דער רייטער האָט אָבער שנעל צוגעמאַכט דעם טויער און סאַינאַ האָט געכאַפּט אַ זעץ אין די ציין מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין

די אויגן. ער האָט פאַררוסן דעם קאָפּ אַרויף, פאַרקאַטשעט די אויבער־שטע ליפּ, האָט באַוויזן רויטע יאַסלעס מיט אַ פּאָר פּענקעס, סימאָנים פון ציין, איינגעטונקענע אין בלוט. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, נאָכער גענומען דרייען מיטן קאָפּ הין און צוריק, אַף „ניין — ניין", און שטאַרק געפּאָרסקעט.

האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן האָט אים פונעם מויל דאָס בלוט גערונען, ווי דאָס וואַסער בײַ יענעם פערד, וואָס האָט פון טײַך געטרונקען; טבילעס האָט עס גערונען שטאַרק, נאָר וואָס אַמאָל ווייניקער, דינער, נאָכער האָבן נאָר געקאַפּעט איינציקע טראָפּנס...

און ווידער האָט סאַינאָ אַרומגעבלאָנדזשעט אַף די וועגן מיט יעדן טאָג געוואָרן מאָגערער, זיך קוים אַרומגעשלעפּט.

אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך שטאַרק פאַרכמאַרעט. סאַינאָ האָט געוואוסט, אַז ס'וועט באַלד רעגענען, און אַנשטאָט אַרומלויפן, שפּרינגען, בריקעווען, ווי פערד טוען עס פאַר אַ רעגן, האָט ער זיך באַנוגנט נאָר מיט שפּאַנען אַביסל האַסטיקער ווי געוויינלעך.

די נאַכט איז צוגעפאַלן; דער הימל האָט זיך גענומען שוואַרצן; ס'איז שטאַרק פינצטער געוואָרן; פון צײַט צו צײַט האָט אַ שאַרפער בליץ דורכגעשניטן די פינצטערניש פון דער נאַכט; פון ווײַטן האָט זיך געהערט דונערן; אַ וואַרעמער, פוילער צאָפן־ווינט האָט געבלאָזן, מיד פון אַזוי פיל זיך ראַנגלען מיטן שטורעם; און פּלוצעם האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגע־שטעלט, זיך אונטערגעגעבן און זיך מעיאָעש געווען.

אַ רעגע איז געוואָרן שטיל, ווי אַלץ וואָלט פּלוצעם פאַרגליווערט גע־וואָרן אין דער לופט און געבליבן הענגען אַף גאָרנישט... די נאַכט האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, זיך אײַנגעהערט אין דער פינצטערניש צו דעם גרויסן און שרעקלעכן וואָס דאַרף באַלד אָנקומען...

סאַינאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געעפנט זײַנע פאַראַיִטערטע אויגן און געקוקט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן אין דער לופט ווי דאָס פאָכן פון טוי־זנטער גרויסע פליגל וואָס קומען פון ערגעץ ווײַט־ווײַט, קומען נאָענטער,

באַגלייט מיט אַ פּייפן און קנאַקן. גאַנצע כוואַליעס זאַמד, אָפּגעפּאַלענע בלעטער פונעם נאָענטן וואַלד האָבן אָנגעפולט די לופט; גראָבע טראָפּנס וואַסער האָבן גענומען פאַלן איינציקווייז, שיטער, דאָ און דאָרט, וואָס אַ מאָל געדיכטער און שנעלער, ביז ס'האָט אָנגעהויבן גיסן ווי פון עמער.

סאַינאַ האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, זיך געדרייט אויף איין אָרט, געגעבן אַ פּאָר שפּאַן און ווידער זיך אומגעדרייט, און אַזוי קעסיידער, ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ טויער און געבליבן שטיין.

דער רעגן האָט געגאָסן ווי פון עמער, געטריבן פון אַ קאַלטן ווינט, וועלכער האָט זיך אים איינגעגעסן אין די ביינער, דעם קאָפּ אָראָפּגעבויגן צו דער ערד, אַזוי, אַז די אונטערשטע ליפּ האָט קימאַט די נאַסע ערד אָנגערירט. די אויגן — האַלב־פאַרמאַכטע, פאַרטרערטע, אַ הינטערשטע פוס האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן, נאָר, אויף דעם שפּיץ קאָפּיטע אָנגעשפּאַרט, און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, וועלכער איז געווען בלויז פעל און ביינער.

און אין זיין פערדישן מויעך האָבן זיך פאַרשיידענע געדאַנקען גענומען פּלאָנטערן:

אָט זעט ער זיך נאָך גאָר אַ קליין לאָשיקל, געזויגן בײַ דער מאַמען וואַרעמע מילך, געגעסן גרינע, זאַפטיקע פּאַשע, גאַנצע טעג ארומגעלאָפן, ארומגעשפּרונגען; ווען ס'זיינען אריבער דריי זומערן מיט דריי ווינטערן, האָט מען אים אין פלוג געשפּאַנט. אַך, ווי ער איז עס דעמאָלט געשפּרונגען! און קויעך האָט ער געהאַט פאַר דריי, געשלעפּט וואַסער, פאַרטריבן די בעהיימעס. און אָט שטייט דער טייך, פול מיט וואַסער איבער די ברעגעס... אָפּגעריסן די בריק... ער שלעפּט ערד אויף אַ פעל מיט אַ שטריק אָנגעבונדן צו דער זייט... דער רוקן איז אים פונעם זאָטל אָפּגעריבן און אָפּטמאָל כאַפּט אים אָן אַ בייסעניש, נאָר אפילו קראַצן זיך האָט קיינער מיט אים נישט געוואָלט...

מער האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן; האָט זיך פּלוצעם דערפילט אַזוי גוט... מער נישט געפילט די קעלט, נישט דעם רעגן, וואָס האָט אים דורכגענומען, האָט בלויז געפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער און אַ שטאַרקן ביישעק צום שלאָפן. די קני האָבן זיך אים גענומען בייגן.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט. — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַן אויסגעוואַשענע, פונעם רעגן איז גאַנץ־פרי די זון אויפגעגאַנ־גען, האָט געשמייכלט מיט אַ ליבלעכער ווארעמקייט, זיך אָפּגעשפּיגלט אין די טייכלעך וואַסער אַף דער ערד. אויך די פעלדער האָבן אויסגעזען גרי־נער, פרישער.. יונגע גרעזעלעך האָבן זיך צו דער זון געצויגן.

צוויי רייטער זייַנען דורכן טויער דורכגעפאָרן, דערזען סאַינאַ ליגט אויסגעצויגן אין דער בלאָטע אַ פאַרשטאַרצטער, מיט פאַרגלעזערטע אויגן, מיטן מויל אָפן, פול מיט בלאָטע... האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. נאָכער האָט זיך איינער אָפּגערופן:

— די פעל ט'זיין גוט צו שלעפּן ערד, צו פאַרריכטן די בריק פונעם טייך, וואָס דער רעגן האָט די נאַכט אָפּגעריסן...

דאָך זיך געקראַצט

דער דאָראַדיזשאָ איז געווען זייער אַ שיין פערד. זיין טונקל־גרויע פעל, אין רעדעלעך אויסגעפאַרבט, זיין הויך געשטאַלט, לאַנגער האַלדז און דינע פיס האָבן איידעם געזאָגט, אַז ער איז נישט אַבי־וועד.

אין דערעמעסן האָט ער טאַקע געשטאַמט פון גאָר אַ הויכן אָרט: זיין זיידע האָט אַמאָל, צוריק מיט יאָרן, אימיגרירט אַזש פון ענגלאַנד, דאָ זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַן ענגלענדערן, פון זיין גלייכן, געהאַט קינדער, אייניקלעך, וואָס דאָראַדיזשאָ איז איינער פון זיי.

און דאָראַדיזשאָ האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט גלייך צו אַנדערע פערד. דאָס האָט מען באַלד דערקאָנט, ווען ער איז געגאַנגען געשפּאַנט אין סולקי באַ כאַים קאָלאָניסט, וועלכער האָט אים געקויפט באַ אַ גוט־באַזיצער, טאַקע נאָר צוליב דעם, צו האָבן אַמאָל מיט וואָס אַרויסצופאָרן. ער פלעגט וואַרפן מיט די פיס קימאַט די ערד נישט אָנרירנדיק, דעם קאָפּ האַלטן פאַרריסן, און באַ יעדער קלייניקייט שנאָרכן מיט דער נאָז און אַ וואָרף טאָן זיך אין דער זייט.

און, ווען מ׳פלעגט אים אויסשפּאַנען און אָפּלאָזן אין פּאָטרעראָ, פלעגט ער טכילעס אוועקלויפן אין אַ פּאַשעטן טראָט, נאָר באַלד פלעגט ער דעם קאָפּ אַראָפּבויגן, קימאַט ביז צו דער ערד, און שפּרינגען אויף אַלע פיר, און נאָכער, אוועקלויפנדיק אין אַ גאַלאָפּ, געוואָרפן מיט די הינטערשטע פיס, גלאַט אַזוי זיך, פאַר אייגענעם וואוילטאָג.

אין דער זעלביקער פּאָטרעראָ האָט זיך געפּאַשעט אַ קליין, פּראָסט פערדל, אַ קריאָזשע, און, ווייל ער איז געווען אַ טונקל־רויטער, האָט מען אים גערופן — סאַינאָ.

און אָט דער סאַינאָ האָט טאָמיד זייער ביטער געהאָרעוועט. גאַנץ פרי

האָט מען מיט אים פאַרטריבן די בעהיימעס אין קאַראַל צו מעלקן, געגעבן שלעפּן פּעסלעך וואַסער, צו באַגיסן דעם גאָרטן, אָנגיסן די קאָרעטעס, ס'זאָל זיין צום טרינקען פאַר די בעהיימעס ווען דער טייך פלעגט ווערן אויסגעטריקנט אָדער, ווען די בריק האָט זיך אָפּגעריסן און מ'האָט באַדאַרפט פאַרריכטן, האָט ער געשלעפּט ערד, אַף אַ פעל, וואָס איז געווען מיט אַ שטריק באַ דער זייט אָנגעבונדן, פאַרנאַכט — פאַרשפּאַרן די קעלבער און נישט־זעלטן אַ לויף־טאָן נאָך פלייש, און טאָן נאָך אַזעלכע אַרבעטן.

נאָך דער אַרבעט, ווען מ'פלעגט פון אים אַראָפּנעמען דעם זאָטל און אָפּלאָזן אין פּאַטרעראָ, פלעגט ער דאָס ערשטע אַ ציטער טאָן מיט דער גאַנצער פעל, ווי ער זאָל וועלן פון זיך עפּעס אַראָפּוואַרפן, נאָכהער — גאַנצער פעל, ווי ער זאָל וועלן פון זיך עפּעס אַראָפּוואַרפן, נאָכער — בויגן די קני און מיט אַ קרעכץ אַף דער ערד זיך אַראָפּלאָזן, זיך אויסציען, ווי נאָר צום פייגערן, אין אַ ווײַלע אַרום אויפהייבן דעם קאָפּ און מאַכן אַזוי, ווי ער זאָל וועלן זיך איבערקאַטשען אַף דער צווייטער זייט, פּרובירנדיק דאָס עטלעכע מאָל, אָבער ער האָט קיין איינמאָל נישט געקענט באַווייזן זיך איבערצוקאַטשען אַף דער צווייטער זייט. פלעגט ער נאָכער זיך אויפהייבן, ווי פאַרשעמט, ווידער געבן אַ ציטער מיט דער גאַנצער פעל, אָפּצוטרייסלען דעם שטויב וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין פון שוויים נאַס געוואָרענער פעל און זיך לאָזן גיין אין פּאַטרעראָ, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן, טרויעריק, ווי בערויגעז אַף דער גאַנצער וועלט...

נאָר פונעם שטויב פלעגט אים באַפאַלן אַ מין בייסעניש אַפן גאַנצן קערפּער, איבערהויפּט אַפן רוקן, וואָס איז געווען אָפּגעריבן פונעם זאָטל, און קראַצן האָט זיך אים געוואָלט, ווי צווישן פערד פירט זיך, אַז איינער זאָל קראַצן דעם אַנדערן ווען ס'בייסט אים. דאַראַדיזשאָ איז אָבער געווען צו שטאָלץ זיך צו קראַצן מיט סאַינאָן, און אויסער דעם האָט אים זעלטן ווען געביסן — אים איז דאָך געגאַנגען אַזוי גוט...

און קיין אַנדערע פערד זיינען אין דער פּאַטרעראָ נישט געווען. דאָס איז געווען אַ קליינע אָפּצוימונג פאַר צוויי פערד, קעדיי טאָמיד צו האָבן זיי באַ דער האַנט.

איינמאָל, ווען סאַינאָן האָט שוין צוגעטראָטן, מאַמעש נישט איבער־

צוטראָגן, ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בייסעניש ווי נאָך קיינמאָל, האָט ער זיך איינגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו דאַראַדיזשאַן מיט גרויס דערע־כערעץ און האָט איידל, דעליקאַט, אָנגענומען מיט די ציין דעם רוקן בא דאַראַדיזשאַן און געגעבן אַ קראַץ, ווי איינער רעדט:

— אַט־אַ־דאָ, פּונקט אָ־דאָ בייסט מיר, גיב מיר אַ קראַץ, כאָטש נאָר איין קראַץ, און נישט מער, איך בעט דיך, אָ, גרויסער פערד!

דאַראַדיזשאַן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די כוצפּע פון אַזאַ קליינעם, געמיינעם פערדל, וואָס זאָל זיך ווּעלן קראַצן מיט אים — האָט ער קיין סאַך נישט געטראַכט, זיך אויסגע־דרייט מיט די הינטערשטע פיס צו סאַינאָן און אים געגעבן אַזאַ פאַרפאַר אין די ציין, אַז סאַינאָ האָט אַזש פאַרקאַטשעט די אויבערשטע ליפּ, געוויזן אַלע ציין צום הימל אַרויף, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט קלאָגן פאַרן הימל, פאַר דאָס אומרעכט, וואָס זיינס אַ גלייכן, אויך אַ פערד, האָט אים געטאָן, און נאָר דערפאַר, ווייל יענער איז אַ גרעסערער פערד פון אים...

און, ווייל ער האָט פון הימל קיין ענטפער נישט באַקומען, איז ער פאַר־מעלעך אַוועקגעגאַנגען צום צווייטן עק פּאַטרעראָ, פאַרגעסנדיק גאָר אינ־גאַנצן אין בייסעניש.

און אַזוי איז אַוועק אַ צייט, וואָס איינער מיטן צווייטן האָבן זיך קימאַט נישט באַגעגנט.

דאַרף זיך אָבער טרעפן אָט וואָס:

איינמאָל, ווען דאַראַדיזשאָ איז געקומען פון אַ ווייטן וועג, געשפּאַנט אין סולקי אַ פאַרשוויצטער, איז ער, ווי נאָר מ'האָט אים אָפּגעלאָזט, אַוועק אַף זיין שטייגער, טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק, צו די קאָרעטעס, פולע מיט פרישע וואַסער, האָט ער זיך געשמאַק אָנגעטרונקען און פון דאָרט — אין פּאַטרעראָ. דאָס קאַלטע, פרישע וואַסער, האָט אים ווייזט אויס פאַרשאַדט, זיינען אים די פיס געשוואָלן געוואָרן, אַזוי, אַז ער האָט זיך קימאַט נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט נאָכדעם נישט געגעסן, נישט געטרונקען, געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג. ס'איז אים אַפּילע אביסל גרינגער געוואָרן, ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן, גענומען עסן, טרינקען, אָבער די פיס האָבן אים אַלץ וויי געטאָן. ער איז געוואָרן שטאַרק מאָגער

און נאָכגעשלעפּט א הינטערשטע פּוס. פון שפּאַנען אין סולקי איז שוין קיין רייד נישט געווען, נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מ'האָט אים אָנגע־הויבן נעמען צו גרעבערער ארבעט, צו שלעפּן וואסער, פארשפּארן די קעלבלעך.

דאַראַדיזשאָס טונקל־גרויע פעל האָט אויפגעהערט צו גלאַנצן און פון צייט צו צייט פלעגט אים אָנכאַפּן א בייסעניש, וואָס א מאָל שטארקער, ער האָט זיך פּאַשעט קיין אָרט נישט געפונען.

מיט סאינאַן פלעגט ער זיך קימאט נישט טרעפן, יענער פלעגט אים אויסמיידן. נאָר איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך געפּאַשעט איינער נישט ווייט פונעם צווייטן, האָבן זיי זיך מיט די בליקן באַגעגנט און דאָס איז שוין געווען גענוג זיך צו פארשטיין...

און באלד טאָקע זיינען זיי ארויפגעפאלן מיט די פּיסקעס איינער אפן צווייטן.

דער ערשטער איז געווען דאַראַדיזשאָ, וואָס האָט מיט ליבשאַפט גענומען גרינג ארומגיין מיט די ציין אַף סאינאָס רוקן. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן סאינאָ אַף דאַראַדיזשאָס רוקן. באלד זיינען זיי אריבער צו די גריוועס און פון דאָרט אַף פארשיידענע ערטער.

דאַראַדיזשאָ האָט שטיל צוגעהירזשעט:

— פארצייַ, ליבער סאינאָ, פאר דעם פעלער וואָס איך בין אמאָל קעגן דיר באַגאַנגען! א פערד איז דאָך נישט מער ווי א פערד... אלע זיי־נען מיר פערד אַף גאָטס ערד... אָט אזוי, אזוי אזוי... א ביסעלע שטאַר־קער, שטאַרקער... — האָט דאַראַדיזשאָ ווייטער אין דער שטיל און דריב־נע געהירזשעט — הי־הי־הי־הי!... האָסט מיך פּאַשעט מעכאַיע גע־ווען...

די רויטע קו

אונטער דעם גאַלפּאַן, פאַרשטעלט פון ווינט, שטייט די רויטע קו, דעם רוקן — איינגעבויגן, דעם קאָפּ — אַראָפּגעלאָזט, די אויגן — האַלב פאַרמאַכט. יעדע ווײַלע דרייט זי אויס דעם קאָפּ אין דער זײַט און קוקט זיך צו צום בויך, וואו זי פילט, ווי עס וואָרפט זיך דאָס קעלבעלע, וואָס דאַרף באַלד געבוירן ווערן. דערבײַ דערמאָנט זי זיך אין איר ערשטן זון. שטרעקט זי אויס דעם האַלדז און הייבט אָן צו רעווען:

— מאָ־אָ־אָ! מאָ־אָ־אָ־אָאָ!

און צוריקציענדיק דעם אָטעם, לאָזט זיך הערן פון איר האַלדז עפּעס אַ מין מאָדנער פּיפּ, ענלעך צו אַ לאַנגן קרעכץ, אויסגעמישט מיט ווייטיק און בענקשאַפט.

און ווידער פאַרמאַכט זי האַלב די אויגן, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרטיפט זיך אין בעהיימישע געדאַנקען:

— „איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס אומגליק, וואָס האָט גע־טראָפן מיט מײַן ערשטן זון; אויך אַ רויטער געווען, מיט אַ ווײַסן פּינטל אויפן שטערן, וואָס האָט אים צוגעגעבן פיל חן. און געזונט איז ער געווען, אײַנגאַנצן געראָטן אין טאַטן! ברייט־געוואַקסן, און צוויי קורצע, אָבער שטאַרקע הערנער, אַלע ביקעס פונעם געגנט האָבן פאַר אים געציטערט. ווען עס פלעגט זיך אַמאָל מאַכן, אַז ער האָט זיך איבער עפּעס געפונען מיט זײַנע כאַווײרים אין קאַראָל, האָבן זיי אפילו געמעגט זיי צען שטיק פלעגט ער זיי אַלע בײַקומען און זיך נאָכיאָגן נאָך זיי, ביז זיי פלעגן זיך אונטערגעבן.

„איך פלעג אים נאָכלויפן בעטן זיך בײַ אים: — לאָז אָפּ! וואָס טויג דיר! און ער פלעגט זיך אַלץ טאָן זײַנס און, ביז ער האָט זײַנס נישט אויס־

געפּירט, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט. דאָס האַרץ פלעגט אין מיר קוועלן פון נאַכעם: אַ קליניקייט, האָבן אַזאַ ביק פאַר אַ זון, אַזאַ געזונטן, אַזאַ פריי־לעכן! —

„אָבער נישט אויף לאַנג האָט אָנגעהאַלטן זיין פריילעכקייט.

„דאָס איז געווען, ווען די פעלדער הייבן ווידער אָן צו גרינען, די זון הייבט אָן בעסער צו וואַרעמען, אומעטום, וואו מען גייט שפּראָצן פרישינ־קע, יונגע גרעזעלעך; אומעטום איז צו כאַפּן אַ לעק; און אויפן האַרצן איז אַזוי פריילעך; מ׳פילט זיך אַזוי גרינג, אַז ס׳גלוסט זיך אַזש בריקעווען, דורכשפּרינגען זיך אַביסל... מיילע, פאַר אונדז, עלטערע, איז די צייט שוין לאַנג אַריבער; יונגוואַרג אָבער ווערט גאָר־לעבעדיק; נעמט זיך צו־זאַמען אַ גאַנצע כעווריע און בריקעוועט, שפּרינגט, אָט צעלאָזט זיך די כעווריע באַרג־אַראָפּ, צום טייך צו, און פּלוצעם בלייבט מען שטיין. מען מאַכט אַ ראָד, מען שפּרינגט אויף אַלע פיר איינער קעגן צווייטן. איניקע גראָבן איין די הערנער אין דער ערד, וואַרפן שטיקער ערד איבער זיך אויף אַהינטער און ווידער צעלאָזט מען זיך אין גאַלאָפּ.

„איך און נאָך אַנדערע זיינען געשטאַנען פון וויטנס, געקליבן נאַ־כעס פון די קינדער.

„פּלוצעם קומען אָן צוויי רייטער — איך געדענק דאָס נאָך ווי היינט — אָנפאַנגס זיינען זיי געפאָרן פּאַמעלעך, נאָכהער האָבן זיי די פערד גע־לאָזט לויפן גאַלאָפּ און פאַרטריבן דאָס גאַנצע יונגוואַרג אין קאָראַל. גע־קומען צום קאָראַל, זיינען די רייטער אַראָפּ פון די פערד, האָבן אָפּגעבונדן פון די זאָטלען גראָבע שטריק, פון לעדער געפלאָכטן, מיט אַ שלייף באַם עק, און גענומען דרייען מיט זיי איבער די קעפּ. אין קאָראַל איז געוואָרן אַ שטופּעריי, אַ לויפעריי אין אַלע זייטן, איניקע האָבן זיך געוואָרפן צום טויער, אָבער דער טויער איז געווען פאַרמאַכט; קיינער האָט ניט געקאָנט אַרויס. און די צוויי רייטער האָבן געהאַלטן אין איין דרייען מיט די שטריק, ביז איינע איז געפאַלן אויף מיין זונס קאָפּ און זיך פאַרצויגן אַרום זיינע הערנער. ער האָט זיך געוואָרפן, און געשפּרונגען אויף אַלע זייטן, געוואָלט לויז ווערן פונעם שטריק. באַלד, אָבער, האָט זיך אַ צווייטער שטריק אַרומ־געדרייט אַרום זיינע הינטערשטע פיס. ער איז נאָכמער געשפּרונגען, האָט געברעוועט, אַ שוים האָט אַרויסגעשלאָגן אַרום מויל און אַרויסגעשפּאַרט

די צונג. אַז איך האָב דאָס דערזען, האָב איך גענומען לויפן אַרום קאָראַל, געוואָלט אַריין, עפּשער וועל איך אים קאָנען אָפּראַטעווען. אָבער ס'איז געוועזן אומזיסט מיין לויפן, מיין ראַטעווען. ער איז באַלד געלעגן אַף דער ערד, ווי אַ לעמעלע. איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטע און געקוקט, וואָס וועט זיין דער סאָף.

„נעבן קאָראַל האָט געברענט אַ פייער, וואו אַ שטיק אייזן האָט זיך געגליט. ווען ס'איז רויט געוואָרן ווי דאָס פייער, האָט איינער עס גענומען און עס צוגעקוועטשט צו זיין פעל, אַז ס'איז אַזש געגאַנגען אַ רויך, און אַ ריי̆עך פון געבראָטענע פלייש מיט פעל צוזאַמען האָט זיך געריסן אין די נאָז־לעכער אַריין.

„און ער, מיין זון, איז געלעגן, האָט זיך אפילע קיין טריפע געטאָן, האָט נאָר צעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג און פאַראַכטונג צו זיינע פייניקער. און, ווען מ'האָט אים אָפּגעבונדן די שטריק פון די פיס, האָט ער געגעבן אַזאַ שפּרונג, אַז איך האָב געמיינט, באַלד ווערט ער אינגאַנצן פריי, אָבער די שטריק פון די הערנער איז צוגעבונדן געוואָרן צום זאָטל פון איינעם פון די רייטער און דער צווייטער האָט גענומען אים אונטערטרייבן. דעם טויער פון קאָראַל האָט מען צעעפנט און די רייטער האָבן אים גענומען שלעפּן. ערשט אַפן פרייען פעלד האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע מילכאָמע. ער האָט זיך געוואָרפן אַף אַלע זייטן, דאָ אַף די רייטער, דאָ אַף די הינט וואָס האָבן אים געריסן און געביסן, איינער באַם עק, אַנדערע אין דער מאָרדע, אין דער צונג וואָס איז געוועזן קימאַט אינגאַנצן אַרויסגעשטעקט, און פונעם מויל האָט געזעצט אַ שוים מיט בלוט אויסגעמישט, רויטע, וואַרעמע בלוט... און איך, אָרעמע מאַמע, האָב נישט געוואוסט וואָס מיט מיר טוט זיך: כ'בין געלאָפן, האָב גערעוועט און אַף מיר האָט געהאָגלט מיט בייטשן פון אַלע זייטן, אָבער איך האָב קיין זאַך נישט געפילט און קיינעם נישט געזען אויסער מיין זון, ווי ער ווערט געשלעפּט, געשלאָגן, געביסן פון הינט און דאָס בלוט רינט אַף אַלע זייטן...

„איך געדענק נאָר, ווי מיר זיינען ווידער אָנגעקומען צו אַ גרויסן קאָראַל, וואו ס'האָט זיך געפילט אַ שטאַרקער ריי̆עך פון בלוט און גאַנצע קופּעס ביינער און הערנער האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום. מיין האַרץ

האָט נאָך שטאַרקער גענומען קלאַפּן. דאָ האָט מען ווידער פאַרוואָרפן שטריק, אַפּן קאָפּ, אַף די פיס, און ווידער איז ער געלעגן אַף דער ערד. איי־נער האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן זיין שיינעם קאָפּ, אים איבערגעדרייט אַזוי, אַז די הערנער האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, און דער האַלדז האָט זיך אויסגעצויגן אַף אַרויף. מיט זיינע איבערגעקערטע אויגן האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אַף מיר, זיין מאַמען . . .

באַלד איז אָנגעקומען איינער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט פאַר־גלאָצטע אויגן; אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן שאַרפן מעסער; די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אין מעסער אָפּגעשפּיגלט, דערגרייכט צו מיינע אויגן און מיר געשטאָכן . . .

„און מיט אַ מאַך, אַהין און צוריק, האָט ער דעם האַלדז איבערגע־שניטן . . . —

„אַ שטראָם רויט, הייס בלוט האָט געגעבן אַ זעץ, ווי ס׳וואַסער אין אַראָזשאָ נאָך אַ שטאַרקן רעגן. איך האָב געקריצט מיט די ציין, געטופּעט מיט די פיס, איינגעגראָבן די הערנער אין דער ערד און געוואָלט אַלעמען פאַרשיטן, אָבער די זעלביקע רייטער האָבן מיך באַלד מיט די בייטשן פאַר־טריבן.

„פון וויטן האָב איך געזען ווי ס׳ברענט אַ פייערל און געפּילט אַ רייעך פון געבראָטענע פלייש.

„אַ שטיק צייט נאָך יענער פּאַסירונג, פלעג איך אָפט קומען אַף יענעם פּלאַץ, ווען קיינער איז דאָרט נישט געווען, גראָבן מיט די הערנער אין דער ערד, שאַרן מיט די פיס, זוכנדיק דאָס פאַרגאָסענע בלוט, און שמעקן, שמעקן . . .

„איך האָב דערקאָנט דאָס בלוט — — — — — — — — — — — — — — —

און ווידער דרייט די רויטע קו אויס דעם קאָפּ צו דער זייט, וואו זי פּילט, ווי עס וואַרפט זיך דאָס קעלבעלע, וואָס דאַרף באַלד געבוירן ווערן, שטרעקט אויס דעם האַלדז און הייבט אָן צו רעווען:

— מאָ־אָ־אָ! מאָ־אָ־אָ!

און צוריקציענדיק דעם אָטעם, לאָזט זיך הערן פון איר האַלדז אַ מאָד־נער פּייף, ענלעך צו אַ לאַנגן קרעכץ, אויסגעמישט מיט ווייטיק און בענק־שאַפט.

בעהיימעס

א גרויסע מענגע בעהיימעס — אָקסן, יונגע ביקעס, קי און קעלבער — האָט זיך פאַרזאַמלט נעבן דעם דראָטענעם פּלויט פון פּאַטרערא און אריבערגעקוקט אף יענער זייט, ווו ס'האָט זיך געזען א גרינער באַרג מיט הויכער פאַשע באַדעקט. דאָס איז געווען דער ווייץ, וואָס האָט זיך שיין צעוואַקסן. נאָר אין פּאַטרעראַ איז קיין לעק גראָז נישט געווען. דאָס גאַנצע פעלד איז געווען פאַרגעלט. עס זיינען געבליבן נישט מער ווי פאַרטרוקנטע וואָרצלען.

שוין לאַנג, אַז עס האָט נישט גערעגנט.

גאַנצענע טעג זיינען די בעהיימעס ארומגעגאַנגען זוכן א גרעזל, זיך צו דערקוויקן. אָבער אומזיסט איז געווען דאָס זוכן. איז דער מאָגן געוואָרן ליידיק, די זייטן איינגעפאַלן.

פון יענער זייט דראָטענעם פּלויט האָט אָבער צו זיי אריבערגעוואונקען גרינער ווייץ, באַוועגנדיק זיך אף אַלע זייטן, געטריבן פון א קליינעם ווינטעלע, מאַכנדיק כיינדעלעך, קאָקעטירנדיק און שושקענדיק, ווי ער וואָלט געזאָגט:

אָי, בעהיימעס וואָס איר זייט! איר זייט הונגעריק? קומט אריבער, איין שפּאַן בלויז און איר ווערט פּאַטער פון אייערע צאָרעס!... כ'לעבן, זייט נישט קיין בעהיימעס...

שטייען די בעהיימעס הונגעריקע און פאַרשמאַכטע, קוקן אריבער מיט זשעדנע אויגן, שטעלן ארויס לאַנגע לעקערס און פאַרקריכן אַזש אין די נאָזלעכער, אַמאָל אין דער רעכטער און אַמאָל אין דער לינקער זייט, ברענגען צוריק ארויף דאָס שוין־לאַנג־פאַרשלונגענע און קייען, קייען איבער דאָס אַלטע...

נאָר, אַריבערגיין אַף יענער זייט, קאָנען זיי נישט. זיי זיינען געבונדן. אַלע טראָגן זיי אָנגעבונדן לאַנגע שטיקער האָלץ אַף די העלדזער. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן שוין איין מאָל געפּרואווט אַריינרייסן זיך אין ווייץ.

ס׳איז געווען אין אַ טאָג, נאָכדעם ווי זיי זיינען איבערגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט הונגעריק, מידע און צעבראָכענע פון אַרומגיין און זוכן אַ גאַנצן טאָג, מיט וואָס דעם מאָגן אָנצופולן. זיי האָבן זיך איינציקווייז אויפגעהויבן, מיט שווערן סאָפּען און קרעכצן, זיך אויסגעגלייכט די ביינער, די פאַרשלאָפענע פּיס אויסגעצויגן און זיך געלאָזט גיין פּאַמעלעך, טראָט בײַ טראָט. די גאַנצע פּאַטעראָ זיינען זיי דורכגעגאַנגען, האָבן זיך אָנגעקלאַפּט די פּיסקעס אין דער ערד, וועלנדיק אַרויסרייסן כאָטש די טרוקענע וואָרצלען. אַזוי גייענדיק זיינען זיי אָנגעקומען צום ווייץ.

טכילעס זיינען זיי געשטאַנען פאַרטיפט אין בעהיימישע געדאַנקען און אַלץ געקלערט, ווי אַזוי גייט מען אַריבער דעם דראָטענעם צוים. נאָר קוים איז איינער, אַ רויטער ביק מיט אַ ווייסן פלעק אַפן שטערן, אַריבערגעשפּרונגען, זיינען שוין אַלע נאָך אים אַריבער און האָבן גלייך גענומען עסן די שמעקענדיקע פּאַשע. נישט געקייט נאָר געשלונגען, אַרויסגעשטעלט די לאַנגע לעקערס, פאַרלייגט אַ ביסל אַף אַ זייט, באַס גראָז און אָפּגעפּליקט:

— כרום!

און אַזוי האָט עס זיך געהערט פון אַלע זייטן:

— כרום, כרום...

קורצע טריט האָבן זיי געמאַכט, געפּליקט איין בינטל גראָז נאָכן אַנדערן און פון וואָוילטאָג אַזש פאַרלייגט די עקן אַפן הינטן.

לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געדויערט. עס איז אָנגעלאָפן אַ רייטער מיט אַ לאַנגער בייטש אין האַנט און גענומען שניידן אַף אַלע זייטן. מיט גרוים מי האָט ער זיי קוים פונעם ווייץ אָפּגעריסן און אין פולן גאַלאָפּ אין קאָראַל פאַרטריבן.

געקומען אין קאָראַל, פאַרסאָפּעטע, מיט אַרויסגעשטעלטע לעקערס און פינע אַרום מויל, האָט מען יעדן איינעם אָנגעבונדן אַ לאַנג שטיק האָלץ צום האַלדז, אַף נישט קאָנען מער ברעכן דעם דראָטענעם צוים.

נאָכדעם האָט מען זיי צוריק אין פּאָטרעראָ פּאַרטריבן.

אויך היינט, שוין אַ פּאָר שאָ, אַז זיי שטייען, קוקן אַריבער צום ווייץ. נאָר מ׳קאָן זיך נישט העלפן.

— מאָ־אָ־אָ! מאָ־אָ־אָ! — האָט אַרויסגערעוועט אַ יונגער ראָסיזשאָ־ביק מיט אַ גרויסן קלאָץ אָפּן האַלדז אָנגעבונדן.

— אַזאַ רעציבע איז נישט געהערט געוואָרן: האָבן פאַר די אויגן אַזאַ שיינע, גרינע פּאַשע און אַליין ליידן הונגער!...

— נו, מאַך בעסער! — רופט זיך אָפּ אַן אַלטער, מאָגערער אָקס, בלויז פעל און ביינער — איך בין שוין אין דיינע יאָרן געווען; דו אין מיינע, נישט; אָט־אַזוי איז עס פון טאָמיד אָן. ווילסטו די וועלט איבער־מאַכן?

— ניין, נישט איבערמאַכן — ענטפערט דער ראָסיזשאָ — נישט אי־בערמאַכן, נאָר צוריק מאַכן ווי ס׳איז געווען: אַ וועלט אַ פרייע, אָן צוי־מען, אָן גרענעצן... ווייל מיט וועלכן רעכט האָט מען עס אונדז פאַר־שפּאַרט דאָ, אין דער ליידיקער פּאָטרעראָ, מיט וועלכן רעכט האָט מען גע־מאַכט אָט־אָ־די וואַנט, צווישן דער גרינער פּאַשע און פּאָטרעראָ, וואו מיר שטאַרבן אויס פון הונגער? כאַיעס, וואָס זיי שטייט נישט אָן צו עסן גראָז, נעמען זיך דאָס רעכט אונדז דעם ביסן פון מויל אַרויסצורייסן... זאָלן זיי עסן גראָז, וויפל זייער האַרץ גלוסט! נישקאָשע, ס׳וועט קלעקן פאַר אַלע־מען: די וועלט איז גרויס און גראָז איז פאַראַן גענוג!...

און דער ראָסיזשאָ האָט פאַרגעזעצט:

— קוקט אייך אַרום, ווי אומעטום אויף די פעלדער וואַלגערן זיך די ביינער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער; יונגע פון דער וועלט גע־גאַנגען, פאַר הונגער געשטאָרבן, יונגע קעלבער, איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט פון דער וועלט צו געניסן... אַפּילע דאָס קאַפּעלע מילך פון זייער מוטערס ברוסט נעמען זיי צו; ... געדענקט, גוטע בעהיימעס, די ערד, מיט אַלץ וואָס וואַקסט אויף דער ערד, איז פאַר אַלעמען גלייך געגעבן גע־וואָרן. די פאַרשאָלטענע צוימען האָבן עס די צוויי־פיסיקע כאַיעס אויסגע־טראַכט...

— יאָ, ס'איז אַלץ עמעס וואָס דו זאָגסט, — גיט ווידער אַ מרוקע דער אַלטער מאָגערער אָקס — אָבער מ'קאָן דאָך פונעם עמעס נישט אַוועקגיין: די גרינע פּאַשע פון יענער זייט דראָטנעם צוים האָבן ז י י דאָך פאַרזייט...

— זיי! — רעוועט אַרויס דער ראָסיזשאָ און די אויגן זיינע פאַרגיסן זיך אים מיט בלוט פאַר קאַס, גראָבט אין דער ערד מיט די הערנער, וואַרפט שטיקער ערד איבער זיך און מיט אַ פאָדערשטער פוס שאַרט ער די ערד אונטער זיך אַף אַהינטער — „זיי”, זאָגסטו? זיי האָבן דאָס געמאַכט? און דו, אַלטער אָקס, האָסט ווייניק קויכעס דאָרט אַוועקגעלייגט? ווער האָט דעם פלוג געשלעפּט, די ערד אויפצורייסן? ווער האָט די באָראָנעס געשלעפּט, די קערנער צו פאַרדעקן? מ י ר! מיר, בעהיימעס, האָבן דאָס אַלץ געמאַכט מיט אונדזער בלוט און שוויס, זיי האָבן נישט מער געטאָן, ווי נאָר אונדז בייטשן געגעבן, ווען מיר האָבן אַמאָל באַוויזן, אַז די קויכעס גייען אונדז אויס אָדער, ווען די זון באַהאַלט זיך אונטערן באַרג, אונדז פאַרטרייבן אין דער ענגער פּאָטערעאָ וואו ס'איז אפילע קיין ביסל גראָז נישטאָ, מיט וואָס די קויכעס צו דערפרישן!... און וואָס פאַרלאַנגען מיר דען, פאַר וועלכן מ'האָט אונדז די קלעצער אַפן האַלדז אָנגעבונדן? אַ ביסעלע גראָז דעם מאָגן אָנצופולן, און נישט מער... זאָלן זיי עסן גראָז, וויפל זיי ווילן נאָר, אָבער נישט צוזאַמענלייגן גאַנצע סטויגן מיט טייערע פּאַשע און עס באַהאַלטן אַף דער רועך ווייס ווען, אין דער צייט, ווען אונדז גייען אויס די קויכעס פון הונגער! און ווי איז צו זייער גוטסקייט. ווען זיי וואַרפן אונדז שוין יאָ צו אַ ביסל פּאַשע, איז עס דאָך נאָר דערפאַר, ווייל זיי דאַרפן אונדז האָבן ווידער אין פלוג איינצושפּאַנען, אויסנוצן אונדזער קראַפט... און, ווען זיי גיבן אונדז שוין צו־זאַט עסן, אָ, דעמאָלט איז ווי צו אונדזערע יאָרן, דעמאָלט נעמען זיי אַפילע די פעל פון אונדז אַראָפּ, וואַרפן פון אונדז אַראָפּ, וואַרפן אונדזער פליייש אין פייער און שטופּן עס נאָכהער אין זייערע אומגעלומפּערטע פּיסקעס, און באַלעקן זיך אַזש...

דער אַלטער אָקס האָט אַלץ אויסגעהערט און אָפּגעענטפערט:

— אַלץ איז רעכט, דו רעדטסט זייער קלוג, אָבער געדענקסטו דעם רויטן ביק מיטן ווייסן פלעק אַפן שטערן? אָט שטייט נאָך די אַלטע מאַמע זיינע, די רויטע קו. אויך אַ קלוגער געוועזן, פלעגט טאָמיד שטיפן, שפּרינ־

נען און האָט גאָר אַ וועלט געקערט. נו, וואָס איז געוואָרן דער סאָף פון אים? געקוילעט און גענוג... זעסטו, אַז מ׳דאַרף נישט זיין צו־קלוג!...

די בעהיימעס האָבן דאָס געהערט און געשוויגן, געשטאַנען אַלע אַרום מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, מיט אויסגעצויגענע העלדזער, און געקיים, איבערגעקייט דאָס שוין לאַנג פאַרשלונגענע, פון וועלכן ס׳האָט זיך אַזש געפילט אַ שלעכטער רייעך...

נאָר דער ראָסיזשאַ, אינדערמיט, האָט שוין נישט געקענט רוען, גע־קוקט אַף אַלע זייטן מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן:

— זאָג, פאָטער! האָט ער זיך געווענדעט צום בוהאַי — זאָג: זאָלן מיר ברעכן די וואַנט? גייסטו מיט אונדז?

— איך ווייס? — שמייכלט דער בוהאַי — איך וועל גיין דאָרט, וואו זיי וועלן גיין. — און דרייט אוים דעם קאָפּ צו די צוויי טעלעצעס, וואָס זיי־נען נעבן אים געשטאַנען, פאַרקאַטשעט די אויבערשטע ליפּ, ווייזט די ציין אַרויף און שמייכלט.

דאָס גאַנצע בלוט האָט דעם ראָסיזשאַ אַ זעץ־געטאָן אין קאָפּ אַריין, און ווידער האָט ער געגראָבן מיט די הערנער די ערד, געקריצט מיט די ציין און מיט אימפּעט זיך געגעבן אַ וואָרף צום דראָטענעם צוים, צעבראָכן אַ סלופּ, צעריסן די דראָטן און באַלד געווען פון יענער זייט.

אָבער, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּצופליקן דאָס ערשטע ביסל גראָז, איז אָנגעלאָפן דער זעלביקער רייטער, וואָס מיט טעג פריער, האָט פאַרוואָרפן אַף אים אַ שטריק און אים אַוועקגעפירט אהין, פון וואַנען קיין בעהיימע איז נאָך נישט צוריקגעקומען...

דער יאָסעם

איצט איז ער שוין אַ גרויסער, ער דאַרף שוין צו קיינעמס לאַסקע נישט אָנקומען, נאָר, דאָך, מאַכט זיך נאָך אָפּט, אַז ער בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען. דערמאָנענדיק זיך אין זיינע קינדער־יאָרן, ווי ער איז אויפגעוואַקסן אין צאָרעס און וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, גייט אים דורך אַ שוידער איבערן גאַנצן קערפּער.

ער געדענקט דאָס נאָך ווי היינט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דער־זען די ליכטיקע שיין, די שטאַרקע ליכט פון דער זון האָט אים ווי בלינד געמאַכט. ער איז געלעגן אַ נאַסער, אויסגעצויגן אַפן גראָז; זיין מאַמע איז געשטאַנען מיטן קאָפּ איבער אים און מיט צערטלעכער ליבע אָפּ אים גע־קוקט; די זון האָט אים געוואַרעמט יעדן אייווער, אַז ס'איז געווען אַ מע־כאַיע, און ווען ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגעטריקנט און זיך צוגעוואוינט צו דער שיין, האָט ער זיך געפּרוּווט אויפהייבן. שכילעס האָט ער זיך גע־שטעלט אָפּ די פאָדערשטע פיסלעך און געבליבן זיצן אַזוי אַפן הינטער־ביילעך. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זיך אָן אונטערשט פיסל און באַלד דאָס אַנדערע, און געבליבן שטיין אָפּ אַלע פיר, האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, די פיסלעך האָבן זיך אים געבויגן, די קאָפּיטקעלעך זייַ־נען נאָך געווען צו־ווייך, באַלד אָבער האָט ער זיך געפילט שטאַרקער, האָט געגעבן אַ שפּאַן, אַ צווייטן און זיך צוגעטוליעט צו דער מאַמען. זי האָט אים שטיל צוגעהירזשעט, ווי זי זאָל וועלן זאָגן:

— נעם עפּעס אין מויל אַריין, מיין קינד, עס קער דיר כאַלעשן דאָס הערצל...

און ער האָט געפּאָלגט, גענומען זוכן מיטן מאָרדעלע באַ דער מוטערס

פאַדערשטע פיס; אַזויווי ער האָט ניט געקאָנט געפינען, האָט זי זיך צו אים אויסגעדרייט מיט דער זייט און אים דעם אייטער אין מויל אַריינגעלייגט. ער האָט א כאַפּ־געטאָן א פּיפּקע, באַלד א צווייטע, האָט פון יעדער געגעבן נישט מער ווי א לעק, באַלד אָפּגעלאָזט, און זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַלע זייטן.

דערנעבן זיינען געשטאַנען זיינע דריי עלטערע ברידער און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ווייטער א ביסל זיינען געשטאַנען פערד, שקאַפּעס און מיט פערדישע אויגן אויף אים געקוקט און זיך געבידעשט.

ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צום וואַלד צו, האָבן זיי אַלע ערגעץ גענומען גיין. די מאַמע איז געגאַנגען פאָרויס טריט בא טריט און ער איז קימאַט געלאָפן בא דער זייט, אונטערשפּרינגענדיק צו־ביס־לעך. יעדע ווײַלע פלעגט די מאַמע בלייבן שטיין, זיך אומקוקן, צי בלייבט ער נישט אַהינטער, און ווייטער געגאַנגען. הינטן זיינען זיי נאָכגעגאַנגען די עלטערע ברידער זיינע. אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען צום טייך.

א נייע וועלט האָט זיך דאָרט פאַר אים אַנטפּלעקט. די גאַנצע געגנט אַרום איז געווען א גלייכע און מ'האָט געקאָנט קוקן העט ווייט־ווייט. אינ־דערמיט איז געשטאַנען דער טייך; אין א גרינעם ראַם איינגעפּאַסט, האָט ער קעגן דער זון געגלאַנצט. און ווייט אַרום האָבן זיך געפּאַשעט פערד, שקאַפּעס און לאָשעקלעך. יעדע ווײַלע איז צוגעגאַנגען אַן אַנדער פערד צום טייך, האָט א זופּ געטאָן א ביסל וואַסער, נאָר טרינקענדיק האָט עס באַ־מערקט אין וואַסער נאָך א פערד, וואָס טרינקט צוליינגנדיק דעם פּיסק צו זיינעם, און ווען עס ענדיקט, שאַרפּעט עס מיט א פאָדערשטער פוס אין וואַסער, גלייך עס וואָלט געוואָלט שליסן קאַנטשאַפט און זיך דורכשמו־עסן... דאָס וואַסער באַוועגט זיך, כוואַליעט, שפּריצט, ווערט קאַלעמוט־נע, און יענע פערד פאַרשווינדט...

די לאָשעקלעך האָבן אים באַלד באַמערקט, זיינען צוגעקומען נענטער, אים אַרומגעשמעקט, זיך באַקאַנט און זיך גענומען שפּילן, בייסן אויף־צו־קלוימערשט, שפּרינגען, בריקעווען, וואַרפן מיט די הינטערשטע פיסלעך. ער איז באַלד געוואָרן היימיש און, ווען ער איז הונגעריק געוואָרן, איז ער

צוגעלאָפן צו דער מאַמען, וועלכע האָט זיך נישט ווייט געפּאַשעט און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, און זיך אָנגעזעגנט.

אַזוי האָט ער אַ סאַך טעג פאַרבראַכט און האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז שוין זינט אַ שטיקל צייט ווי זיין מאַמע, די ברידער און אַנדערע פערד גייען עפּעס אַרום פאַרזאָרגטע, הייבן אויף יעדע ווײַלע די קעפּ, שמעקן אין דער לופט, ווילן עפּעס אויספאָרשן, און מיט טרויעריקע בליקן קוקן זיי זיך איבער. ער איז נאָך געווען צו־יונג צו פאַרשטיין, אַז אַ גרויס אומגליק רוקט זיך אָן אַף זיי. ערשט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז וואָס אַ טאָג ווערט וויניקער מילך בײַ דער מאַמען אין דעם אייטער, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן, נאָכזוכן די סיבע דערפון. דעמאָלט האָט ער באַמערקט, אַז דער טייך איז עפּעס קלענער געוואָרן, דאָס וואַסער טונקעלער, אַרום טייך איז געוואָרן אַ גרויסע בלאָטע און די פעלדער האָבן אָנגעוואוירן זייער גרינקייט, זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל געלער און אַף אייניקע ערטער איז גאָר שוואַרץ געוואָרן. אויך האָט ער מיט שרעק באַמערקט, אַז זיין מאַמע איז עפּעס קלענער געוואָרן, די ביינער שטעקן איר אַרויס, עפּעס נישט דאָס וואָס פריער... די עלטערע ברידער האָבן אויפגעהערט פריילעך הירזשען, האָבן אָנגעוואוירן זייער פריילעכקייט, זיינען שטאַרק מאָגער געוואָרן, הוילע פעל און ביינער, און אַלע אין פּאַטרעראָ זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע, אייניקע קוים וואָס זיי האָבן זיך געשלעפּט.

און, וואָס אַ טאָג ווייטער, איז געוואָרן אַלץ ערגער. צום טייך איז נישט געווען צוצוטרעטן. בלויז אינדערמיט איז נאָך געווען אַ ביסל גרינע וואַסער. און די בלאָטע אַרום איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מ׳האָט קיין פוס נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן.

ווען דער דאָרשט איז שוין שטאַרק צוגעטראָטן, פלעגן אייניקע זיך איינשטעלן, אַרייננגיין אין דער בלאָטע, ראַטשקעווען אַף אַלע פיר, ביז זיי פלעגן דערגרייכן צום וואַסער, מיט אויסגעצויגענע העלדזער און אַזוי אָנגעזופּט זיך מיט שמוציקן וואַסער, נאָר ווען זיי האָבן געוואָלט אַרויסגיין, איז וואָס מער זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצושלעפּן אַ פוס, אַלץ מער איז זי געזונקען אין דער בלאָטע, ביז זיי זיינען אינגאַנצן געבליבן ליגן אַפן בויך און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. פלעגן קומען רייטער מיט שטריק און זיי אַרויסשלעפּן אַפן ברעג. אייניקע פלעגן זיך נאָך אויפהייבן; דער גרעס־

מער טייל אָבער פלעגט שוין דאָרט בלייבן ליגן אַף אייביק. און וואָס אַ טאָג ווייטער פלעגן אַלץ בלייבן ליגן נעבן טייך אַ גרעסערע צאָל פערד.

אויך זיין מאַמע פלעגט יעדן טאָג צוקומען צום טייך, פלעגט אריבער־קוקן צום וואַסער און זיך באַלעקן, אריינשטעקן אַ פּוס אין דער בלאָטע און זיך צוריקכאַפּן, פּרואוון אַזוי עטלעכע מאָל און מיט אַ ווייטיק אין האַרצן זיך אויסדרייען און אַוועקגיין. די נויט איז אָבער אָפּטמאָל שטאַר־קער אַפילע פונעם ווילן פון אַ פערד. עס איז שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז זי האָט שוין מער נישט געקאָנט אריבערטראָגן, און האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, האָט פּלוצעם גענומען לויפן מיט אירע לעצטע קויכעס צום טייך צו, איז אריבער די בלאָטע און גענומען טרינקען.

מיט גרויס־צעעפנטע אויגן, די נאָז עטוואָס פּאַרקאַטשעט, האָט זי געשלונגען גאַנצע שטראָמען שמוציקע וואַסער, וואָס האָבן זיך קנוילנווייז געטראָגן דורכן האַלדז אונטער דער פעל, און זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן. דער בויך האָט זיך וואָס אַ מאָל מער געהויבן, פאַרפולט געוואָרן, האָט אויסגעזען ווי געשוואָלן. און, ווען זי האָט דעם דאָרשט אַ ביסל געשטילט, איז זי אַזוי פאַרמאַטערט געוואָרן, אַז זי האָט בעשומויפן נישט געקאָנט אַפילע אַ ריר טאָן מיט אַ פּוס, האָט זיך אָנגעשטרענגט, אָבער דאָס האָט נאָר געהאָלפן, אַז די פיס אירע זאָלן אינגאַנצן פאַרזינקען אין דער בלאָטע, און זי איז געבליבן ליגן אַפן בויך אָן קרעפטן.

שפּעטער זיינען געקומען רייטער מיט שטריק און זי ארויסגעשלעפּט אַף דער טריקעניש.

ארויסגעשלעפּט, איז זי געבליבן ליגן אַ פאַרכאַלעשטע, די פיס אויס־געצויגן, דעם קאָפּ — אַף אַהינטער.

ווען זי איז שפּעטער אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט זי געפּרואווט זיך אויפשטעלן, האָט עס אָבער נישט געקאָנט באַווייזן, איז צוריקגעפאַלן מיט אַ קרעכץ, האָט נאָר געוואָרפן מיט די פיס און מיטן קאָפּ די ערד געשאַרט.

אַלע קינדער אירע זיינען נעבן איר געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אַפן צווייטן טאָג זיינען די עלטערע אוועק צו דער ארבעט: איינער איז אוועק אַקערן, געשלעפּט דעם פלוג; אַ צווייטער איז אוועקגעפאָרן, גע־שפּאַנט אין וואָגן. געבליבן נעבן דער מאַמען איז נאָר דאָס גאָר־קליינע

לאָשעקל, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אױף אַן אָרט אָדער זיך געדרייט אַרום איר. נאָר, װען ס'האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן קלעמען באַם האַרצן, פלעגט ער צוגיין, נעמען ציען דעם ליידיקן אייטער בײַ דער מוטער, און באַלד אָפּגעלאָזט — דאָרט איז גאָרנישט געװען ...

און זי, די מוטער, האָט מיט אַ פּאָר גרויס־צעעפנטע אויגן אױף אים געקוקט און שוואַך געצויגן דעם אָטעם.

אױפן דריטן טאָג אינדערפרי האָט זי שטאַרק געוואָרפן מיט די פיס, דעם קאָפּ פאַרדרייט אױף אַרונטער, געקריצט מיט די ציין, און שטאַרק גע־קרעכצט. און פּלוצעם האָט זי שטאַרק אַ ציִ געטאָן דעם אָטעם, די אויבער־שטע זייט האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און, אַרויסלאָזנדיק דעם אָטעם, האָט זיך די זעלביקע זייט אַראָפּגעלאָזט און מער זיך נישט אויפגעהויבן, געבליבן ליגן שטיל, רואיק, מיט אויגן שטאַרק צעעפנטע, פאַרגלייזטע ...

אַ קאַראַנטשאָ האָט זיך פון דער הייך אַראָפּגעלאָזט אױף אַ דאָרן, אַרויסשטעקנדיקן ביין פון די קלובעס, זיך אָפּגעשטעלט און, נאָך אַ פּאָר מאָל אַרומקוקן זיך, איז ער צוגעשפּרונגען ביז צום קאָפּ, האָט אַ צוויי פּיק געגעבן אין די אויגן, און אױף זייער פּלאַץ, זיינען געבליבן צוויי רויטע, מיט בלוט פאַרגאָסענע לעכער וואָס האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו קוקן ...

און „ער” איז אַלץ געשטאַנען, נישט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון אָרט: עס האָבן אים די קויבעס געפעלט דערצו; ער האָט די לעצטע צייט אַזוי פיל געהונגערט, אַזוי פיל געליטן.

ווער ווייס, צי וואָלט ער נישט געבליבן דאָרטן נעבן זיין מאַמען, ווען ער זאָל זיך נישט געווען נאָכנעמען נאָך אַנדערע פערד, וואָס זיינען דאָרטן גראָד דורכגעגאַנגען. און אַזוי פלעגט ער אַרומבלאָנדזשען אין פּאַטרעראָ אַ הונגעריקער, אַ מאָגערער און אַ פאַרבענקטער, פלעגט אָפּט אויפהייבן דאָס קעפּל און צוהירזשען אױף אַ דין קעלכל, ווי ער זאָל וועלן שרייען:

— מאַמע! מאַמע!

אָפּטמאָל פלעגט ער צוקומען צו יענעם פּלאַץ, וואו זיין מאַמע איז גע־בליבן ליגן, און יעדער מאָל פלעגט ער געפינען ווייניקער; כאַיעס, פייגל און ווערעם זיינען באַפאַלן איר קערפּער און זיך מיט אים געזעטיקט, דאָס

איבעריקע האָט שוין די זון געטאָן, האָט געהאָלפן פארניכטן, אויסטריקענען, און אין עטלעכע טעג ארום זיינען פון איר בלויז טרוקענע ביינער געבליבן.

פינצטערע טעג זיינען דאָס פאַר אים געווען.

שפּעטער האָט שוין אפילו גערעגנט. די פעלדער האָבן זיך ווידער מיט גרינס באַדעקט. דער טייך איז ווידער פול געוואָרן מיט וואסער, האָט די ברעגעס פארשוועמט. ווידער האָט פרייליכקייט געהערשט אין פּאַטרעראָ, און ווידער האָבן זיך לאָשעקלעך געשפּילט ארום טייך.

נישט פאַר אים אָבער איז דאָס אַלץ באַשאַפן געוואָרן. ער איז טאָמיד ארומגעגאנגען אַ דערשלאָגענער, אַ הונגעריקער, געווען שטארק מאָגער, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיסלעך, איז קימאַט גאָרנישט געוואַקסן. דאָס גראָז האָט ער נאָך נישט געקאָנט עסן און מילך האָט ער נישט געהאַט — האָט ער קימאַט גאָרנישט געגעסן, נאָר זיך ארומגעדרייט אין פּאַטרעראָ, ווי אַ פרעמדער, און געבענקט נאָך אַ מוטערלעכן לעק אָדער כאַטש אַ ווארעמען בליק...

די לאָשעקלעך אין פּאַטרעראָ האָבן פון אים געווייכט זיך געמיעסט מיט אים צו שפּילן און ווען עס פלעגט זיך אמאָל מאַכן, אַז זשעגוועס זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין שאָטן פון ביימער און מיט די עקן געטריבן די פליגן פון זיך, פלעגט ער אויך צוגיין, זיך אויסמישן צווישן זיי, בלייבן שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן און כאָלעמען ווען זיי מאַמען, און אַזוי כאָלעמענדיק צוגיין און נעמען זויגן באַ איינער פון די זשעגוועס; אָבער ער פלעגט באַלד כאַפּן אַ בריקע מיט אַ הינטערשטער פוס, אַז ס'פלעגט אים פינצטער ווערן אין די אויגן...

אַף פערדיש לאָשן האָט אַזאַ בריקע געקענט הייסן:

— אַ כוצפּע אַ ביסל פון אַ יאָסעמל!... מ'ווייזט אים אַ פרייליכע מינע, קריכט ער שוין אַפן קאָפּ, גלייך מיר האָבן נישט קיין אייגענע קינדער, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר...

און דאָס יאָסעמל פלעגט אַנטלויפן, נישט ווייסנדיק אַליין וואוהין, און ווען ער איז שוין געווען העט ווייט אַין פּאַטרעראָ, פלעגט ער אויפהייבן דעם קאָפּ, געבן אַ צוויי הירזשעס מיט אַזאַ ראַכמאָנעסדיקן קעלכל, ווי ער וואָלט וועלן שרייען:

— מאַמע! מאַמע!!

און פונעם נאָענטן װעלדל פלעגט אים אָפּענטפערן מיט דעם זעלביקן קאָל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט איז ער שוין אַ גרויסער, דאַרף שוין צו קיינעמס לאַסקע נישט אָנקומען, נאָר דאָך מאַכט זיך, ער בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען און, דערמאָנענדיק זיך אין זיינע קינדער־יאָרן, װי ער איז אויסגעװאַקסן אין צאָרעס, און װאָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, גייט אים דורך אַ שוידער איבערן גאַנצן קער־פּער, און ער גיט אַ ציטער מיט דער גאַנצער פעל...

לאָבאָ

ווען ער איז אָנגעקומען צו זיין באַלעבאָס, איז ער נאָך געווען נאָר אַ קליין הינטל, אַ בלינדס; מ׳האָט אים צוגענומען פון זיין מוטער, ער זאָל אָפּזויגן די ברוסט באַ דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט צו יענער צייט געבוירן אַ קינד און ס׳האָט נישט געקענט אָננעמען די ברוסט.

טכילעס האָט ער אַפילע געבענקט נאָך דער מאַמען, ווען ער פלעגט ליגן צוזאַמען מיט זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אַלע אַף אַ קופּע, זיך איינגניורען אין דער מוטערס ברוסט. עס פלעגט אים אַפילע אָנקומען אַ ביסל שווערלעך, בלינדערהייט און מיט שוואַכע פעסלעך, זיך דראַפּען און זוכן מיטן פיסקל, אַזוי לאַנג, ביז ער פלעגט דערטאַפּן אַ פּיפּקע, דער־פאַר אָבער, אַבי ער האָט נאָר אָנגעכאַפּט, האָט ער שוין אַזוי גיך נישט אָפּגעלאָזט. און די מאַמע, די צויג, פלעגט אַף אים אַרויפלייגן אַ פוס, אָבער אַזוי גרינג, אַז ער האָט דאָס קימאַט נישט געפילט, און מיט דער צונג אים לעקן, לעקן, אויסלעקן יעדן אייווער.

נאָר עס האָט זיך אויך צו דעם גיך צוגעוואוינט און עס איז אים גאָר־נישט געווען אַזוי שלעכט. ער איז געלעגן אין אַ וואַרעמען בעט פון דער באַלעבאָסטע און יעדער מאָל האָט זי אים צוגעטראָגן אַ ווייכע, וואַרעמע ברוסט פול מיט מילך. האָט דאָס אָבער נישט מער געדויערט ווי עטלעכע טעג, וואָרעס, ווען דאָס קינד האָט די ברוסט געקאָנט אָננעמען, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַן „אַראָזשע", וואו ער איז אָפּגעלעגן גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט און געהאַלטן אין איין קוויטשען און וואָיען, ביז ער האָט שוין מער קיין קויעך נישט געהאַט צו רירן זיך פון אָרט, איז געלעגן און געקוקט מיט זיינע קליינע בלויע אייגעלעך, נאָר־וואָס־געעפנטע, געקוקט,

געקוקט אַף גאַנס וועלט און שטאַרק באַוועגט מיט די זייטלעך, ווי נאָר אַ מינוט פאַרן טויט.

צו זיין גליק זיינען איבער אים געקומען די קינדער פון דער אייגענער שטוב, פון וואַנען מ'האָט אים אַרויסגעוואָרפן, און אַ האַלב טויטן צוריק־געבראַכט. בעוורע האָט זיך גענומען אים אָפּמינטערן, מ'האָט געבראַכט מילך, צעווייקט ווייכע שטיקלעך ברויט, אים אין פּיסקל געשטופּט, ביז ער איז ווידער געקומען צו זיך, זיך געשטעלט אַף די פיסלעך, גענומען אַרומ־קריכן, געלעקט די הענטלעך בא די קינדער, ווי ער זאָל בעטן נאָך, און איז געוואָרן גאָר היימיש.

צו יענער צייט איז אויך זיין גורל באַשטימט געוואָרן. ער איז צו די שטוביקע צוגערעכנט געוואָרן מיט נאָמען „לאַבאַ".

אַזוי איז „לאַבאַ" אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער, שיינער הונט מיט שוואַרצע און ווייסע פלעקן.

נאָר ער איז עפּעס גאָר קיין הונט נישט געווען, דאָס הייסט אַ הונט איז ער געווען ווי אַלע הינט, נאָר האָט נישט געהאַט אין זיך קיין הינטישע גענג. פלעגט אַ מאָל צוקומען צו דער שטוב אַ פרעמדער מענטש, פלעגן די אַנדערע הינט איינלייגן די וועלט, יענעם געוואָלט מאַמעש צערייסן אַף שטיקער — פלעגט זיך לאַבאַ שטיין פון וויטן ווי נישט אים מיינט מען, גלייך ווי ער איז גאָר קיין הונט נישט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער צווייטער הונט „פּיטשע", וואָס איז אויך געווען פון די שטוביקע, האָט איינעם אַ ביס געטאָן אין אַ פוס. אַף די געוואַלדן, וואָס יענער האָט געמאַכט, איז געקומען צולויפן דער באַלעבאָס אין קאָס אַף די הינט און גענומען זידלען און שילטן מיט טויטע קלאָלעס:

— אַז פאַרברענט זאָלן זיי ווערן! אַן אויסכאַפּעניש אַף זיי! ס'גאָר־נישט אויסצוהאַלטן! קיין מענטשן לאָזן זיי נישט דורכגיין!

און גענומען באַטראַכטן די וווּנד, וואָס „פּיטשע" האָט געמאַכט.

„לאַבאַ", וואָס האָט קיין אָנטייל אין דעם אָנפאַל נישט גענומען, איז אויך צוגעקומען, זיך געלאַשטשעט צום באַלעבאָס, צום פרעמדן געדרייט מיטן 'עק, זיך געבויגן אין דרייען און געמאַכט מיט דער צונג אַהין און אַהער, ווי ער זאָל וועלן זאָגן:

— אַן אוולע, כ׳לעבן, אַן אוולע, אַ גרויסע אוולע!

דער באַלעבאָס, וואָס האָט באַטראַכט די וואונד און געטרייסט, אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין, האָט צוגעגעבן:

אייך הינט וועל איך שוין לייגן אין דר׳ערד אריין.

און דאָס זאָגנדיק, כאַפּט ער אַ שטעקן און דערלאַנגט לאַבאַן איבער די פּיס.

— נאַ, וועסטו וויסן, ווי נישט דורכצולאָזן קיין מענטשן! בייסן גאָר?! האָסטו געהערט אַזוינס?

לאַבאַ האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקאַטשעט און געמאַכט אַזעלכע קוילעס, גלייך מ׳וואָלט אים געהאַרגעט, האָט אַ כאַפּ געטאָן די פּוס אין מויל אריין און אָנגעהויבן זיך צו פּעסטען אַף אַ יאָמערלעכן קאָל:

— אײ־אײ־אײ... נאָר, קעדיי ער זאָל נישט כאַפּן נאָך אַ שטעקן, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן, לויפנדיק אַף דריי פּיס און דעם צוקלאַפּטן האָט ער געטראָגן פאָרויס אין דער לופטן, עפּעס אַזוי ווי ער זאָל זיך וועלן פאַר עמעצן קלאָגן:

— נאַט, זעט, וואָס מ׳האָט מיר געטאָן! און פאַר וואָס? אײ־אײ־אײ... אײ־אײ־אײ...

אַ צווייטן מאָל האָט זיך געמאַכט, ס׳איז דורכגעגאַנגען אַן אומבאַקאַנטער הונט, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, ווייזט אויס, פון אַ צווייטער קאָלאָניע. דערזען אַ פרעמדן, האָבן זיך אַלע הינט פון דער גאַס צו אים אַ לאָז געטאָן מיט אויסגעשטשירעטע ציין.

דער פרעמדער, דערזען אַרום זיך אַזאַ כעוורע, האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט, דעם עק פאַרבויגן צווישן די פּיס, אַליין האָט ער זיך אָנגעבלאָזן אַזוי, אַז די האָר פונעם רוקן האָבן זיך אויפגעשטעלט, האָט פאַרקאַטשעט די אויבערשטע ליפּ. געוויזן ציין, אָבער נישט פון קאַס, נאָר ווי עפּעס געשמייכלט, ווי ער זאָל וועלן זאָגן:

— אַלייכעם שאָלעם הינט! ווי גייט עס?

אַלע הינט האָבן אים גענומען אַרומשמעקן, געוואָלט זיך באַקאָנען, געוואויר ווערן, ווער, וואָס און ווען, איינער האָט אַפילע ווי עפּעס אַ בורטשע געטאָן, ווי ער זאָל וועלן זאָגן:

— נעמט אים כעוורע!

און טאַקע באַלד איז אונטערגעשפּרונגען „פּיטשע" און האָט אים אַ ביס געטאָן פון הינטן. דער פרעמדער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ דריי אויס, זיך קעגנשטעלן, באַלד שפּרינגט אָבער אונטער אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, און אַזוי האָבן זיי אים גענומען רייסן פון אַלע זייטן. פון אַלע הינט איז געוואָרן איין קנויל, האָבן זיך געדרייט, זיך איבערגע־קאַטשעט; יעדער האָט געוואָלט מעכאַבעד זיין דעם פרעמדן מיט אַ גרע־סערן ביילעק, און מיט אַ שטיל איינגעהאַלטענער רעציכע, געהאַווקעט, גע־וואָרטשעט, געביסן, געריסן, געקנאַקט מיט די ציין.

לאָבאַ, וואָס איז אויך געקומען מעקאַבל פּאָנעם זיין דעם פרעמדן, דערזעענדיק אַזאַ כאַסענע, האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן אונטערביילעק, און־טערגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע פיס, דעם פּיסק פּאַרריסן אַרויף צום הימל, און גענומען וואָיען אַף אַ קאָל, ווי ער זאָל וועלן פרעגן באַם הימל:

— פאַרוואָס? וואו איז הינטישער יושער? וואו איז הינטישקייט?...

— וואָס וואָיען די הינט? גיי זע! האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן — און אַ שטיק האָלץ איז געפלויגן לאָבאָן אין קאָפּ.

לאָבאַ האָט שוין פאַרגעסן אין פרעמדע צאָרעס, איז אוועק מיט אַ געוואַלד, מיט אַ קוויטש אַף זיין שטייגער, זיך אוועקגעלייגט אַף אַ בערגל מיסט און שטיל, איינגעהאַלטן, אין זיך, געקווייטשעט אַף אַ דין קעלכל.

ווען „פּיטשע" האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פרעמדן, איז ער באַלד צוריקגעקומען, שטאָלץ ווי אַ גיבער, וואָס קערט זיך אום פונעם שלאַכט־פעלד נאָך אַ זיג, די פעל אין בלוט פאַרפלעקט, בלוט פונעם סוינע. פון גרויס צופרידנקייט האָט ער זיך אַזש באַלעקט.

דורכגייענדיק נעבן לאָבאָן, וואו ער איז זיך געלעגן איינגעקאָרטשעט אַפן מיסט און פאַרטיפט אין הינטישע געדאַנקען, רופט ער זיך אָפּ צו לאָבאָן:

— וואָס וועט זיין פון דיר דער טאַכלעס, לאָבאַ? ביסט עפּעס גאָר אַן אָפּגעזונדערטער נעפעש, גלייך ווי דו ביסט גאָר קיין הונט נישט...

לאָבאַ האָט דעראויף גאָרנישט געענטפערט, האָט אַף אים אַ וואָרף גע־געבן אַ פאַראַכטנדיקן בליק, געגעבן אַ פּאָר שאַר מיטן עק אַף דער ערד, אַהין און צוריק, און זיך ווייטער געבליבן ליגן רואיק.

— אלטער נאר! — זאָגט ווייטער „פּיטשע”, געבנדיק זיך מיט גאַד־לעם א דריי — אלטער נאר, וואָס דו ביסט, דו האָסט, ווייזט אויס א טאָ־עם אין גאַנצן כעשבן! דאָס וואָס דו רעכנסט פּאר א מיילע, איז פּונקט פּאַרקערט, א גרויסער כעסאָרן. דו געדענקסט, ווען איך האָב איינעם צע־ביסן א פוס, און דער באַלעבאָס איז געווען מאָלע רעציכע, האָט געשאָלטן, און איינגעליינגט די וועלט? אָבער דעם שטעקן האָסטו געכאַפּט! און ווייסטו פּאַרוואָס? דאָס איז דערפאַר וואָס דו האָסט נישט געביסן!... און איך, וואָס האָב דעם ביס געגעבן, האָסטו געמעגט זען מיט וואָס פּאר א ליב־שאַפט ער האָט מיך געגלעט און וואָס פאַר א שטיק פליישׁ ער האָט מיר געגעבן... ווילסטו זיין א הונט צווישן הינט, נישט ווערן געביסן, געשלאָ־גן פון יעדן, זיין באַליבט באַם באַלעבאָס, זיין רעספּעקטירט פון אַלעמען? טו ווי איך! לאָז נישט דורך קיין געלעגנהייט צו רייסן, בייסן ווען עס מאַכט זיך נאָר! עס מעג אפילע זיין דיינער א כאַווער, זאָלן דיך נישט אַרן יענעמס קוילעס, יענעמס גוואַלדן, יאָמערן און קלאָגן! א הונט זאָל מען זיין!!!

„פּיטשע” האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט דערזען אין עק גאַס א רייטער דורכפאָרן, האָט ער אָפּגעהאַקט אינמיטן און איז אַוועק.

טכילעס איז ער געלאָפן שטיל, אָן לאַשן, מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג און האָט שווער געאָטעמט, נאָר קומענדיק נאָענטער האָט ער אָנגע־הויבן האַוקען און נאָר געוואָלט אָנכאַפּן דאָס פערד באַם עק.

לאַבאַ איז געבליבן ליגן ווי פריער, אָפּן מיסט, דעם קאָפּ אויף דער ערד אָנגעשפּאַרט און נאָכקוקנדיק „פּיטשען” האָט ער זיך ווידער פאַרטיפט אין הינטישע געדאַנקען.

אין פֿאַרלעגנהייט

פֿאַר דער שטוב, אַף דער ערד, ליגט „פּיעל" — אַ גרויסער שוואַרצער הונט — די פֿיס אַף פֿאַרויס אויסגעצויגן, דעם קאָפּ אַף אַהינטער, האַרט באַ דער ערד, די אויגן צוגעמאַכט און וואַרעמט זיך קעגן דער ווינטערדיקער זון, וואָס שיקט אירע שטראַלן דורך די נאַקעטע צווייגן פֿון די פֿאַראַיסן־ביימער.

פֿון ציַיט צו ציַיט כאַפּט ער זיך אויף. פֿון יעדן שאָרך וואָס ער דערהערט הייבט ער עטוואָס אויף דעם קאָפּ, עפֿנט גרויס די אויגן, שטרענגט אָן די אויערן, שמעקט אין דער לופֿט און, ווען ער איבערציַיגט זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, ליגט ער צוריק אַוועק דעם קאָפּ אַף דער ערד, מאַכט ווידער צו די אויגן און האָט שטאַרק האַנאָע פֿון זיין באַטאָגענדיקן דרימל. אים אַרט נישט, וואָס דער ראַבער קאָטער קאָטער גייט צו צו אים, רייבט זיך מיט אַ זיַיט אין אים, פֿאַרביַיגט דעם עק אַרויף, צוברומענדיק שטיל. אים אַרט נישט, וואָס דער וויַיסער קאַטשער מיט דער גרויסער רויטער נאָז זעצט זיך אַוועק אַף דער ערד נעבן אים און מיטן ברייטן שנאָבל כאַפּט ער פֿליגן וואָס שטעלן זיך אָפּ אַף זיין פֿעל.

„פּיעל" עפֿנט עטוואָס די אויגן, לאָזט צוויי קליינע שפּעלטעלעך, פֿון וואַנען עס זעען זיך צוויי שוואַרצע פּינטעלעך, גיט קרום אַ קוק, און אַז ער דערזעט אַז ס'איז דער קאָטער, דער קאַטשער, היימישע, אייגענע, ווערן די שפּעלטעלעך שמעלער, דינער, די פּינטעלעך קלענער, ביז ער מאַכט זיי גאָר איינגאַנצן צו.

פּלוצעם שפּרינגט ער האַסטיק אויף און לאָזט זיך לויפֿן אין גאָרטן, פֿון וואַנען ער הערט דעם באַלעבאָס זיך בייזערן.

דער קאָטער, אַ דערשראָקענער, האָט נאָכמער דעם עק פֿאַרבויגן, דעם

דוקן אויסגעקרומט, די האָר אויפגעשטעלט און גענומען לייכט שפּרינגען, אַנטלויפנדיק אין שטוב אַריין.

דער קאַטשער בלייבט זיצן אינמיטן דערינען און פאַר שרעק קען ער זיך פון אָרט נישט רירן, עפנט בלויז ברייט דעם פּיסק, און פונעם האַלדז לאָזט זיך באַ אים הערן אַ קאָל ווי פון סאַמע „ס״:

— ס־ס־ס־ס!

מיט צוויי שפּרינג איז שוין „פּיעל״ געווען אין גאָרטן און גלייך זיך גענומען נאָכיאָגן דעם קעלבל, וואָס איז געלאָפן איבער די בייטן גרינוואַרג. און וואָס מער אַוראָם לייב, זיין באַלעבאָס, האָט זיך געקאָסט און געזידלט, נאָכלויפנדיק נאָכן קעלבל מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט, האָט זיך „פּיעל״ מיט אימפּעט געוואָרפן אַפן קעלבל, האָט עס געביסן אין דער מאָרדע, אין אַ הינטערשטער פוס און געהאַלטן אין איין האַוקען, ביז ער האָט עס צו־געטריבן צו דער פּאַרצוימונג וואו דאָס קעלבל האָט זיך אין גרויס איילעניש דורכגעשטופּט און איז אַף דער גאַס אַרויס. „פּיעל״ האָט עס נאָכגעיאָגט אויך אַף דער גאַס, ביז ס׳איז אַריין צוריק צום שאָכן, איבערן וועג.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך אומגעקערט אַ פּאַרסאָ־פּעטער, מיט דער צונג אַרויסגעשטעקט, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיין באַ־לעבאָס, וועלכער איז דערווייל אונטערגעקומען צו די דראָטן, האָט גענומען שילטן און מאַכן מיט די הענט אַריבער צום שאָכן.

„פּיעל״ איז געשטאַנען גרייט עפּעס צו טאָן: ער האָט געפילט, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן. ער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס: איז אַרומגעלאָפן פון איין אָרט אַפן צווייטן, געשאָקלט מיטן עק אַהין און צוריק, געקוקט מיט דורכדרינגענדיקע אויגן דאָ אַף זיין באַלעבאָס, דאָ אַריבער צום שאָכן האָט געוואָלט טרעפן, אויסגעפינען פּאַרוואָס זיין באַלעבאָס שרייט, ווען פון דער צווייטער שטוב, פון יענער זייט וועג איז אַרויסגעקומען דער שאָכן, האָט זיך געשטעלט באַ זיין דראָטענעם צוים און אויך גענומען עפּעס טײַנען, מאַכן מיט די הענט צו זיין באַלעבאָס, טכילעס שטיל, געלאַסן, נאָר וואָס אַ מאָל העכער און שטאַרקער.

„פּיעל״ האָט באַלד באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר און אָנגעהויבן האַוו־קען מיט זיין באַסאָווער שטימע אַריבער צום שאָכן.

— האַוו־האַוו!

דעם שאַבנס הונט, הערנדיק די קוילעס און דאָס האַוקען פון „פיעלן", איז געקומען פון ערגעץ צולויפן, האָט זיך געשטעלט בא דער זייט פון זיין באַלעבאָס און גענומען האַוקען אַף פיעלן.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַ האַווקע פאַר אַ האַווקע, האָבן ביידע הינט, זיך דורכגעריסן דורך זייערע דראַטענע צוימען, געמאַכט אַ פאָר טריט אייד נער קעגן צווייטן. און, ווען צווישן די צוויי שכיינים איז דער קאַס גע־וואַקסן, זיי האָבן זיך שוין געקריגט אַף דער העכסטער אָקטאַווע, געמאַכט קולאַקעס און זיי געוויזן איינער דעם צווייטן, האָבן אויך די הינט זיך גע־וואָרפן איינער אַפן אַנדערן...

באַם ערשטן צוזאַמענשטוים האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אַף די הינ־טערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע זיך אַרומגעכאַפּט ווי לעהאַוודל מענ־טשן, געבליבן שטיין אַזוי אַ ווייַלע מיט פייער־אָנגעצונדענע אויגן, אָפענע פיסקעס, אויסגעשטשירעטע ציין, פון וועלכע ס'האָט אַראָפּגערונען אַ סלינע, און יעדער האָט געזוכט זיך איינצוגראָבן מיט די ציין אין יענעמס האַלדז. דאָס האָט אָבער געדויערט נישט פיל, ווייל זיי האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן, איינגעגראָבן די ציין אין פעל און פלייש, רייסנדיק די קעפּ אַהין און צוריק, גרייט צו שינדן שטיקער; זיי זיינען געפאַלן אַף דער ערד, איבערקאַטשענדיק זיך, אַ מאָל דער, אַ מאָל יענער, וואָרטשענדיק שטיל, איינגעהאַלטן, אין זיך, פול מיט רעציבע...

ייען „פיעל" האָט זיך צוריק אומגעקערט פונעם געשלעג, אַ צוביסענער, אַ פאַרבלוטיקטער, האָט ער שוין נישט געטראָפן זיין באַלעבאָס באַם פּלויט — האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אַף דעם אייגענעם פּלאַץ ווי פריער און, אָפּ־לעקנדיק דאָס בלוט פון די וואונדן, האָט ער יעדע ווייַלע געוואָרפן פינצטע־רע בליקן, אַריבער צום שאַבן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָך געהאַווקעט, ביז ער איז אַריבערגעגאַנגען אין אַ שטילן וואָיען.

אַ שטאַרקע סינע האָט ער דערפילט צום שאַבן, צום קעלבל, צום הונט, און צו אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך...

ס'איז נאָך נישט אַוועק קיין טאָג און דער שאַבן איז אַריבערגעקומען און אַריין אין שטוב גלייך ס'איז גאָרנישט געווען. „פיעלס" באַלעבאָס האָט

אים אויפגענומען מיט א שמייכל, אים געבעטן זיצן, און גענומען עפּעס ריידן און שמייכלען.

„פיעל" ווערט אַן אויפגערעגטער. די אויגן זיינע ווערן מיט בלוט פאַר־גאָסן: ער וואָלט אים אַף שטיקער צעריסן. ס'איז דאָך דער פון נעכטן!

אָבער אַ קוק, אַ מינע פון זיין באַלעבאָס איז גענוג, אַז ער זאָל אָפּציען אַן אַ זייט... „פיעל" קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, שפּאַנט אַהין און צוריק, און וואַרטשענדיק וואַרפט ער פיינטלעכע בליקן, וואו דער שאָכן זיצט.

„פיעל" האָט די גאַנצע צייט זיך נישט געקענט באַרואיקן.

אָפּגעשמועסט האָט אווראָם לייב זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין, געכאַפּט דאָס פערד, ארויסגעשלעפּט די סולקי פון גאָלפּאָן, ארויסגעטראָגן דעם שפּאַן.

„פיעל" האָט זיך אויך גענומען גרייטן, ווי ער פלעגט דאָס טאָמיד טאָן. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן סולקי און געוואַרט, מ'זאָל איינשפּאַנען דאָס פערד און רירן פון אָרט.

ווען דאָס פערד איז שוין געווען איינגעשפּאַנט האָט אווראָם לייב מיט זיין שאָכן זיך אויפגעזעצט אַף דער סולקי.

„פיעל" האָט גלייך געוואָלט אַ וואָרף טאָן זיך אַפּן שאָכן, אָבער דער־זעענדיק דאָס זיסע שמייכעלע בא זיין באַלעבאָס, איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן און נישט געוואַגט זיך אַ ריר טאָן.

די סולקי איז ארויסגעפאָרן פונעם טויער און גענומען פאָרן מיט דער גאַס. „פיעל" האָט גענומען נאָכלויפן, נאָר דערזעענדיק ווי זיין באַלעבאָס מיטן שאָכן זיצן איינער נעבן אַנדערן אַף דער סולקי, די קעפּ עטוואָס צו־געבויגן איינער צום צווייטן, איז ער געבליבן שטיין, זיי אַזוי נאָכגעקוקט און גענומען האווקען אין יענער זייט וואוהין די סולקי איז אוועק.... צוערשט געהאַווקעט בייז, פול מיט רעציכע, אַף זיין באַסאָוועֶר שטימע, באַלד אָבער איז זי איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרצווייפלונג, יעדער האווקע האָט זיך געענ־דיקט מיט אַ וויינענדיקן קוויטש, אַזוי, אַז ס'האָט געקלונגען ווי אַ פּיעש־טשען זיך און נישט ווי אַ בייזערן זיך. „פיעל" האָט זיך אראָפּגעלאָזט אַפּן בויך, די הינטערשטע פיס הינטער זיך, די פאָדערשטע אַף פאָרויס אויס־

געצווינגן, דעם קאָפּ אַף זײַ אַוועקגעלייגט און זײַן הינטישן מויעך האָט שטאַרק גענומען אַרבעטן און דאָך נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלייבן אין דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען...

— דער שאָכן... מ׳דאַרף אים צובײַסן... אים... דעם הונט... זײַן קעלבל...

ער כאַפּט זיך אויף, ווײַל נאָכלויפן, בלײַבט ווידער שטיין, דערפילט זיך פּלוצעם עלנט און פאַרלאָזן, ווייס נישט וואָס צו טאָן, נאָכלויפן אָדער נישט — געפינט זיך אין גרויס פאַרלעגנהייט.

און, ווען די סולקי האָט זיך שוין מער נישט אָנגעזען, האָט ער זיך אַ וואָרף־געטאָן אינמיטן וועג, דעם קאָפּ פאַרריסן אַף ארויף און גענומען וואָיען אַף אַ קאָל...

—אַ־הו־הו־הו... אַ־הו־הו־הו!

אַ דועל

שוין לאַנג, אַז זיי האָבן געקוקט קרום איינער אַפן אַנדערן. אַ פאַרגעפיל האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז עפּעס וועט געשען. יעדער מאָל, וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט, פלעגט בײַ זיי אַרויסרופן צאָרן און פאַרדראָס, האָבן זיך באַטראַכט אַלס קאָנקורענטן, כאָטש זיי האָבן זיך געפּאַשעט אין באַזונדערע פּאַטעראָס, כאָטש יעדער בוהאַי איז אַרומגעגאַנגען מיט זײַנע קי און טעלעצעס, איבער וועלכע ער איז געווען דער הערשער. קוים האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן, יעדער פון זײַן זײַט דראָטענעם פּלויט, פלעגן בײַ זיי די אויגן זיך פאַרגיסן, פלעגן די קעפּ צו דער ערד בייגן און מיט די פאָדערשטע פיס די ערד גראָבן, וואַרפנדיק שטיקער ערד איבער זיך, און דערבײַ שטאַרק מרוקען, גלײַך זיי זאָלן וועלן דערמיט אָניאָגן אַ שרעק, ביז איינער פון זיי פלעגט זיך אַוועקדרייען, פלעגט שוין דער אַנדערער אויך אַוועקגיין — יעדער צו זײַנע קי.

אַמאָל פלעגט זיך אויך אַפילע טרעפן, אַז איינער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אַנדערנס פּאַטעראַ, האָט אַרײַנגעלייגט דעם קאָפּ צווישן די דראָטן און מיטגעשלעפּט די סלופּעס מיט די דראָטן צוזאַמען, און שוין געווען פון יענער זײַט, אָבער טאַקע באַלד צוריק זיך אומגעקערט, מאַשמאָעס עס האָט זיך אים עפּעס אויסגעוויזן . . .

דאָך פלעגן זיי, ווי־ווײַט־מעגלעך אויסמײַדן אַ צוזאַמענשטויס, ווײַל יעדער פון זיי האָט געוואוסט און געקענט דעם קויעך פון זײַן קעגנער.

„פאַרלאַנגאַ", אַ שוואַרצער, מיט אַ גלאַנץ, אַ „מאָטשאָ", מיט אַ שווערן, קײַלעכדיקן, פעטן קערפּער. ווען ערפּ לעגט אומגיין, טרעטנדיק שווער מיט זײַנע קורצע פיס, פלעגט פונעם האַלדז זיך אַרויסשיטן אַן אײַנטאָניק באַסאָווע ברומען — „הו־הו־הו" — אַן איבערפלוס פון גוואורע, און דער־

זעענדיק פון וווײטנס זיין קאָנקורענט, פלעגט ער אים — מיט זיינע קליינע, פאַרגאַסענע, עטוואָס בלוילעכע אויגעלעך — אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז פיס און באַלד נעמען אַן אַנדער וועג, כאָטש ער האָט געהאַט כיישעק אים צו דערלאַנגען מיטן קאָפּ אין בויך אריין...

„שאַרטהאָרן", אַ „ראַסיזשאַ"-בוהאַי, אַ געמיש פון רויטע און ווייסע האָר, אַ פלינקער, אַ לייכטער, מיט עטוואָס לאַנגלעכע פיס און קערפּער, מיט אַ קליינעם קאָפּ, מיט קורצע און שטאַרקע הערנער, פלעגט קעסיידער האַלטן אין איין ארומשפּאַנען אין פּאַטרעראַ פון איין עק ביזן צווייטן, צווישן באַקאַנטע, און שליסן נייע קאַנטשאַפטן, מאַכן ליבעס-דערקלערונגען, פאַרקאַטשען די אייבערשטע ליפּ, אויפהייבן דעם קאָפּ ארויפצו, פאַרגלייזן די אויגן און שווערן באַם הימל אייביקע ליבע... נאָר קוים פלעגט ער דער-זען, אַף יענער זייט פּלויט, פאַרלאַנגאַן דעם שוואַרצן בוהאַי, פלעגן זיך אים די אויגן מיט בלוט פאַרגיסן, דער קאָפּ אַראָפּבייגן ביז צו דער ערד, ווי ער זאָל וועלן ווייזן זיינע שטאַרקע הערנער, גראָבנדיק ערד מיט די פאָ-דערשטע פיס...

אַמאָל, דערזעענדיק ווי שאַרטהאָרן קאָסט זיך אַזוי, פלעגט פאַרלאַנגאַ זיך אָוועקשטעלן פון יענער זייט דראָטענעם פּלויט, גרייט צו דער מיל-כאָמע, אויך מאַכן די זעלבע אָנשטעלן, דעם קאָפּ בייגן ביז דער ערד, שאַרן מיט די פאָדערשטע פיס און ברומען שטיל, איינגעהאַלטן, אַף זיין באַסאָווער שטימע. און אַזוי פלעגן זיי אָוועקשטיין אַ היפּשע צייט, ביז יעדער איינער פלעגט זיך אָנהייבן רוקן אַף צוריק, נישט פאַרלירנדיק פון אויג דעם קעג-נער. און, שוין זייענדיק ווייט אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, פלעגט יעדער זיך נעמען אַף אַן אַנדער וועג: פאַרלאַנגאַ מיט זיינע שווערע טריט, ברומענ-דיק — „הו־הו־הו" — און שאַרטהאָרן, רעוועגדיק, אָנפאַנגס גראָב, באַ-סאָווע און ענדיקנדיק מיט אַ קוויטש, פלעגט אָוועק גיך־גיך אין דער ריכטונג, וואו ער האָט דערזען קי און טעלעצעס.

איינמאָל, ווען שאַרטהאָרן איז געשטאַנען נעבן אַ שיינער יונגער טע-לעצע, שטאַרק פאַרטיפט אין ליבעס-דערקלערונגען, האָט ער גאָרנישט באַ-מערקט, ווי אַף יענער זייט דראָטענעם פּלויט איז פאַרלאַנגאַ, דער שוואַרצער בוהאַי, געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאַרק צעעפנט די קליינע עטוואָס-בלוילעכע פאַרגאַסענע אייגעלעך, און אַ פאַרגאַפטער אריבערגע-

קוקט צו דער זעלביקער טעלעצע. פארבלענדעט פון דער שיינקייט, האָט פאַרלאַנגאָ נישט באַמערקט ווי שאָרטהאָרן דער „ראָסיזשאָ"־בוהאַי, זיין געפערליכער קעגנער, מאַכט כיינדלעך צו דער נייער שיינקייט און ער האָט גלייך אַריינגעשטופּט דעם קאָפּ צווישן די דראָטן, מיטגעשלעפּט אַן איינגע־גראָבענעם סלופּ מיט די דראָטן, און שוין געווען פון יענער זייט.

פלוצעם, אומדערוואַרטעט פאַר ביידע, האָבן זיי זיך געפונען פּאָנעם־על פּאָנעם.

אינסטינקטיוו האָבן ביידע מיטאַמאָל די קעפּ צו דער ערד אַראָפּגע־בויגן, זיך גערוקט אַף צוריק, מיט די פאָדערשטע פיס אין דער ערד געגראָבן, שטיקער ערד געוואָרפן אַף אַהינטער, האָבן איינער פונעם אַנדערן די אויגן נישט אַראָפּגענומען, געהיט יעדע באַוועגונג, געברומט פול מיט רעציכע און גוואורע און מיטאַמאָל האָבן זיך ביידע מיט אימפּעט אַ לאָז־געטאָן איינער אַפן צווייטן.

דער צוזאַמענשטויס איז געווען שרעקלעך. ביידנס קעפּ האָבן זיך מיט אַ שטאַרקער קראַפט אָנגעקלאַפּט, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט איבער דער פּאַטרעראָ. קי און קעלבער, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט נישט־ווייט, האָבן פאַרוואונדערט די קעפּ אויפגעהויבן און גענומען לויפן אַהין, וואו דער דועל איז פאָרגעקומען, אין אַ קרייז זיך אַרומגעשטעלט און זיך געכידעשט, גע־פּרוּווט צוגיין נאָענטער און מיט שרעק באַלד אָפּגעטראָטן, אַזוי עטלעכע מאָל, געשפּרונגען אַף אַלע פיר און גערעוועט.

די צוויי בוהאַיעס האָבן זיך מיט די קעפּ ווי איינגעוואַקסן איינער אין אַנדערן. יעדער האָט זיך מיט די פאָדערשטע פיס אונטערגעשפּאַרט און אין דער ערד איינגעגראָבן און מיטן קאָפּ אַלץ געוואָלט דעם צווייטן אָפּשטופּן, די רוקנס איינגעבויגן, די עקן פאַררייסן, די אָדערן הינטער דער פעל אָנ־געשוואָלן, די מוסקלען אָנגעצויגן און מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן האָט יע־דער איינער אַלע קויכעס אָנגעווענדעט, דעם צווייטן אָפּצושטופּן און אין בויך אים דערלאַנגען.

ווי צוויי אייזערנע ווענט זאָלן זיך האָבן צוזאַמענגעטראָפן, האָט איי־נער דעם צווייטן פון אָרט ניט געקאָנט רירן. זיי האָבן זיך נאָר אַף איין אָרט געדרייט, אַ מאָל לאַנגזאַמער, אַ מאָל שנעלער, גיך־גיך ווי אַ ווירבער, שטיקער ערד און שטויב האָבן די לופט אָנגעפילט; און, ווען איינער האָט

באַווײזן דעם צווייטן פון אָרט אָפּצושטופּן, האָט יענער מיט די פיס טיפע גראָבנס אין דער ערד געמאַכט און די ערד איז ווי צעאַקערט געוואָרן.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלאָגן דעם גאַנצן טאָג. און, ווען די זון האָט געהאַלטן באַ אונטערגיין און אַלע בעהיימעס פון אַרום האָבן זיך געצויגן שווערעסווייז צו זייערע נאַכט־פּלעצער, האָט מען נאָך אַף יענעם פּלאַץ געזען דעם וואָלקן שטויב, וואָס די בוהאַיעס האָבן מיט זייער גראַנגל אויפגעהויבן און עס האָט נאָך אַלץ אָפּגעהילכט דאָס שטאַרקע צוזאַמענשטויסן זיך פון ביידנס קעפּ.

די נאַכט איז געווען אַ ווינטערדיקע, דער הימל אַ לויטערער, די לופט אַ פרישע. ס'איז געפאַלן אַ ווייסער פראָסט. די צוויי בוהאַיעס זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, מידע, אָן קויכעס, האָבן זיך קוים אַף די פיס געהאַלטן, שטאַרק געהויבן מיט די זייטן און שווער־אָטעמענדיק האָבן זיי פון די נאָזלעכער אַרויסגעלאָזט צוויי זיילן הייסן אָטעם, וואָס האָבן אין דער פראָסטיקער נאַכט אויסגעזען ווי צוויי זיילן רויך. און, ווען זיי זיינען שוין גאָר אָן קויעך געבליבן, זיינען זיי אָפּגעטראָטן איינער פונעם אַנדערן, פון ווייטנס געהיט דעם צווייטנס באַוועגונג, נאָר באַלד ווידער אָנגעפאַלן איינער אַפן צווייטן, און ווידער האָט זיך געהערט אין דער שטילער נאַכט דאָס פאַרטעמפּטע קלאַפּן פון ביידנס קעפּ, ווי דאָס קלאַפּן פון אייןביין אַפן צווייטן... ביז, אין אַ מאָמענט, ווען פאַרלאַנגאָ האָט אַ פאַלשן טריט געגעבן און מיט דער זייט זיך אויסגעדרייט צו זיין קעגנער, האָט שאַרטהאָרן דאָס אויסגענוצט און אים דערלאַנגט מיט זיינע קורצע אָבער שטאַרקע הערנער אין בויך אַריין, עטלעכע מאָל אַזוי, ביז ער האָט אים צום בלוט צוגעשטופּט: דאָ האָט ער זיך אָנגעשטרענגט מיטן גאַנצן קויעך און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אַריינגעזעצט ביידע הערנער פאַרלאַנגאָן אין בויך אַריין, אים אין דער הייך אויפגעהויבן און איבערן פּלויט אַריבערגעוואָרפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנץ פרי, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, ווען די בעהיימעס האָבן זיך פון זייערע נאַכט־פּלעצער אויפגעהויבן און זיך געלאָזט איבער דער פּאַטרעראָ, האָבן זיי דערזען פאַרלאַנגאָן ליגן מיט פאַרגלייזטע אויגן אין אַ טייך בלוט, מיט אַן אָפענעם בויך, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען דאָס אינעווייניקסטע. האָבן זיי זיך שרעקלעך צערעוועט.

אויף זייערע קוילעס זיינען זיך צוזאמענגעלאפן נאך בעהיימעס, יונג און אלט, וואס האבן זיך נאר געפונען אין יענעם געגנט, האבן זיך ארומגע־שטעלט אין א קרייז און אלע אין כאר האבן מעשונע־ווילד גערעוועט, גע־שארט מיט די פאדערשטע פיס, געגראבן מיט די הערנער אין דער ערד, אף אן ארט נישט געקענט איינשטיין און ארומגעלאפן אין א קרייז, געוואלט אנטלויפן, נאר באלד זיך אומגעקערט און ווידער גערעוועט.

...און אין צווייטן עק פאטרערא איז שארטהארן געשטאנען נעבן זיין שיינהייט, האט געמאכט קאמפלימענטן, פארקאטשעט די אויבערשטע ליפ, פארריסן דעם קאפ אף ארויפצו, פארגלייזט די אויגן און באם הימל — פרום געשווואוירן אייביקע ליבע...

באטאראס

„באטאראס" איז א האָן מיט א גרויסן רויטן קאַם, וואָס הענגט אים אראָפּ אַף א זייט, גרויסע באַקנבערג פון דעם זעלביקן קאָליר, באַם האַלדז עטוואָס בלוילעך, קורצע פיס, גרויסע, גראָבע שפּאָרן, ווי די הערנערלעך פון א יונגן אָקס, פעדערן פון א טונקל־געלן קאָליר און א גרויסן עק.

באטאראס איז א האָן אין די עלטערע יאָרן. ער איז אָבער נאָך גענוג קרעפטיק צו זיין דער פירער און הערשער איבער אַלע הינער פון גאַנצן הויף. אומעטום איז פול זיין בליק; קיין זאַך גייט נישט דורך, ער זאָל דאָס נישט באַמערקן; דערהערט ער עפּעס אַן אומגעוויינלעכן ראַש, בלייבט ער שטיין אַף איין פוס, פאַרבייגט די צווייטע אונטער זיך, גרייט צו לויפן אַהין, פון וואַנען די געפאַר — ווייזט זיך אים אויס — קאָן קומען.

האָבן צוויי הינער זיך צעקריגט, איז ער באַלד געווען אינמיטן, איין הון געגעבן א פּיק מיטן שנאָבל, דער צווייטער געגעבן אָנצוהערן מיט א שאַרפע פון פליגל אין דער ערד און — ווידער איז געוואָרן שאַלעם.

באטאראס גייט איבער פון איין קוואָטשע מיט הינדעלעך צו דער אַנ־דערער, העלפט זיי פאַרפלען אין מיסט און, ווען ער געפינט עפּעס, צעטיילט ער עס צווישן די הינדעלעך, אַרויסווייזנדיק מיט דעם טריישאַפט און גרויס־מוטיקייט.

פלעגט א מאָל אונטערוואַקסן א יונג הענדל און זיך נעמען אויפפירן מאַיסע באָבער, מאַכן ביינדלעך צו די יונגע הינער, פלעגט דאָס באטאראס נישט נעמען אפילע אין אכט: ער האָט געוואוסט, אז נישט היינט, איז מאָר־גן וועט ער נישט ווערן און מ'וועט שפּעטער געפינען אַפן מיסט דעם קאָפּ מיט די קישקעלעך וואָס די באַלעבאָסטע וועט אַרויסוואַרפן... עס האָט

שוין אזוי געטראָפן: ווי נאָר א הענדל האָט אָנגעהויבן קרייען, האָט מען אים גלייך געקוילעט...

און דערפאַר האָט באַטאַראַס אויך נישט געלייגט קיין צופיל אַכט אַף איינעם א הענדל, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אַף די פיס, זיך גענומען כאַ־ווערן מיט הינער און, ווייל ער האָט געהאַט גאַלאַנסקע בלוט אין זיך, האָט מען אים דערפאַר גערופן „גאַלאַן".

— זאָל ער הוליען! — האָט ער געטראַכט — ער וועט שוין אוועק אַהין, פון וואַנען מ'קומט מער נישט צוריק...

און אַזוי זיינען אוועק טעג, וואָכן, באַראַשים און גאַלאַן איז געוואַקסן, געוואָרן שענער און קרעפּטיקער, הויך, מיט לאַנגע פיס און שאַרפע שפּאָרן, ווי נאָדלען; אַפן קאָפּ א קליינער קאַם, רויט ווי בלוט, באַשפּיצט ווי א קריינדל, קליינע באַקנבערד פון זעלביקן קאָליר, מיט א לאַנגן האַלדז, עלע־גאַנט אַרומגעזוימט מיט עטוואָס לענגלעכע קאָלירענע פעדערן, מיט פאַר־שיידענע פאַרבן באַ ביידע עקן פליגל און עק.

איינמאָל איז באַטאַראַס אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, באַגלייט פון עט־לעכע הינער, געגאַנגען פּאָרויס, מיט געציילטע טריט, ווי עס פּאַסט פאַר א פירער מיט א געוויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון צייט צו צייט זיך אָפּ־געשטעלט, פאַרבויגן דעם קאָפּ אַף א זייט, געקוקט מיט איין אויג אין דער הייך, צי עס זעט זיך נישט א געפאַר, געפּאָרפּלט מיט זיינע שאַרפע נעגל אין דער פייכטער ערד, עפּעס אַרויסגעשלעפּט מיטן שנאָבל, עס געהאַלטן אין מויל און שטיל צוגערופן זיינע באַגלייטערנס, צווישן זיי עס איינגע־טיילט און ווייטער געגאַנגען.

גראָד איז דורכגעגאַנגען גאַלאַן און, וואַרפנדיק א בליק אַף די הינער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר א יונגער, שיינער, שוואַרצער הון, האָט גע־נומען גיין פאַר איר, אין דער ברייט, הין און צוריק, אַראָפּגעלאָזט א פליגל און מיט אים דערלאַנגט א שטאַרקן שאָרפּע אין דער ערד, ווי ער זאָל וועלן זאָגן:

— איך בין גענוג שטאַרק צו זיין דיין באַשיצער...

באטאראס, דאס דערזעענדיק, איז געוואָרן אָנגעצונדן און האט זיך א לאָז געטאָן מיט זיין גאנצער קראפט אף זיין קעגנער.

גאלאן איז נישט אנטלאָפן, איז געבליבן שטיין גאנץ רואיק און גע־ווארט אף דעם אָנפאל; און, ווען באטאראס האט זיך אף אים ארויפגע־וואָרפן, האט זיך גאלאן מיטאמאָל אראָפגעזעצט צו דער ערד און באטאראס איז איבער אים אריבערגעשפרונגען.

און ווידער איז גאלאן געשטאנען גלייך, אויסגעצויגן, דעם קאָפּ פאר־ריסן אינדערהייך און מיט כוצפע געקוקט אף באטאראסן, ווי ער היצט זיך.

אין דעם מאָמענט, ווען באטאראס האט זיך געגרייט צו א צווייטער אטאקע, איז מען ארויסגעלאָפן פון שטוב און זיי צעטריבן.

ביידע הענער זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען אין פארשיידענע זייטן, אי־בערוואַפנדיק זיך מיט פייערדיקע בליקן.

באטאראס האט איינגעזען, אז ער האט דא צו טאָן מיט א שטארקן קעגנער און א געדאנק איז אים דורכגעלאָפן, אז ער האט זיך א ביסל צו־שפעט ארומגעקוקט...

און זיי האבן זיך געטראָפן.

עס איז געווען א שטילער פרימאָרגן, ווען כאנע די באלעבאָסטע איז ארויס מיט אן עמער מאיס פאר די אויפעס, וועלכע זיינען נאָך געווען פאר־שפארט אין גאלפּאָן.

די טיר פון גאלפּאָן איז אויפגעעפנט געוואָרן און הינער, קאטשקעס, גענדז האבן זיך מיטאמאָל, ווי פון א זאק, ארויסגעשאָטן אין הויף אריין.

כאנע כאפּט אף גיך א פולע האנט מאיס, ווארפט עטוואָס ווייטער פון זיך; די אויפעס גיבן זיך א לאָז אהין, וואו די מאיס זיינען געפאלן, און כאנע הערט נישט אויף צו שיטן מאיס מיט דער פולער האנט, ווי זי זאָל פארזייען אף געאקערטער ערד...

צווישן די אויפעס ווערט אַ געשטופּעריי; זיי שפּרינגען איינער איבערן אַנדערן, יעדער וויל פאַרכאַפּן וואָס מער, נאָר וואָס אַ מאָל ווערט עס שטי־לער, ביז ס׳ווערט גאָר שטיל; עס הערט זיך נאָר דאָס פּיקן פון די שנאָבלען אין דער ערד...

באַטראַס און גאַלאַן דרייען זיך אַרום איןביידע זייטן, פאַרשלינגען זעלטן ווען אַ קערנדל מאַיס, נעמען עס נאָר אין מויל, רופן צו איינע פון זייערע נאָענטע און לייגן עס פאַר איר אַוועק:

— עס, עס, מיין טייערע!

נאָר, ווען די צוויי הענער באַגעגענען זיך, שפּריצט בא זיי פון די אויגן ווי מיט פייער.

פּלוצעם בלייבט באַטראַס שטיין, הערט זיך צו עפּעס צו, פאַרבייגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, קוקט מיט איין אויג אַרויף צום הימל און לאָזט אַרויס אַ פאַרצווייפלטן געשריי.

אַ רויב־פויגל האָט זיך באַוויזן.

אויך גאַלאַן האָט דאָס באַמערקט, מיט איין אויג געכאַפּט אַ קוק אַרויף, באַנומען די געפאַר און עס צעווייסן געגעבן אַלע הינער.

אין גאַנצן הויף איז געוואָרן אַ ראַש, אַ געפּילדער; אַלע הינער און הינדעלעך זוכן זיך צו ראַטעווען, באַהאַלטן זיך, צווישן די גראָזן, לויפן אַריין אין שטוב; בא די קליינע הינדעלעך ווערן פאַר שרעק אָפּגענומען די פיסלעך, פאַלן זיי אויף די בייכלעך, בלייבן ליגן, נישט קאָנענדיק זיך רירן פון אָרט.

כאַנע מיט אַלע קינדער מאַכן אַ געוואַלד, פאָכען אין דער לופט, ווער מיט אַ בעזים, ווער מיט הוילע הענט, איבערצושרעקן דעם גרויסן רויב־פויגל, וואָס מאַכט קרייזן אין דער לופט און גיט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז אַראָפּ, פּונקט דאָרט, וואו עס ליגן די אויף טויט־איבערגעשראָקענע הינדעלעך און קאָנען מיט קיין אייוועך נישט רירן, האַלט שוין גרייט די נעגל איינצוקלאַ־מערן איינעם פון זיי. אָבער כאַנע מיט די קינדער ווארפן זיך אָפּן פויגל, וועלכער, איינזעענדיק אַז ער קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן, הייבט זיך צוריק אויף, קוקט אַראָפּ מיט אויגן פול רעציכע און פליט אַוועק.

אַלע אויפעס גייען אַרום פון זייערע באַהעלטענישן, אַרויסשטעקנדיק פריער די קעפּ, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן, צי די געפאַר איז שוין אַריבער, די קוואַטשקעס נעמען צוזאַמען די הינדעלעך, לויפן אַרום אַהין און צוריק און דערציילן אַפן קול דאָס געשעעניש.

גאַלאַן לויפט אַרום פול מיט שטאָלץ, דעם קאָפּ פּאַררייסן, צורעכענענ־דיק זיך דעם גאַנצן זיג, קלייבט צוזאַמען אַרום זיך קימאַט אַלע הינער און, פילנדיק זיך גרויס און שטאַרק, גיט ער עטלעכע מאָל אַ פּאָך מיט די פליגל און אַ מעכטיקער „קו־קו־ריי־קו" קלינגט אָפּ אַפן הויף.

גאַלאַן באַמערקט עטלעכע הינער, צווישן וועלכע עס גייט אַרום די שוואַרצע מיטן טשוביקל אַפן קאָפּ; טראַכט ער נישט פיל און גיט זיך אַ לאָז צו איר מיט ליבעס־דערקלערונגען. די שוואַרצע ווי קלוימערשט נישט הערן, נעמט זי אַנטלויפן; אָבער גאַלאַן צעשפּרייט די פליגל, לויפט איר נאָך און אָט־אָט כאַפּט ער זי; די שוואַרצע דערפילט אים נאָענט הינטער זיך, בלייבט זי שטיין, זעצט זיך אַראָפּ און צעשפּרייט די פליגל, ווי זי זאָל מאַכן די בראָכע „שעשני כרצונו"...

באַטאַראַס איז דעמאָלט גראָד געשטאַנען אַף אַ סלופּ; ער האָט שוין געהאַט געגעבן עטלעכע קלעפּ מיט די פליגל, האָט אויסגעבויגן דעם האַלדז און זיך געקליבן געבן אַ קריי, נאָר ער האָט איבערגעריסן אינדערמיט און גלייך פון דאָרט זיך געגעבן אַ לאָז צו גאַלאַנען, האַלב־פליענדיק, האַלב־לויפנדיק.

גאַלאַן האָט נאָך צייט געהאַט צו געבן אַ שאַרפע מיטן פליגל אין דער ערד און, צוזאָגנדיק אַלדאָסגוטס דער שוואַרצבענעווידיקער הון, האָט ער גע־נומען אָפּוואַרטן באַטאַראַסן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ קרעפטיקער. פעדערן האָבן גענומען פליען אין דער לופט און אַ געדיכטער שטויב האָט זיך אויפגע־הויבן, איינהילנדיק זיי ווי אַ טומאַן. די העגער האָבן זיך געגעבן אַ וואָרף אַף צוריק, אַראָפּגעבויגן די קעפּ ביז דער ערד, מיט פייערדיקע בליקן זיך איבערגעקוקט, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע, ביז באַטאַראַס האָט מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט אויפשפּרינגען מיט זיינע שפּאָרן גלייך אַף

גאַלאַנען. גאַלאַן האָט אָבער אויך אַ הייב־געטאָן דעם קאָפּ, געגעבן אָנצו־הערן אַף זיינע שאַרפע שפּאָרן.

באַטאַראַס האָט שנעל ווי אַ בליץ זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּאַ־נעם צו גאַלאַנען, האָבן זיך געביטן מיט די פּאָזיציעס און, ווי בלינד פון קאַס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זיין גאַנצן שווערן קערפּער אַף גאַ־לאַנען.

גאַלאַן האָט עטוואָס פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, האָט זיך אָבער שנעל אויפגעהויבן, זיך געגעבן אַ רוק אַף צוריק, אַז דער קלאַפּ זאָל זיין אַ שטאַר־קער, און מיטן גאַנצן קויעך געגעבן אַ שפּרונג אַף באַטאַראַסן און אים אריינגעשטאָכן אין קאָפּ איינעם פון זיינע שאַרפע שפּאָרן.

אַ שטראָם רויט בלוט האָט געגעבן אַ זעץ ווי פון אַ קוואַל.

באַטאַראַס האָט אויפגעהערט צו קעמפן, האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַפן בויך און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד.

נאָר גאַלאַן האָט זיך נאָך אַליין נישט געקילט, האָט נישט אויפגעהערט צו פּיקן מיטן שנאָבל באַטאַראַסן אין קאָפּ...

פלעטשאַ

היינט, זאָגט מען, שפּאַרט ער גאָר אָן אין די הויכע פענצטער, אַלע צייטונגען ריידן פון אים. גיבן אָפּ גאַנצע קאָלומס פון זיינעטוועגן, לויבן אים אין טאָג אריין. און זייער הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן אינטערע־סירן זיך מיט אים. אריסטאָקראַטישע דאַמען זיינען מאַמעש אין אים פאַר־ליבט. פרעגן זיך אָפּט נאָך בא זיינע דינער וועגן זיין געזונט און ווי אזוי ער פילט זיך איבערהויפּט.

ער באַוואוינט א גרויסטאַרטיקע וואוינונג און איז אַרומגערינגלט מיט א גרויסער דינערשאַפט. זיי גיבן אכטונג, אז קיין זאך זאָל אים ניט פעלן און טיילן אים צו פון דעם בעסטן.

נאָר אָפטמאָל טרעפט, אַז אין מיטן עסן לאָזט ער שטיין דעם האָבער און די פריש־שמעקענדיקע אַלפאַלפאַ, הערט פלוצעם אויף צו קייען, בלייבט מיטן ביסן אין מויל. די אויגן האַלב פאַרמאַכטע ווי צום דרעמלען, דער קאָפּ צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, די אונטערשטע ליפּ הענגט אים נאָך ווי בא אַן אַלט פערד, אָן אונטערשטן פּוס האַלט ער עטוואָס אויפגעהויבן און אָנגעשפּאַרט אָפּ דער שפּיץ קאָפּעטע און אָפּ דער פעל, דאָ און דאָרט, לויפט אים דורך יעדע ווײַלע א ציטער, ווי ער זאָל וועלן עפּעס פאַרטרייבן, אָפּטרייסלען פון זיך... און אזוי שטייט ער אָפּ שאָענווייז.

די דינער קוקן זיך איבער מיט שרעק אין די אויגן: — איז ער כאָ־לילע קראַנק? פעלט אים עפּעס?

ווען ער איז געבוירן געוואָרן, איז מיט אים צוזאַמען, אין איין צייט אויך דער זומער געבוירן געוואָרן. די גאַנצע פּאַטרעראָ איז, ווי דורך א

קישעף, פון געל אין גרין פאַרוואַנדלט געוואָרן. אומעטום האָט מיט אימפעט גענומען שפּראָצן גרין און ווייך גראָז און זיך צו דער זון געצויגן.

ביימער האָבן זיך אין גרינע, געדיכטע בלעטער און בלומען אָנגעטאָן און די לופט פערפומירט. שטייען גרייט מיט צעשפּרייטע צווייגן, אויפצונעמען און אָפּצוגעבן די בעסטע פלעצער פאַר די פייגל, וואָס ווילן דאָרט זייער היים מאַכן.

און אין דער הייך ציען זיך גאַנצע מאַכנעס פאַרשיידענע פייגל, קומען זיך דאָ באַזעצן. נעמען זיי זיך בויען נעסטן צווישן די צווייגן פון די ביימער און אַף דער ערד, צווישן גראָז. ס'געדויערט ניט קיין סאַך הערט זיך שוין פון דאָרט דאָס פּישטשען פון די נאָר־וואָס געבוירענע פייגעלעך מיט די געל־אַרומגעברעמטע פּיסקעלעך.

דאָ און דאָרט, איבער דער גאַנצער פּאַטעראַ, זעט מען ווי דאָס לעבן קוועלט. מיט יעדן טאָג קומען צו ניי־געבוירענע קעלבעלעך און לאָשעקלעך. און צעשפּרייט, ווי זיי זיינען איבערן גרינעם פעלד, זעען זיי אויס פון וויטנס ווי גרויסע, באַוועגלעכע בלומען פון פאַרשיידענע קאָלירן איבערן פעלד צעוואָרפן.

איינציקע טולען זיך צו זייערע מוטערס, וועלכע ציטערן איבער זיי און גייען זיי נאָך פוס־טריט, אַנדערע נעמען זיך צוזאַמען, עטלעכע אינאיינעם און דריקן אויס די פרייד פון לעבן אַף זייער שטייגער, לויפנדיק אין אַ קרייז מיט די עקן אויפגעהויבן אין דער לופטן . . .

און ווען פלעטשאַ — אַנטשולדיקט, פאַרגעסן פאָרצושטעלן — פּראָפעסיאָן: קאַרעראַ־פערד, נאָמען: פלעטשאַ — האָט צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן און דאָס אַלץ דערזען, ניט זייענדיק נאָך גוט אָפּגעטריקנט, די קני האָבן זיך אים געבויגן פון שוואַכקייט, די קאָפּעטעס זיינען נאָך געווען צו ווייך אַף דער האַרטער ערד צו טרעטן, האָט אָבער געפילט ווי אַ געהיימע קראַפט טרייבט אים אויסצודריקן דאָס אַלץ וואָס ער זעט און פילט. ער האָט אָבער נאָך ניט געוואוסט ווי אַזוי עס אויסצודריקן; האָט ער גענומען שפּרינגען אַפן אָרט, און געמאַכט אַזוי ווי ער זאָל וועלן בריקען מיט די הינטערשטע פיס. ניט געפונען דעם ריכטיקן אויסדרוק פונעם שטראָם לעבן וואָס האָט אין אים געשלאָגן, האָט ער גענומען זוכן מיטן

מויל און שמעקן מיטן פייכטן נעזל בײַ זיין מוטערס בויך, וואו ער האָט געפונען אַ פולן אייטער מיט מילך. האָט ער זיך אָנגעזויגן און זיך דערפילט קרעפטיקער.

נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם דערהערט מאָדנע טענער זיך טראָגן אין דער לופטן. דאָס האָט געקלונגען דער גלאָק אױפן האַלדז וואָס אַ זשעגוואַ־מאַטראָנע האָט געטראָגן און יעדע באַוועגונג אירע האָט פאַרשיידענע טענער אַרויסגערופן.

פלעטשאַ איז אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען און זיך צוגעהערט. און פּלוצעם האָט ער דעם ריכטיקן טאָן אויפגעכאַפּט, דעם ריכטיקן אויסדרוק געפונען און אויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געיעג איבער דער פּאָטרעראָ: דעם עק פאַררִיסן, די גריווע אין דער לופטן צעפלאַטערט, האָט ער זיך געטראָגן ווייטער און ווייטער...

פון יענעם טאָג אָן האָט פלעטשאַ גענומען וואַקסן און וואָס אַ טאָג אַלץ זיך קרעפטיקער געפילט. פּאַשע אין פּאָטרעראָ און וואַסער אין דער אַראָזשאָ איז געווען איבערגענוג. פלעגט ער זיך אָפט צוזאַמענקומען מיט אַנדערע לאָשעקלעך פון פּאָטרעראָ און פאַרברענגען אױף זייער שטייגער. נאָך עטלעכע אומגעלומפּערטע שפּרינג און בריקען מיט די הינטערשטע פיס און זיך קלוימערשט ווײַלן בייסן איינער דעם צווייטן, פלעגט איינער פון זיי נעמען לויפן. און אַבי איינער האָט גענומען לויפן, פלעגן שוין די אַנדערע נאָכטאָן. און ס'פלעגט זיך אָנהייבן אַ געלויף. יעדער האָט געוואָלט דעם צווייטן איבערלויפן, ווייזן וואָס ער קאָן. שטיקער ערד פלעגן פליען אין דער לופטן, און איבער דער גאַנצער פּאָטרעראָ פלעגט אָפּהילכן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון זייערע קאָפּעטעס.

און מער פון אַלע האָט דאָס פלעטשאַ באַוויזן. זיין לויפן איז געווען אויסערגעווײנלעך: דעם קאָפּ אױף פאָרויס אויסגעצויגן, ווי בײַ אַ פויגל בעשאַס ער פליט, די פיס — ווי זיי וואָלטן די ערד ניט אָנגערירט, די גריווע און עק פון ווינט צעפּאַטלט און אין דער לופט געפלאַטערט, האָט אים צוגעגעבן אַ מאַיעסטעטיש אויסזען.

אַז מעווינים האָבן דאָס געזען, האָבן זיי וועגן אים אױף גרויסקייטן געוויעס געזאָגט.

און אַזוי זיינען אַוועק דריי זומערס מיט דריי ווינטערס. פּלעטשאַ איז זעלטן שיין אויסגעוואַקסן. קיילעכדיק, פעט האָט זיין פעל קעגן דער זון טאָמיד געגלאַנצט מיט אַ טונקעלן גאָלד־קאָליר. און דערפאַר טאַקע האָט מען אים אַ צייט לאַנג גערופן — אַלאַסאַן. ביז איינמאָל האָט זיך געמאַכט, מ׳האָט אים מיט דער גאַנצער טראַפּיזשאַ פאַרטריבן אין קאָראַל. פּלעטשאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט זיך געפילט ווי אַ פייגעלע אין שטייג, פאַרמאַכט פון אַלע זייטן מיט אַ הויכער אַלאַמבראַדאַ און ס׳האָט אים גענומען שטיקן און ווערגן, ווי אַ פיש אַף דער יאַבאָשע. ס׳האָט אים לופט אויסגעפעלט. האָט ער מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ הייב אין דער לופטן און אַריבערגעשפּרונגען די אַלאַמבראַדאַ, געגעבן אַ פּאָר בריקעס מיט די הינטערשטע פיס, אַמאָל רעכטס און אַמאָל לינקס, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: איך הער אייך ווי דעם פאַראַיאָריקן ווינטער און אַוועק איבער דער פּאַטרעראַ ווי אַ „פלעטשאַ" — אַ פייל אויסן בויגן. עמעצער האָט דאָס אַרויסגערעדט, און פון דאַן אָן איז ער געבליבן מיטן נאָמען „פלעטשאַ".

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, ווען פּלעטשאַ האָט זיך געפילט אונטער דער מאַכט און ווילן פון אַנדערע, איז געווען ווען אייניקע רייטער האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געדרייט איבער די קעפּ מיט לאַסאָס און באָליאַדאָרן און זיך אַלץ געיאָגט נאָך אים.

פּלעטשאַ האָט אויסגענוצט זיין גאַנצע קראַפט. איז געלאָפן און זיך געדרייט אַף אַלע זייטן, געשפּרונגען איבער אַראָזשאָס און זיך אַלץ געטראָגן ווייטער און ווייטער. באַלד האָבן אָבער דורכגעשניטן די לופט מיט אַ פייף אייניקע באָליאַדאָרן און ער איז לויפנדיק געבונדן געוואָרן אַף אַלע פיר פיס. ער האָט נאָך געגעבן אַ צוויי שפּרונג און געמוזט בלייבן שטיין. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער פאַר אויפרעגונג. באַלד זיינען נאָך אַ פּאָר לאַסאָס אַף אים אַרויפגעוואָרפן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָרפן, געשפּרונגען אַף אַלע זייטן. די לאַסאָס האָבן זיך אַלץ ענגער באַם האַלדז פאַרצויגן און געוואָרגן. ער האָט גענומען כאָרכלען, בלוט האָט זיך באַוויזן אין די נאָז־לעכער. ס׳איז אַרום אים מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן, בלויז אייניקע שטערן, גרעסערע און קלענערע, האָבן זיך באַוויזן און אויך באַלד פאַרשוואונדן. ער איז צו דער ערד געפאַלן.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געפונען פעסט צוגעבונדן צו אַ גרויסן סלופּ, די פיס געפּענטעט און אינגאַנצן מיט לאַסאָס אַרומגעבונדן, אַז ער האָט זיך קיין ריר ניט געקאָנט טאָן. נאָר, ווען מ׳האָט אים פריי געמאַכט פון דער לאַסאָ און זיך אַף אים אַרויפגעזעצט, האָט ער אויסגעזען, אַז ער וועט נאָר פון דער פעל אַרויס, אַזוי האָט ער גענומען שפּרינגען און נאָר געוואָלט דעם רייטער פון זיך אַראָפּוואַרפן. דער קאָפּ פאַרבויגן צווישן די פאָדערשטע פיס, מיט די הינטערשטע געבריקעט אין דער לופט, אָדער גאָר זיך אויפגעשטעלט אַף די הינטערשטע פיס. און אין דער זעלבער צייט האָט אַף אים ניט אויפגעהערט צו האָגלען מיט רעווענקאַסאָס און גוואַטשאַסאָס איבערן קאָפּ און נאָר וואו מ׳האָט געטראָפן. אַ ווייסע שוים האָט זיין גאַנצן קערפּער באַדעקט, די אויגן מיט בלוט פאַרגאָסן פאַר קאַס און אַז ער האָט בעשומויפן דעם רייטער פון זיך ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן, וועלכער האָט זיך אין אים מיט די פיס איינגעקלאַמערט און מיט די שפּאָרן די זייטן צעשטאָכן, האָט ער גענומען אַנטלויפן מיטן רייטער איבער די פעלדער. געשפּרונגען איבער גריבער, איבער אַלאַמבראַדאָס, ביז ער האָט שוין מער קיין קויעך ניט געהאַט צו לויפן. איז ער געבליבן שטיין, האָט געפּאָכעט מיט די זייטן און שנעל געצויגן דעם אָטעם. די רעווענקאַסאָס אַף זיין שווייסיקער פעל האָבן יעדער ווייִלע אָפּגעהילכט, ווי אַ מין פּליעסקען מיט די הענט. פּלעטשאַ האָט נאָר אָפּגעענטפערט אַף יעדן קלאַפּ מיט אַ שטאַרקן שנאָרך פון דער נאָז...

און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעכאַזערט יעדן טאָג, ביז פּלעטשאַ האָט זיך טיילווייז אונטערגעגעבן. האָט זיך געלאָזט אָנזאָטלען, דעם רייטער — זיך אויפזעצן, געגעבן עטלעכע שפּאַן, נאָר קוים האָט מען אים געהייסן לויפן, פּלעגט ער אַ צי טאָן דעם קאָפּ פאָרויס און גענומען לויפן איבער די פעלדער מיט האַרץ, מיט ברען, ווי אין יענע גוטע צייטן, ווען ער איז נאָך פריי געווען. נאָר דאַן איז דאָס לויפן געווען אַן אויסדרוק פון פרייד, פון לעבן, פון איבערפלוס און ענערגיע אין זיינע אָדערן, און איצט איז דאָס אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג, קעגן דעם צוים וואָס האָט אים דאָס גאַנצע מויל צעבלוטיקט. ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין שלאָגן איבערן קאָפּ, קיין שום צוימען, די פיס זיינען געווען זיינע און אַבי זיי זיינען פריי איז ער געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן.

שפּעטער האָט מען אים גענומען לערנען לויפֿן אַף אַ קאַרעראַ־וועג, באַ דער זייט פֿון אַנדערע, שוין אויסגעלערנטע פֿערד. נאָר ס'האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן, ער איז זיך געלאָפֿן מיט זיין אייגענעם וועג... און פֿאַר קיין פֿאַל זיך ניט געלאָזט פֿירן אַף אַנדערע וועגן, פֿון פֿריער אויסגעטראָטענע דורך אַנדערע פֿערד...

מעווינים האָבן דאָס געזען און באַדויערט, צושאָקלענדיק מיט די קעפּ: — האָט טאַלאַנט, האָט גרויסע פֿעאיקייטן, וואָלט געקאָנט גאָר גרויס דערגרייכן, נאָר, אַז ער גייט ניט אַפֿן גלייכן וועג...

דאָך האָט דאָס לערנען ניט אויפֿגעהערט. גאַנצע טעג מיט נעכט געשטאַנען צוגעבונדן, געליטן הונגער, און קיין גאַנץ אייוועד ניט געפֿילט, אַזוי צעשלאָגן איז ער געווען. איז געוואָרן מאָגער, פֿעל און ביינער, און האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פֿיס ביז ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

געבראָכן זיין אַקשאָנעס, זיין שטאָלץ.

איצט זאָגט מען, שפּאַרט ער גאָר אָן אין די הויכע פֿענצטער. לויפֿט שוין אַף דעם פֿון פֿריער גלייכן און אויסגעטראָטענעם וועג, גלייך מיט אַלע פֿערד. אַלע צייטונגען האָבן צו דערציילן וואונדער פֿון אים און פֿון זיין לויפֿן. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער דינערשאַפֿט אַז קיין זאַך זאָל אים ניט פֿעלן.

נאָר אָפּטמאָל טרעפֿט, אַז אין מיטן עסן לאָזט ער שטיין דעם האָבער, און די פֿריש שמעקעדיקע אַלפֿאַלפֿאַ, הערט אויף צו קייען, בלייבט מיטן ביסן אין מויל. די אויגן האַלב פֿאַרמאַכט, ווי צום דרעמלען, דעם קאָפּ צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, די אונטערשטע ליפּ הענגט אים נאָך, ווי באַ אַן אַלט פֿערד. אַ הינטערשטן פֿוס האַלט ער עטוואָס אויפֿגעהויבן, אָנגעשפּאַרט אַף דער שפּיץ קאָפּעטע און אַף דער פֿעל. דאָ און דאָרט, לויפֿט אים יעדע ווייל דורך אַ ציטער, ווי ער זאָל וועלן עפּעס פֿאַרטרייבן, אָפּטרייסלען פֿון זיך... און אַזוי קאָן ער אָפּשטיין שאָענווייז.

די דינער קוקן זיך איבער מיט שרעק אין די אויגן: — איז ער כאָלילע קראַנק? אָדער פֿעלט אים עפּעס?

דער באַלטוויוועניק

ארום האַלבע נאַכט, אין קאַלאַניע שלאָפט מען שוין פון לאַנג. די קאַלאַניסטן רוען זיך אויס פון דער ארבעט און שעפּן אָן נייע קרעפטן אפן צווייטן טאָג. אַלץ איז שטיל, נאָר פון צייט צו צייט הערט מען דאָס מעקען פון א קעלבל, וואָס שטייט פאַרשפּאַרט אין טשיקערנ אין דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם פרימאָרגן, עס זאָל אויך כאַפּן א לעק מילך, וואָס די באַלעבאַסטע וועט אים אָפּטיילן. פון ערגעץ ווייט הערט זיך דאָס בילן פון א הונט, אַט גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, ווייל ווען ניט דאָס בילן, וואָלט ער דאָך קיין הונט ניט געווען... אָדער פּילייכט בילט ער גאָר אַף דער לעוואָנע, וועלכע גייט זיך איר געוויינלעכן וועג מיט שטאָלץ און מאַכט זיך גאָר ווייניק וואָס דערפון...

און ווידער ווערט עס שטיל, אַלץ שלאָפט, אַלץ רוט. נאָר פון צווישן די בוריאַנעס הערט זיך עפּעס א שטילער שום, עפּעס רוקט זיך קימאַט בא דער ערד, עס זאָל ניט אָנמאַכן קיין ראַש. עס קומט יעדער מאָל נענטער צום גאַלפּאָן, וואו די הינער שלאָפן אַף די באַנטעס. און דורך א שפּאַלט רוקט עס זיך דורך, און מאַרש גלייך ארויף צו די הינער.

צווישן די הינער ווערט א ראַש, א געפּילדער — א קאַמאַדרעכא איז זיי באַפאַלן. אָבער קיינער פון זיי האָט ניט דעם מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן. די קאַמאַדרעכא וואָלט געווים אויך דאָס מאָל אויפגעפרעסן א הון ווי טאָמיד... נאָר צו זייער גליק האָט זיך דאָרט געפונען א יונגער האָן, וועלכער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און געגעבן א קלאַפּ מיט די פליגל, אז ס'האָט פאַרהילכט דעם גאַנצן גאַלפּאָן, און דערנאָך מיטן גאַנצן קויעך אויסגערופן: קו־קע־רי־קו!!! ווי איינער רעדט: עס מעג זיין וואָס עס וויל זיך. אָבער ער מוז אים אראָפּרייסן די מאַסקע, און עס זאָל נעמען

אַ סאָף צו דעם הינערפרעסער... האָט ער זיך ארויסגעשטעלט אין פראָנט, און זיך גענומען אויסטײַנען מיט דער קאָמאַדרעכא בעזע האַלאָשן: זאָג מיר נאָר, דו הינערפרעסער, ביז ווען וועסטו זיך אַרײַנגאַנווענען צו אונדז באַנאַכט און רויבן אונדזער לעבן? מערדער!

— דו רעדסט ווי אַ נאַר, מאַכט די קאָמאַדרעכא מיט אַ זיס שמייכעלע, — דו פאַרשטייסט גאָרניט די גרויסע טויווע, וואָס איך קומט ארויס דערפון, אַפילע ווען איר ברענגט אַ קלײנעם קאָרבן. איך קאָסט אַמאָל דאָס לעבן פון אַ קליין הינדל, וואָס איך עס אַמאָל אויף, דערפאַר אָבער, זעט איין אײַער באַלעבאָסטע די גויטוועגדיקייט פון אַ גוטן גאָלפּאָן אייך צו מאַכן און דורך דעם זייט איר שוין באַשיצט אויך פון רעגן און שטורעמווינטן, דורך וועלכע איר מיט אײַערע קינדערלעך וואָלטן געווים אומגעקומען פון נעץ און קעלט. און נאָר מיר האָט איר צו פאַרדאַנקען פאַר אָט דעם גוטן גאָלפּאָן אין וועלכן איר וואוינט... און איצט אַז איך קום פאָדערן פון אייך נאָר אַ קלייניקייט, מאַכט איר שוין געוואַלדן, אַז מען קאָן מיינען ווער ווייסט וואָס, איבערהויפּט, אַז איך מיין גאָר אייער טויווע. — עך, נאַראָנים וואָס איז זייט!

— מיר בעטן אָבער פון דיר קיין שום טויוועס ניט, שלאָגט אים איבער די רייד דער האָן — מיר ווייסן שוין דיינע טויוועס, ווען דו זאָלסט נאָר מיינען אונדזער טויווע און ניט דיינע, וואָלסטו ניט געזוכט אונדז אויפצועסן איינציקווייז, דאָס איז נאָר אַ מאַסקע, אונטער וועלכער דו ווילסט באַהאַלטן דיין פאַרדאָרבנקייט. דו פריידיקסט קלוימערשט מאָראַל, דיר טוט ווי דאָס האַרץ פאַר אונדז און אונדזערע קינדער, ווילסט אונדז פאַרזאָרגן, און מיינסט נאָר אונדזער טויווע. דאָך מיינסטו ניט מער, ווי דיין מאָגן אָנצופילן...

— אַזוי ריידן אַלע וואָס פאַרשטייען ניט מער, ווי עסן — מאַכט ווידער די קאָמאַדרעכא מיט איר באַקאַנט זיס שמייכעלע — איר זייט ניט קיין נאַראָנים און גיט מיר אַ הינדעלע, וועט איר שוין זען וואָס דערפון וועט זיין... אייער באַלעבאָס האָט אייך דען עפּעס אין זינען? ער וועט זיך ערשט אַרומקוקן, אַז אין גאָלפּאָן זיינען פאַראַן לעבער, וועט ער זיי פאַרמאַכן. און דערפון וועט אייך אַרויסקומען די גרעסטע טויווע: דער ווינט

וועט ניט בלאָזן באַ אייך אין גאַלפּאָן ווי איצט. — נו, פאַרשטייט איר שוין אַז איך מיין ניט מיין טויווע, נאָר אייערע?

— הער נאָר, באַלטויוועניק — האָט דער האָן געגעבן אַ פּאַטש מיט די פליגל — אַז דו ביסט יאָ אַזאַ גוטהאַרציקער און מיינסט נאָר אונדזער טויווע, פאַרוואָס־זשע קומסטו ניט באַטאָג, אַז אונדזער באַלעבאָס, ווי דו זאָגסט — און די גאַנצע וועלט זאָל אויך דאַרפן וויסן, וואָס עפּעס קומסטו באַנאַכט ווי אַ גאַנעוו? נאָר זאָל שוין זיין, ווי דו זאָגסט, אַז דערפון וועט אונדז אַרויסקומען אַ טויווע, אָבער צו וואָס נוצן אונדז דיינע טויוועס אַף נאָכן טויט, ווען דו וועסט אונדז אויפעסן איינציקווייז? דאָס אַליין באַווייזט דיין פאַלשקייט. דו ווילסט כאַפּן אַ גוטן ביסן, און נאָך בלייבן גערעכט...

— עך! רעדסט שוין גאָר נאַרישקייטן, — ווערט שוין די קאָמאַדרעכאַ אין קאַס — און דערצו ביסטו נאָך אַ גרויסער אַזעספּאָנעם אויך. מיט אַזעלכע דאַרף מען וואָס ווייניקער טאַינעס מאַכן. איך וועל אייך שוין ווייזן ווער איך בין.

און דאָס זאָגנדיק, גיט זי זיך אַ וואָרף אַף די הינער, נאָר צו צערייסן זיי אַף שטיקער.

צווישן די הינער איז געוואָרן אַ ראַש, אַ געפּילדער, אַז דער גאַנצער גאַלפּאָן איז געגאַנגען ווי אַף רעדער.

אַף דעם געפּילדער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דער באַלעבאָס, געכאַפּט וואָס עס איז אים געקומען צו דער האַנט און איז אַריין אין גאַלפּאָן.

די קאָמאַדרעכאַ, דערזעענדיק די געפאַר, האָט זיך אוועקגעזעצט צווישן די הינער ווי איר שטייגער איז...

דער באַלעבאָס, קענענדיק איר נאַטור, אַז זי האָט זיך ליב צו שטופּן אויבנאָן, האָט זי באַלד אויפגעזוכט און מיט אַ לאָפּעטע זי אַף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן. אין גאַלפּאָן איז ווידער שטיל געוואָרן.

פון מיזרעך זייט האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער פּאַס — דער ערשטער שעליעך פון טאָג, אָנזאָגנדיק, אַז באַלד וועט אײַנגאַנצן ליכטיק ווערן. אין קאָלאָניע הייבט זיך אָן אַ באַוועגונג. קאָלאָניסטן שטייען אויף צו דער אַר־בעט. אייניקע טרייבן אַריין די בעהיימעס צום מעלקן, אַנדערע כאַפּן די פערד צו שפּאַנען אין פּלוג. די בעהיימעס וועלכע ליגן ניט ווייט פון שטוב, הייבן זיך אויף, ציען זיך אויס, בייגן אַזש איין דעם רוקן און לאָזן זיך פּאַמעלעך גיין פּאַשען אָפן גראָז.

דער האָן, וועלכער איז דער פירער בא די הינער, זאָגט אָן אַף זיין הויכער שטימע, אַז ס'טאָגט און אייניציקווייז פליען זיי אַראָפּ פון די באַנ־טעס, צעשפּרייטן זיך אין אַלע זייטן, זוכן עפּעס איבערצובייסן. אַף די געשרייען — קערדר — קערדר, וואָס איינע אַ ראבע הון האָט אָנגעמאַכט, זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפן און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער, איצט שוין אומשעדלעכער קאַמאַדרעכאַ.

מילכאָמע

ערגעץ וואו, אין א ווייט לאַנד, עס מאַכט ניט אויס אין וועלכן, האָבן געלעבט צוויי פאַרשיידענע פעלקער, צוויי פאַרשיידענע ראַסן: א רויטע און א שוואַרצע, און וויל זיי זיינען געווען צוויי באַזונדערע קעניגרייכן, האָט מען זיי גערופן: „דאָס רויט קעניגרייך" און „דאָס שוואַרץ קעניגרייך". די רעגירונגס־סיסטעם איז געווען עפּעס אַזעלכע, ווי א צוזאַמענמישונג פון מאָנאַרכיע און קאָמונע, איבערהויפּט פלעגן דאָרט רעגירן פרויען. און עס איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז יעדער בירגער פון לאַנד האָט געוואוסט זיין פליכט. מ'האָט דאָרט ניט געוואוסט פון קיין באַאַמטע, פּאָליציי, טפּי־סעס, שטרייקן און קיין רעוואָלוציעס. אַלע האָבן געלעבט קימאַט, ווי אין איין פאַמיליע. יעדער באַזונדער האָט געאַרבעט אַף אַן אַנדער געביט פאַר דער פאַרבעסערונג און באַרייכערונג פון לאַנד. א געוויסער טייל אַרבעטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן מאַכן טונעלן, בריקן, דאַמבעס, ניט צו דערלאָזן צו קיין וואַסער־פאַרפלייצונגען. א צווייטע גרופּע אַרבעטער פלעגט צו־שטעלן דעם גאַנצן בוי־מאַטעריאַל. אַנדערע ווידער, פלעגן זיך אָפּגעבן מיט אַריינפירן אין לאַנד אַלערליי שפּייז־אַרטיקלען. און דאָס אַלץ, דעם בוי־מאַ־טעריאַל און שפּייז־אַרטיקלען, פלעגט מען ברענגען פון ווייטע מעדינעס. דערפאַר פלעגן זיי מאַכן אָפטע עקספּעדיציעס אין די מערכאָקים. פלעגן זיך אוועקלאָזן גאַנצע קאַראַוואַנען, צוריקקערנדיק פול אָנגעלאָדענע מיט דעם אַלעם וואָס איז נייטיק געווען פאַר זייער לאַנד.

אַזוי האָט זיך געפירט אין איין לאַנד, ווי אין צווייטן.

און שאַלעם האָט געהערשט צווישן די צוויי פאַרשיידענע פעלקער. בא זיי פלעגט זיין א ווערטל אַזאַ: „לעבן און לאָזן לעבן". די בירגער פוןביידע לענדער פלעגן זיך אָפט באַגעגענען אַף די וועגן, פלעגן אָבער טאָ־

מיד אויסמיידן קריג. דערויף האָבן זיי אויך געהאַט אַזאַ גלייכוווערטל: „די וועלט איז גרויס און עס סטייעט פאַר אַלעמען".

און אַזוי האָבן זיך געצויגן יאָרן נאָך יאָרן און ביידע לענדער זיינען וואָס אַמאָל גרעסער און רייכער געוואָרן. און שאַלעם האָט געהערשט אַף דער וועלט.

און ווער ווייס ביז ווען זיי וואָלטן זיך אַזוי אין אַרבעט און אין פרידן געלעבט, עס זאָל ניט געווען טרעפן אַן אומגליק די באַוואוינער פון דעם רויטן קעניגרייך.

און פאַסירט האָט דאָס ווייטערדיקע:

אין איינעם פון יענע ווייטע לענדער פון וואַנען דאָס שוואַרצע קעניגרייך פלעגט באַציען אַלץ, וואָס זיי האָבן נייטיק געהאַט פאַרן געברויך פון לאַנד, איז אַ קאַטאַסטראָפע פאָרגעקומען: אין אַ טאָג, ווען אַ גרויסע עקספּעדיציע פון רויטן קעניגרייך איז אַהין געקומען, האָבן זיי אַלץ געטראָפן צעשטערט און פאַרניכטעט דאָס גאַנצן לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען איבערגעקערט אַזוי, אַז די גאַנצע טוואָרע און אַלץ וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, איז פאַרשאָטן געוואָרן טיף אין דער ערד און פילע איינוואוינער פון יענעם לאַנד זיינען אומגעקומען. לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. אויך האָבן זיי דערציילט, וואָס ס'איז קימאַט שווער צו גלייבן. זיי האָבן דערציילט: אַז זיי האָבן געזען אומגיין, אין יענעם לאַנד, אומגעהייערע גרויסע ריזן, מיט מעשונע־ווילדע געשטאַלטן און האָבן מיט אַזעלכע גרויסע אומגעלומפּערטע אינסטרומענטן צעגראָבן און צעאַקערט די גאַנצע ערד, אַזוי טיף, אַז דאָרט וואו עס זיינען אַמאָל געווען בערג, זיינען איצט טאָלן, און בערג — וואו עס זיינען געווען טאָלן.

נאָר ווי אַזוי די זאַך איז געווען, דאָס אומגליק איז געווען גרויס. ס'איז אויסגעקומען אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל אומקומען פון הונגער. און נאָך אַ לענגערער באַראַטונג איז באַשטימט געוואָרן מ'זאָל אַרויסשיקן אַ גרויסע עקספּעדיציע, אויסצוזוכן אַ ניי לאַנד, פון וואַנען צו באַקומען אַלדאָס נייטיקע, וואָס זיי דאַרפן.

אַפן צווייטן טאָג נאָך דער באַראַטונג, גאַנץ פרי, באַלד נאָך זון־אויפ־

גיין, האָט מען געקאָנט זען אַ גרויסע מאַכנע אַרויסמאַרשירן אין מיליטע־רישער אָרדונג, פון דעם גרעסטן טויער פון דער הויפּטשטאָט פון דעם „רויטן קעניגרייך". אויך האָט מען געקאָנט באַמערקן אַז זיי גייען עפּעס זוכן, אויספאָרשן, עפּעס אַנטדעקן. ווייל זיי זיינען ניט געגאַנגען מיט די שוין אויסגעטראָטענע וועגן, נאָר גלייך געשניטן איבער די פעלדער, אין אַ געוויסער ריכטונג, מיט אַ געוויסן פּלאַן.

אַזוי זיינען זיי אַ היפּשע צייט געגאַנגען, קיין זאַך ניט דורכגעלאָזט, צו אַלץ זיך גוט צוגעקוקט און עס אָפּגעשאַצט. און ווען זיי זיינען שוין אַ גרויסע שטרעקע אָפּגעגאַנגען, האָבן זיי פּלוצלונג באַמערקט פון ווייטנס אַ גרויסן קאַראַוואַן זיך ציען אין דער ברייט פון וועג, פאַרשטעלנדיק זיי דעם גאַנג. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און זיך בעראַטן וואָס צו טאָן.

אויך יענע קאַראַוואַנען, וועלכע זיינען געווען פון דעם שוואַרצן קע־ניגרייך, האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרוואונדערט, דערזעענדיק די רויטע באַ זיי אין לאַנד, ד"ה אין דעם לאַנד פון וואַנען זיי פירן זייערע שפּייז־אַר־טיקלען און בוי־מאַטעריאַל. און באַלד טאַקע האָבן זיי גענומען מאַרשירן קעגן די „רויטע".

די „רויטע" דאָס באַמערקנדיק, האָבן אויך גענומען שפּאַנען האַס־טיקער קעגן די „שוואַרצע".

צוזאַמענטרעפנדיק זיך, האָבן די „שוואַרצע" געפרעגט: ווי קומען זיי אַהער?

האָבן די רויטע געענטפערט מיט זייער געוויינלעך גלייכוואָרטל: „די וועלט איז גרויס און עס סטייעט פאַר אַלעמען". און האָבן געוואָלט וויי־טער גיין. די שוואַרצע האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן און ניט געלאָזט. די וועלט איז גרויס — האָבן זיי געטאַינעט — זוכט אייך ערגעץ אַנדערש. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. און דאָס געשלעג איז געווען אַ פאַרביטערטס. עס זיינען געפאַלן טויטע און פאַר־וואונדעטע פון ביידע זייטן. אין דער זעלבער צייט האָבן ביידע צדדים, די רויטע און די שוואַרצע, געשיקט שליכים אין זייערע לענדער, אָנצו־זאָגן וועגן דער פּאַסירונג. דאָס דערהערנדיק, איז אין ביידע לענדער גע־וואָרן אַ ראַש, אַ געפּילדער. דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר — האָט

מען געהערט שרייען אין אלע גאסן. מ׳האט גענומען אין איילעניש צו־גרייטן מיליטערישע עקספּעדיציעס, און ארויסשיקן אפן שלאכטפעלד. דיפּלאמאטן האבן זיך געקליגט. פּאטריאטן האבן געהאלטן הויך־פּאטריאָ־טישע רעדעס, איבערגעוויזן אז דאס לאנד, וואס איז באפאלן געווארן פון די בארבארן, געפינט זיך אין א גרויסע סאקאנע און עס איז א גרויסע מיצווע די בארבארן צו פארניכטן. און יעדער מאל זיינען אלץ נייע עקס־פּעדיציעס מיליטער ארויסגעשיקט געווארן אהין, צום שלאכטפעלד פוןביידע לענדער.

אין מיטן אנקומען פון נייע, פרישע קרעפטן, האט זיך די מילכאמע מער צעפלאקערט, דאס גאנצע שלאכטפעלד איז געווען פארפלייצט מיט טויטע און פארוואונדעטע.

די וועגן וואס האבן זיך געצויגן צו ביידע לענדער זיינען געווען פאר־פלייצט מיט נייעם מיליטער וואס האט זיך אלץ געצויגן צום שלאכטפעלד. און אנדערע, וואס האבן געפירט אין זייערע לענדער די געפאנגענע סאָ־נים. די שווארצע האבן אהיים געפירט צו זיך אין לאנד רויטע געפאנגענע און די רויטע האבן אהיים געפירט שווארצע געפאנגענע.

אלע ארבעטער האט מען אוועקגעשיקט אין שלאכט, די גאנצע אר־בעט אין ביידע לענדער איז פאראליזירט געווארן. טונעלן, בריקן זיינען געבליבן שטיין ניט געענדיקטע. און עס האט זיך אנגעהויבן פילן א מאנגל אין לעבנס־מיטל.

און די מילכאמע האט זיך אלץ פארגרעסערט און פארשפרייט, ביז די שווארצע, וועלכע זיינען געווען מער אין צאל האבן געזיגט, און די מיל־כאמע האט זיך געענדיקט.

א שרעקלעך בילד האט מיט זיך פארגעשטעלט די געגנט, וואו די מילכאמע איז פארגעקומען, וועלכע האט פארנומען א גרויסע שטרעקע: א טויטע שטילקייט האט געהערשט ווי אף א בייסוילעם. אלץ איז געווען פארניכטעט און צעשטערט. דאס גאנצע פעלד איז געווען פארפלייצט מיט טויטע, שווארצע און רויטע — — — — — — — — — — — — מוראשקעס...

אין דער פרעמד

וואָלט עס געווען אין דער היים, אין דער אייגענער פּאַטרעראַ, וואָלט ניט געווען אַזוי שרעקלעך, זי וואָלט זיך פאַר גאָרניט געשראָקן. ס'איז באַ איר אפילע ניט דאָס ערשטע קינד, וואָס זי דאַרף געבוירן, נאָר דאָך איז אין דער היים, וואו זי האָט שוין דערוואַקסענע קינדער, וואָס זיינען שוין אַליין מאַמעס, אַכוץ ברידער, שוועסטער און אַ גאַנצע מישפּאָכע, וואָלט זי זיך געפילט פיל בעסער. פון אַלע זייטן וואָלט זי באַגעגנט היימישע, ליבלעכע בליקן און די שרעק, דער ווייטיק וואָלט ניט געווען אַזוי גרויס.

דער מאַראַ מיטן אַלאַסאַן — אַפילע באַקאַנטע היימישע, אָבער טאָמיד זיך געהאַלטן פון וויטנס. היינט דאָס פלאַץ, וואו זי האָט אירע פרירעדיקע קינדער געבוירן, אונטער יענעם גרויסן בוים לעבן טייך...

אַך! ווען זי וואָלט נאָר קענען, וואָלט זי גלייך אַהין געלאָפן.

דאַרף זיך אָבער מאַכן דער וועג זאָל זיין אַ שווערער, נאָך אַ רעגן. די בלאָטע אַ געדיכטע און צום אַלטן „מאַראַ", וואָס מ'האָט געשפּאַנט אין סולקע צו פאָרן אין אַ צווייטער קאָלאָניע, זאָל מען זי אויך צושפּאַנען, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי איז אַף דער צייט, היינט מאָרגן געלעגן צו ווערן.

און דער טאָג איז געווען אַ שווערער. די זון האָט ווי מיט פייער געברענט. האָט צעפּאַרעט די בלאָטע. די לופט איז שווער און געדיכט געוואָרן, אַז עס איז געווען שווער דעם אָטעם צו כאַפּן. אַ שווייס האָט זי באַגאָסן און אַראָפּגערונען אַף די פיס, וואו עס האָבן זיך פאַרמירט גרויסע טראָפּנס און אַראָפּגעפאַלן אַף דער בלאָטע, איינס נאָכן אַנדערן.

און מער פון אַלץ האָבן דערעסן די פליגן, וואָס האָבן זיך אַף איר

אַנגעזעצט גאַנצע מאַכנעס און פון איר דאָס בלוט אויסגעזויפט. זי האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, געדרייט מיטן עק, געוואָלט די פליגן אָפּטרייבן און אַלע מאָל זיך אָנגעשלאָגן אין דער האָלאָבליע פון סולקי, וואָס האָט איר פאַראורזאַכט גרויסע שמערצן אין בויך. נאָר דאָס האָט איר אַזוי ניט געאַרט, ווי זי האָט איבערגעטראַכט פון דעם לאַשעקל, וואָס זי פילט, ווי עס וואַרפט זיך אין בויך.

און פאַר יעדן וואָרף מיטן קאָפּ, אָדער מיטן עק, האָט זי געכאַפּט אַ בייטש פון אונטן, פאַר איר ניט קאָרעקטע האַלטונג, מיט אַ פּאָר זידל־ווערטער אַלס צוגאָב: העי דו, נעוויילע!

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער צווייטער קאָלאָניע און מ׳האָט זי מיטן אַלטן „מאָרא״ אַריינגעלאָזט אין דער פרעמדער פּאָטרעראָ, איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צו מאַי־רעוו צו. פוןביידע זייטן טייך זיינען נאָך געשלאָפן איינציקע קי מיט זייע־רע קעלבער באַ דער זייט, אויך אָקסן און יונגע ביקעס. איינציקע האָבן זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די ביינער און זיך געלאָזט גיין טריט באַ טריט אין פאַרשיידענע זייטן, זוכן עפּעס צו עסן.

פערד און זשעגוועס האָבן זיך געפּאַשעט ניט ווייט פון טויער און דער־זעענדיק די אומבאַקאַנטע געסט אַריינקומען אין פּאָטרעראָ, האָבן זיי גע־נומען באַטראַכטן פון ווייטנס און ניט באַמערקנדיק אין זיי קיין וואַזשנע געסט, האָבן זיי ווייטער אַראָפּגעבויגן די קעפּ און זיך געפּאַשעט גלייכ־גילטיק. נאָר דער פּאַדריזשאָ, אַ פעט־פאַרגאָסן פערד, איז צוגעקומען גאָר נאָענט אַ שמעק געטאָן צו דער אוועראָ זשעגווע און אַ זייטיקן בליק גע־וואָרפן צו „מאָרא״; האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט, שטאַרק פאַרבויגן די־אויערן און די אויגן אַף אַרונטער, האָט ער געגעבן אַ פּאָר שפּאַן אַף צו־ריק און מעכאַבעד געווען דעם „מאָרא״ מיט אַ פּאָר דריגע. אָפּגעטאָן און אַוועק צו זיינע זשעגוועס מיט אַזאַ האַלטונג, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: די אַוועראָ איז גאָרניט אינטערעסאַנט . . . און פאַרן מאָראָ האָט ער אויך גאָר־ניט וואָס מוירע צו האָבן . . . אַבי איך האָב געמיינט, ווער ווייס וואָס?

דער מאָראָ האָט זיך אַפילע געפונען באַליידיקט פון אַזאַ אויפנאַמע,

נאָר צום עסן קומט עס ניט. האָט ער גלייך אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און גענומען פּליקן בינטלעך גראָז איינס נאָכן אַנדערן.

און די אָווראַ האָט געפּילט אַ גרויסן ווייטיק אין בויך, אַז זי האָט זיך קוים אָפּ די פיס געהאַלטן. קיין עסן איז איר איצט ניט אָנגעגאַנגען, איז נאָר געשטאַנען מיט גרויס געעפנטע אויגן, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי עפּעס זוכנדיק און אַז זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי געפינט זיך עלנט, פאַרלאָזט פון אייגענע, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר בענקענדיקע הירזשען, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער פּאַטרעראַ, אַזוי ווי זאָל עמעצן רופן צו הילף. זי האָט גערופן אירע קינדער און אייגענע, אירע ליבלינקס־פּלעצער, דעם גרויסן בוים בײַ איר פּאַטרעראַ, דאָרט לעבן טייך, וואו זי האָט אירע עלטערע קינדער געבוירן . . .

אַזוי האָט זי עטלעכע מאָל גערופן. פּלוצים האָט זיך פון ערגעץ אַן ענטפער געהערט. עפּעס אַ פערד האָט אַ הירזשע געטאָן, אָבער אַזוי ווייט, נאָר ווי פון יענעם עק פּאַטרעראַ.

דאָס האָט שוין דעם מאָראָ אויך פאַראינטערעסירט: ווער קאָן דאָס זיין? און ביידע, דער מאָראָ מיט דער אָווראַ האָבן גענומען רופן, הירזשען אַפן קאָל. און יענץ קאָל האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו ענטפערן. וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ דייטלעכער געהערט דאָס הירזשען. און ווען זיי האָבן זיך גוט איינגעקוקט אין יענער זייט פון וואַנען דאָס קאָל איז געקומען, האָבן זיי באַמערקט אַז עפּעס אַ פערד לויפט אין פולן גאַלאָפּ, גלייך צו זיי. זיי האָבן פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען און ניט אויפגעהערט צו רופן. אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער, קיימאַט אָן אָטעם, דער אַלטער אַלאַסאַן, וועלכער איז מיט אַ קורץ שטיקל צייט צוריק אויך אַהין אַוועקגעפאָרן און דאָרט שוין פאַרבליבן.

ער האָט זיי אין קאָל דערקענט.

און גרויס איז געווען די פרייד בײַ זייער באַגעגעניש. דאָס ערשטע זיינען זיי אַרויפגעפאַלן מיט די קעפּ איינס אָפּ ס'אַנדערע און שטיל אייגעהאַלטן געהירזשעט. און מער פון אַלע האָט דער אַלטער אַלאַסאַן זיך געפרייט און געהירזשעט שטילערהייט און געמאַכט אַנשטעלן: פאַררייסן דעם עק אַרויף, געהויבן איינציקווייז די פערדישע פיס. און אַלץ ניט אויפ־

געהערט צו הירזשען, עפּעס אַזוי ווי ער זאָל וועלן פרעגן: ווי קומט איר אַהער, פון ווען אָן? און וואָס הערט זיך עפּעס אין דער היים? וואָס מאַכט עפּעס דער באָראָסאָ, די בלאַנקאַ, דער טאַוויאַנאָ? און וואָס מאַכט דאָרט דאָס יונגוואַרג? איז נאָך פאַראַן וואַסער אין טייך? איז דאָ פּאַשע? אַזוי האָט ער זיי אַלץ פאַרשיט מיט פראַגעס און אַף אַלץ באַקומען אַן ענטפער.

האָבן זיי זיך אויסגעפרעגט, דורכגעשמועסט, זיך געקראַצט איינס ס'אַנדערע. און ווען די ערשטע פרייד איז אַריבער, האָט דער אַלטער אַלאַסאַן פאָרגעלייגט, זיך דורכצוגיין אַביסל, נעמענדיק זיך גיין פאָרויס. ער איז דאָך שוין דאָ אַ שטיקל היימישער, ווייס שוין אַלע גוטע ערטער.

די אָווראָ האָט אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז איר גייט ניט אין עסן און שפּאַצירן — געוויס ניט, זי וואָלט בעסער געגאַנגען אַהיים.

וואָלט דער טויער געווען אָפן, וואָלטן זיי עס גלייך געטאָן, איז אָבער דער טויער געווען גוט פאַרמאַכט און קיין אַנדער עפענונג איז ניט געווען. האָבן זיי זיך אַזוי געשלעפּט פּאַמעלעך אַרום דער אַלאַמבראַדאָ. עפּשער וועלן זיי פאָרט געפינען אַן עפענונג? דער אַלאַסאַן פאָרויס, נאָכדעם די אָווראָ און פון הינטן דער מאָראָ. יעדער ווײַלע האָט זיך אָווראָ אָפּגעשטעלט. געבויגן דעם קאָפּ אַף אַרונטער, צום בויך צו, וואו זי האָט געפילט דאָס לאָשעקל זיך וואַרפן, וואָס האָט איר פאַראורזאַכט גרויסע שמערצן. און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ טרוקענער אַראָזשאָ, וואו ביידע זייטן קאַנאַל־ווענט האָבן זיי פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן, האָט זיך די אָווראָ אָוועקגעלייגט...

דער מאָראָ איז גלייך געבליבן שטיין. און דער אַלאַסאַן, וואָס איז דערווייל אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פאָרויס, האָט זיך באַלד אומגעקערט אַהין, וואו די אָווראָ איז געלעגן און געקרעכצט שטילערהייט.

ביידע פערד זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געקוקט מיט פערדישע אויגן.

די אָווראָ האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן און וואָס אַמאָל שטאַרקער. דער מאָראָ מיטן אַלאַסאַן האָבן זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער מאָראָ איז געשטאַנען און איר גע־

לעקט דעם קאָפּ און דער אַלאַסאַן האָט גענומען שפּאַנען אַרום איר אַהין און צוריק. געמאַכט עטלעכע קרייזן, געבליבן שטיין און ווייטער גענומען שפּאַנען מיט שנעלע טריט אַרום איר. יעדער ווײַלע האָט די אָווראַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף אַרונטער און באַלד איז דער קאָפּ שווער, ווי בלײַ, צוריק צו דער ערד געפאַלן און געבליבן אָן קויכעס. און ווען עס פלעגט איר עטוואָס נאָכלאָזן, פלעגט זי זיך אויפהייבן, אָבער באַלד גע־מוזט זיך צוריק אַוועקלייגן.

אזוי האָט געדויערט אַ פּאָר שעה.

פּלוצלונג זײַנען ביידע פערד געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. האָבן עפּעס מוירע געהאַט פון אָרט זיך צו רירן. אויף דער ערד איז געלעגן אַ קליין, ווײַס לאָשעקל, נאַר־וואָס געבוירן. די מוטער איז געשטאַנען נעבן אים, האָט אים אויסגעלעקט יעדער אייווער און קיין אויג פון אים ניט אַראָפּגענומען. און ווען עס האָט זיך אַביסל אָפּגעטרי־קנט און דערוואָרעמט פון דער זון, האָט זיך עס פּאַמעלעך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען מיט ניט קיין זיכערע טריט.

די פיסלעך האָבן זיך עס געבויגן. יעדער ווײַלע איז עס געפאַלן אויף די קני, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געשפּאַנט, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. די מוטער איז עס נאָכגעגאַנגען, שטיל צוגעהירזשעט, ווי זי זאָל עס וועלן זאָגן: פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע קינד מײַנס, טײַערער מײַ־נער!

דער מאָראַ איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען צו זיך, ער האָט זיך אײַנגעשטעלט, געגעבן אַ פּאָר טריט פאָרויס, אויסגעצויגן דעם האַלדז און געוואָלט געבן אַ שמעק צום לאָשעקל. האָט אָבער דער אַלאַסאַן אויך געוואָלט טאָן דאָס זעלבע, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דער מאָראַ שטערט אים. טראַכט ער ניט קיין סך און דערלאַנגט אים אַ ביס. דאָס האָט שוין דעם מאָראַ פאַרדראָסן. דרייט ער זיך אויס מיט די הינטערשטע פיס צו אַלאַסאַן, אים צו דערלאַנגען אין די ציין. האָט עס אָבער אַלאַסאַן באַלד באַמערקט און זיך אויך אויסגעדרייט מיט די הינטערשטע פיס צום מאָראַ. און ביידע פערד האָבן מיט פאַרלייגטע אויערן זיך גענומען שנאַלן מיט די הינטערשטע פיס. די אָווראַ איז געוואָרן אַ פאַרציטערטע און

אין טויטשרעק, האָט זי קוים אַרויסגעראַטעוועט דאָס ווייסע לאַשעקל פון אונטער זייערע פיס. ווען ניט זי, וואָלטן זיי עס געוויס געווען צעטרעטן.

ערשט אפן צווייטן טאָג, ווען דאָס לאַשעקל איז געוואָרן עטוואָס קרעפּטיקער, האָט שוין געקאָנט אונטערנעמען אַ ווייטערע רייזע, האָבן זיי אַלע באַשטימט צו זוכן אַ וועג אַ היים.

דער טאָג איז געווען לויטער. די זון האָט געוואַרעמט, אָבער ניט צו שטאַרק. האָבן זיי אַלע גענומען גיין אַרום דער אַלאַמבראַדאַ, ביז זיי האָבן דאָך געפונען אַ פּלאַץ, וואו די דראָטן זיינען געווען נאָכגעלאָזט. האָבן זיי זיך איינציקווייז אַרויסגעכאַפּט און גענומען גיין מיטן וועג גלייך אַהיים. דער מאָראָ פאָרויס, נאָך אים די אווערא מיטן ווייסן לאַשעקל און פון הינטן דער אַלאַסאַן.

און פון יעדער פאַטרעראַ, וואו זיי זיינען דורכגעגאַנגען, האָבן פערד אויפגעהויבן די קעפּ, געקוקט און געכידעשט: אוי אַ לאַשעקל!

רעבעלדע

ווען „רעבעלדע" האָט פּלוצלינג דערפילט די לאַסאָ אַרום האַלדז, האָט אים דאָס גאַנצע בלוט געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. די אויגן זיינען אים מיט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן און די אָדערן אונטער די אויגן וואָס צע־שפּרייטן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען זיינען ווי געשוואָלן געוואָרן. ער האָט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן שפּרונג געגעבן אַף פאָרויס, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם, וואָס האָט די לאַסאָ אַף אים געוואָרפן און פעסט געהאַלטן באַם צווייטן עק.

די לאַסאָ האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן אַרום זיין האַלדז, אַז ער האָט אַזש דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּן. האָט ער זיך געוואָרפן אַף אַלע זייטן, געבאָרכלט, געפּאָרסקעט און מיטאַמאָל איז ער וואַקלענדיק צו דער ערד געפאַלן.

דער שטריק אַרום האַלדז איז עטוואָס לויזער געוואָרן און „רעבעל־דע" האָט אָנגעהויבן ציען פרייער דעם אָטעם.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך דערפילט, אַז מ'פּאָרעט זיך עפּעס באַ זיינע פיס, אַזוי ווי מ'זאָל אים וועלן בינדן. האָט ער זיך מיט אימפּעט אויפגעכאַפּט, וואַרפנדיק מיט די פיס אַף אַלע זייטן און צעשע־דיקט'די אַלע וואָס האָבן זיך אַרום אים געפּאָרעט. די לאַסאָ האָט זיך ווי־דער אַרום זיין האַלדז פאַרצויגן. און אַזוי וואַקלענדיק זיך און אָנשפּאַרנ־דיק זיך אַף די הינטערשטע פיס, איז ער צוגעשלעפּט געוואָרן צום נאָענטן פּאָסט און פעסט צוגעבונדן געוואָרן.

עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן: — „דאָ וועט ער שטיין ביז ער וועט זיך אונטערגעבן".

מ׳האָט געעפנט דעם טויער פון קאָראַל און אַרויסגעלאָזט אַלע פערד אין „פּאַטרעראָ״, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט אויף אַלע זייטן. נאָר אַ צוויי יונגע פערד זיינען געבליבן שטיין פון יענער זייט קאָראַל און צו אים גע־הירזשעט, געגעבן אַ צוויי שפּאַן, געבליבן שטיין, אויסגעדרייט די קעפּ צום קאָראַל צו און ווידער געהירזשעט ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: שטרענג זיך אָן! גיב אַ שטאַרקן ריס! דו ביסט דאָך אַזאַ געזונטער!

און ער „רעבעלדע״ האָט זיך אַלץ מער אָנגעשטרענגט. מיט דער גאַנ־צער קראַפט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַרונטער, די הינטערשטע פיס אין דרייען איינגעבויגן און מיטן הינטערכיילעק קימאַט די ערד אָנגערירט. די פאָ־דערשטע פיס האָט ער אויף פאָרנט אַרויסגעשטעלט און מיט זיי זיך אונטער־געשפּאַרט, דעם האַלדז שטאַרק אויסגעצויגן. די פאַרצויגענע לאַסאָ אַרום האַלדז האָט אים ווידער דעם אָטעם פאַרשטעלט. ס׳האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ, אין די אויערן האָט אים געפּייפט, די פיס האָבן אָנ־געהויבן ציטערן און זיך איינגעבויגן, אַז ער איז שיר ניט אומגעפאַלן. אַזוי איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען, נאָר באַלד האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אויף פאָרויס, די לאַסאָ אַרום האַלדז האָט זיך עטוואָס נאָכגעלאָזט, האָט ער זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיטן מויל אין פּאָסט, און אַ פאָדערשטער פוס איז געבליבן הענגען אָפן שטריק. איז ער געבליבן שטיין אויף דריי פיס און פון די ציין האָט זיך אים געגאָסן דאָס בלוט...

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. די זון האָט זיך אַראָפּגערוקט און זיך געענומען באַהאַלטן הינטערן באַרג. און שטיקערווייז איז זי דאָרט פאַר־שוואונדן, ביז עס האָט זיך נאָר אַרויסגעזען אַ קליין שטיקעלע, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט קוקן מיט איין אויג, צו באַאָבאַכטן ווי אַזוי די וועלט זעט אויס אָן איר... אויף די שפּיצן ביימער און דעבער האָט זיך נאָר געזען ווי איר בליק האָט גערוט. צו ביסלעך האָט אָנגעהויבן בלאַסער ווערן, ביז דער דרויסן האָט אָנגענומען אַ גרויען קאָליר.

די זון איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

אין אַלע זייטן האָבן זיך געזען אייניקע פערד אַליין לויפן גאַלאָפּ אין פאַרשיידענע ריכטונגען, געטריבן פון די רייטער, וואָס זיי האָבן אויף זיך געטראָגן. יעדער ווײַלע האָט אָפּגעקלונגען אין דער לופט — ווי אַ

פּליעסקען מיט די הענט — דאָס קנאַלן פון דעםברייטן שטיק רימען, וואָס דינט אַלס „רעבענקע" אַף דער נאַסער פעל פון פאַרשוויצטע פערד. און נאָך יעדן קלאַפּ, האָבן די פערד אַלץ מער געיאָגט, געמאַכט גרעסערע שפּרינג און מיט ברייט געעפנטע נאָז־לעכער אַרויסגעלאָזט גאַנצע כוואַליעס הייסן אָטעם. אַזוי האָבן זיי אַלץ שנעלער און שנעלער געטראָגן די רייטער, יעדן צו זיך אַהיים, ביז זיי זיינען ערגעץ אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

גאַנצע מאַכנעס פייגל, מיט צעשפּרייטע פליגל, די פיסלעך אַף אַרונטער אויסגעצויגן, מיט אויסגעצויגענע העלדזער אַף פאָרויס, טראָגן זיך אין דער לופט, פליען אין איין ריכטונג, צום וואַלד צו, וואו זיי האָבן זייערע נעסטן. אייניקע, פאַרשפּעטיקטע, פליען נאָך פון הינטן, שטרענגען אָן די לעצטע קרעפטן צו דעריאָגן די כאַוויירים, שרייענדיק יעדע ווייל־קוא! קוא! וואָס אַף פייגל לאָשן וויל דאָס זאָגן: וואַרט אויס אַ ווייל! לאָזט מיך ניט אַליין! איך האָב מוירע! און אַזוי טראָגן זיי זיך איין מאַכנע נאָך דער צווייטער איבערן וואַלד, ביז זיי פאַרשווינדן אין האָריזאָנט און מ'זעט זיי ניט מער.

אַ ווייל ווערט עס שטיל, אַלץ אַנטשוויגן, האַלט איין דעם אָטעם און מאַכט פּלאַץ פאַר דער נאַכט, וואָס האַלט אין אָנקומען, וואָס אַמאָל ווערט פינצטערער. אַלץ אַרום ווערט ווי פאַרהאַנגען, טכילעס מיט אַ גרויען און באַלד מיט אַ שוואַרצן פאָרהאַנג. די נאַכט פאַרנעמט בּיסלעכווייז איר פּאָזיציע, צוזאַמען מיט אירע באַגלייטער, מיט אירע מוזיקער, מיט אירע קאָנצערטיסטן. און טאַקע באַלד לאָזט זיך הערן פון דער נאָענטער „לאַגונא" דער ערשטער סיגנאַל: אַ גאַנצע באַנדע פרעש דורך אַ קאָנצערט, אויסקלאַפּנדיק אַ מאַרש לעקאָוועד דער נאַכט, אַף ניט זעבאַרע אינסטרומענטן, ווי מ'זאָל אויסקלאַפּן צום טאַקט מיט זילבערנע העמערלעך אַף אַ שטאָלענער קאָוואַדלע.

פון אַ צווייטער זייט לאָזט זיך באַלד הערן עפּעס אַ באַגלייטונג צום מאַרש, אַ קלינגען מיט קליינינקע גלעקעלעך.

און דאָרט ערגעץ, צווישן גראָז, האָבן נאָך קליינינקע ברואימלעך אונטערגענומען צו אימיטירן די האַלץ־זינגער, וואָס אַרבעטן באַטאָג אין וואַלד.

פייגעלעך, זיצנדיק שוין אין זייערע נעסטן, פּישטשען זיך דורך מיט זייערע קינדערלעך, דערציילן זיך איינס ס׳אַנדערע די פּאַסירונגען פון טאָג.

גאַנצע מאַכנעס גרילן, זשוקעס און טויזנטער אַנדערע אינזעקטן, קריכן אַרויס פון זייער באַטאָגעדיקע באַהעלטענישן און פילנדיק זיך פריי אין שאָטן פון דער נאַכט, קענען זיי זיך ניט אָפּהאַלטן פון אויסדריקן זייער באַגייסטערונג. און זייער גרילצן, זשומען און פּישטשען פילן אָן די לופט.
אַ נאַכט־פויגל, שטייענדיק אַף דער טיר פון זיין נעסט, גלאַנצט מיט זיינע קיילעכדיקע, גרינע אויגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. ער גיט זיך פּלוצלינג אַ הייב אין דער לופט, אַרויסלאָזנדיק אַ מעשונעדיקן געשריי, ענלעך צו דעם שנעלרייסן פון אַ ליילעך. דאָס האָט ער זיך דער־שראָקן, אַ סאָרינאָ איז לעבן זיינע פיס דורכגעלאָפן. אַ ווײַלע בלייבט ער אַזוי הענגען אין דער לופט, פלאַטערנדיג מיט די פליגל און מיט די אויגן זוכט ער אונטן אַף דער ערד, אויסצוגעפינען וואוהין די סאָרינאָ איז אַוועק. און איבערצייגנדיק זיך, אַז די געפאַר איז אַריבער, לאָזט ער זיך צוריק אַראָפּ.

פון יענעם עק פּאָטרעראָ הערט זיך דאָס הירזשען פון אַ פערד, ווי עס זאָל עמעצן רופן. דאָס הירזשען הילכט אָפּ אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און ווען דער קלאַנג פאַרשווינדט, בלייבט עס נאָך פלאַטערן אין דער לופט, ווי אַ מין בענקשאַפט. באַלד ענטפערט עס אָפּ אַ צווייט פערד פונעם אַנדערן עק פּאָטרעראָ. אַזוי רופן זיי זיך איינס דאָס צווייטע עט־לעכע מאָל און שוין הערט זיך דאָס טופּען פון פיס. זיי לויפן זיך אַנטקעגן. טכילעס, לויפן זיי פּאַמעלעך און וואָס אַמאָל שנעלער, ביז זיי הייבן אָן לויפן גאַלאָפּ און ביידע מיט אַמאָל לאָזן אַרויס אַ שטיל־פריידיק הירזשען, פול מיט צערטלעכקייט. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, פאַלן זיך אַרויף איינער אַפן אַנדערנס האַלדז און נעמען זיך קראַצן.

פון ניט ווייט הערט זיך דער ריטמישער: כרום, כרום, פון עטלעכע בעהיימעס, וואָס פּאַשען זיך צוזאַמען און פליקן אָפּ איין בינטל גראָז נאָכן אַנדערן.

„רעבעלדע" שטייט נאָך אַלץ צוגעבונדן צום פּאָסט, מיט אַ פאָדער־

שטן פּוס אין דער הייך, איבערן שטריק אַריבערגעשפּאַנט, הערט זיך איין אין דעם רױשן פֿון דער נאַכט און אַלץ, װאָס באַװעגט זיך אין דער פֿרײַ־הײט. און עס באַפֿאַלט אים אַ שטאַרקער בײַשעק צו באַפֿרײַען זיך, צערײַסן דעם שטריק און אַנטלױפֿן העט־העט װײַט איבער די פֿעלדער... נעמט ער זיך װידער רײַסן מיט אַלע קױכעס, װיל זיך אױספּלאָנטערן. און װאָס מער ער שטרענגט זיך אָן, װערט ער אַלץ מער פֿאַרפּלאָנטערט. אין איין פּוס פֿילט ער אַ שטאַרקן װײטיק: דער שטריק האָט אים די פֿעל אָפּגעריבן ביז בלוט. און פֿילנדיק זיך פֿאַרמאַטערט פֿונעם אָנשטרענגען, בלײַבט ער שטײן רואיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעבױגן און פֿאַרטראַכט זיך...

איין בילד נאָכן צװײטן, פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט, װאָס ער האָט שױן, דאַכט זיך, לאַנג אין זײ פֿאַרגעסן, קומען אים פּלוצלינג אין די געדאַנקען: אין אַ שײנעם טאָג — געדענקט ער איז עס געװען, אָנפֿאַנג פֿון צװײטן זומער אין זײַן לעבן, די פֿעלדער האָבן זיך מיט גרינער פּאַשע באַדעקט. די זון האָט מיט ליבשאַפֿט געװאַרעמט, אַז ס'איז געװען אַ פֿאַרגעניגן, אַפֿילו עלטערע פֿערד האָבן זיך דערפֿילט ייִנגער, לעבעדיקער. דער אַלטער סאַינאַ, דאָס עלצטע פֿערד אין פֿאָטעראַ, האָט זיך יענעם טאָג געפֿילט אַזױ גוט, אַז ס'האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ בריקעװע טאָן. אַזױ גײענדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעבױגן אַביסל אױף אַ זײַט, געהױבן דעם הינטער־בײלעק און געמאַכט אַזױ, װי ער זאָל װעלן אַ װאָרף טאָן מיט די הינטער־שטע פּיס, ניט כּאָלילע עמעצן צו טרעפֿן, נאָר אַזױ פּאַשעט, פֿון װאױל־טאָג. און אַז דאָס איז אים ניט געלונגען, האָט ער װי אַ פֿאַרשעמטער, דעם קאָפּ נאָך מער אַראָפּגעבױגן, שאָקלענדיק אים אױף בײדע זײַטן, אױף נײן. געגעבן אַ פֿאָרסקע, װי ער זאָל װעלן זאָגן: נײן, נײן, ניטאָ דער קױעך פֿון אַמאָל... באַ יונגװאַרג האָט עס אַרױסגערופֿן נאָך מער פֿרײד, און גענו־מען באַװײַזן, װאָס בריקעװען הײסט. יעדער באַזונדער אױף זײַן שטײגער באַװײַזן פֿאַרשײדענע קונצן: די קעפּ צװישן די פֿאָדערשטע פּיס און מיט די הינטערשטע געדריגעט אין אַלע זײַטן, אױף פֿאַרשײדענע אױפֿאַנים, װעלנדיק איבערשטײַגן אײנער דעם צװײטן. און נאָכדעם, אױפֿן ערשטן קוקנדיק, האָבן אַלע מיט פֿאַרריסענע עקן און מיט אױסגעצװיגענע העלדזער אױסגעשאָסן אין אַ גאַלאָפּ. אײניקע פֿלעגן זיך אין מיטן לױפֿן אָפּשטעלן און געבאַפּט װי אַ מין טענצל, װאַרפֿנדיק מיט די פּיס אױף רעכטס און לינקס, ביז זײ זײַנען אַזױ אָנגעקומען אין יענעם עק פֿאָטעראַ, זיך אױס־

געדרייט און געלאָפן צוריק מיט א הירזשען, ווי זיי זאָלן וועלן זאָגן: אָט, דאָס הייסט געבריקעוועט!

אין יענעם טאָג, געדענקט ער, האָט מען זיי אַלע פאַרטריבן אין קאָראַל און איינציקווייז געכאַפּט אַף דער לאַסאָ, אומגעוואָרפן צו דער ערד, די פיס געבונדן און מיט א שטיק אייזן, אָנגעברענט אין פייער, יעדן איינעם אָפּגעבריט. דאָס האָט שרעקלעך ווי געטאָן. ער האָט געקריצט מיט די ציין, געוואָלט אַלעמען דוירעם זיין, איז ער אָבער שטאַרק געווען געבונדן, אַז ער האָט מיט קיין אייוועד ניט געקענט רירן. נאָר דאָס בלוט האָט געקאָכט אין אים, געוואָלט זיך נויקעם זיין. צום גליק האָט מען זיי באַלד, נאָכדעם, ווי מ'האָט זיי איינציקווייז אָפּגעבריט, ארויסגעלאָזט. א פּאָר טעג נאָר האָט געשמארצט דער ברי, און נאָכדעם האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. א סימען איז נאָר געבליבן אַף יענעם פלאַץ ביז היינטיקן טאָג...

א צווייט מאָל — געדענקט ער — האָט נאָך שרעקלעכערס מיט אים געטראָפן: דאָס איז געווען מיט א זומער און מיט א ווינטער שפּעטער. ער איז אין דער צייט פיל אויסגעוואָקסן, פיל געזונטער און שענער געוואָרן, זיין פעל האָט געגלאַנצט ווי דאָס וואַסער אין טייך קעגן דער זון, האַלבן טאָג. זיינע פריערדיקע כאַוויירים פלעגט ער אויסמיידן, פלעגט בעסער ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט אייניקע זייער אינטערעסאַנטע יונגע שיינע פּאַטראַנקעס, מיט וועמען ער האָט זיך די לעצטע צייט באַקאַנט. און פאַרברענגען פלעגט ער טאָמיד מיט זיי אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פערד און זשעגוועס. פלעגט זיך פאַרקלייבן ערגעץ אין וואַלד צווישן דיביימער: און טאָמער האָט אמאָל געוואָגט איינער פון די יונגע פערד צוגיין צו זיי, איז געגנוג געווען, אַז ער זאָל פאַרליגן די אויערן אַף ארונטער און א קוק טאָן אין יענער זייט, אַז יענער זאָל זיך באַלד אָפּטראָגן. און אַז יענער האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט, פלעגט ער צולויפן צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און מיט אַן אָפן מויל און גלייך אריינגעשטעקט זיינע געזונטע ציין אין יענעמס פעל. אַלס צוגאָב, פלעגט ער זיך אויסדרייען, זיך רוקן א פּאָר טריט אַף הינטן, און יענעם מעכאַבעד זיין מיט א פּאָר דריגעס, אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט א צענטן... אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, פלעגט ער מיט גאַדלעס צוריקלויפן צו זיינע פּאַטראַנקעס מיט א הירזשען,

ווי ער זאָל זיך וועלן באַרימען: זעט, וואָס פאַר אַ גיבער איך בין, אַלע האָבן מוירע פאַר מיר. און זיי, די יונגע זשעגוועס, פלעגן זיך דרייען אַרום אים, מאַכן כיינדלעך, און זוכן צו געפעלן אים. ער פלעגט דאַן מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ ברויגעזן. אויסבייגן שטאַרק דעם האַלדז, הייבן אַ פאָדערשטן פוס, שאַרפן די ערד און צוהירזשען. נאָכדעם, אויסציען דעם האַלדז מיטן מויל אַרויף, פאַרקאַטשען די אויבערשטע ליפּ, ווייזן ציין און זיך צעלאַכן, אַזוי ווי ער זאָל וועלן אָפּווישן דעם פריער־געמאַכטן רויגעז און זאָגן: ליב, אַ ליב...

אַזוי האָט ער פאַרבראַכט אַ שטיק צייט, ביז אין יענעם טאָג; ער האָט דאַן זיך געפּאַשעט, און פאַרבראַכט מיט זיינע געליבטע צווישן די געדיכטע ביימער אין וואַלד, און האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי פון וווייטנס טראָגן זיך צוויי רייטער, אָף די שנעלסטע פערד פון פּאָטרעראָ. און ווען ער האָט זיי באַמערקט, זיינען זיי שוין געווען לעבן אים. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס ס׳מיינט. האָט גענומען לויפן אַרום די פּאָטראַנקעס, ניט געוואָלט זיי איבערלאָזן אַליין. אָבער ווען די רייטער האָבן אַלע מיטלען אָנגעווענדעט אים פון דאָרט אַוועקצונעמען, האָט ער זיך מיט אַמאָל אָפּגעטיילט און גענומען לויפן צום טייך צו, פון דאָרט האָט ער זיך פאַרקירעוועט, אַריין צווישן די ביימער, אַ פּאָר מאָל אַרומגעלאָפן די פּאָטרעראָ, און די רייטער אַלץ נאָך אים. זיי זיינען געווען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געהערט דאָס שטאַרקע אָטעמען און פּאָרסקען פון די פערד, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט. צום סוף האָבן זיי אים אַרומגענומען פון ביידע זייטן. ער האָט געהערט ווי עפּעס האָט אַ פייף געטאָן אין דער לופט, און זיינע הינטערשטע פיס זיינען אין עפּעס פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. ער האָט נאָר געגעבן נאָך אַ 2 שפּרינג פאָרויס, באַלד, האָט זיך אָבער געהערט אַ צווייטער פייף אין דער לופט און אַ לאַסאָ איז אַרום זיין האַלדז פאַרצויגן געוואָרן. די רייטער זיינען אַראָפּ פון זייערע פערד. ער האָט געציטערט מיט דער גאַנצער פעל פאַר אויפרעגונג און ווי אַ בליץ איז אים אַ געדאַנק דורכגעלאָפן, אַז מ׳וויל אים ווידער אָפּבריען מיט אַ הייס, אָנגעברענט שטיק אייזן. ער האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט פיל צו דענקען; ווי אַ טרוקענער בוים, פון אַ שטאַרקן ווינט, איז ער צו דער ערד אומגעוואָרפן געוואָרן. די פיס שטאַרק געבונדן. איינער האָט זיך אָף זיין קאָפּ אַוועקגעזעצט און באַלד האָט ער אַ שרעקלעכן ווייטיק אין קערפּער דערפילט.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי מ׳זאָל אים שנײַדן מיט אַ קאַלט, שאַרף מעסער. און פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי אַ שטיק פּאַרבלוטיקט, רויט פלייש האָט אַ פלי געטאָן אין דער לופט. אַ גרויסער הונט, וואָס איז אין יענער זייט געשטאַנען, האָט געגעבן אַ שפּרונג אין דער הייך, ס׳האָט זיך געהערט אַ האַם! אַ קנאַקן פון ציין, און דאָס שטיק פלייש איז בײַ אים אין גאָרגל פאַרשוואונדן. ער האָט נאָר עטוואָס אַ בויג געטאָן מיטן קאָפּ, אַרויסגעשטעלט אַ רויטע, דינע בייגיקע צונג, זיך באַלעקט אין ביידע זייטן פון מויל און געשאָקלט מיטן עק אַף ביידע זייטן. מיט אויסגעשפּיצטע אויגן, האַלטנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אַף אַ זייט, האָט ער ווידער גענומען קוקן אַהין, פון וואַנען דאָס שטיק פלייש איז, נאָר וואָס געפלויגן, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: אַנו, וואַרף נאָך אַ שטיקל, ניט קיין שלעכט פלייש, כ׳לעבן...

דריי טעג נאָך יענער פּאַסירונג האָט ער שרעקלעך געליטן. ניט גע־געסן, ניט געטרונקען און פון אָרט ניט געקענט זיך רירן. ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַן עק פון זיין לעבן. ערשט נאָך די דריי טעג, האָט ער אָנ־געהויבן קומען צו זיך. גענומען עפּעס עסן, עפּעס טרינקען און וואָס אַ טאָג האָט ער זיך אַלץ געפילט קרעפטיקער. איז אויך מיטאַמאָל געוואָרן עלטער, ערנסטער. אַף די פּאַטראַנקעס האָט ער גלייכגילטיק געקוקט... האָט זיך גענומען כאַווערן מיט עלטערע פערד, און ביסלעכווייז, קימאַט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער פּאַסירונג...

עפּעס אַ כאַיעלע האָט אַ שאַרך געטאָן אין גראָז נעבן קאַראַל. „רע־בעלדע", וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַרטראַכט, האָט זיך ווי דער־שראָקן. ער האָט מיט אַמאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, געוואָלט זיך אויס־גלייכן, האָט זיך דער שטריק אַ רייב געטאָן אין דער וואונד פון פוס, וואו עס האָט אים שרעקלעך ווי געטאָן. אין מויל האָט ער געפילט עפּעס קלע־פּעדיקס, דאָס בלוט פון די ציין איז פאַרגליווערט געוואָרן, האָט אים ס׳גאַנצע מויל איינגעצויגן, די צונג צום גומען צוגעקלעפּט, אַז ער האָט מיט איר ניט געקענט רירן. האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין לאַגע. ער האָט אָבער ניט געקענט באַגרייפן וואָס מען וויל פון אים: ווידער אָפּבריען? אָדער גאָר שנײַדן? האַ! ער ווייס שוין, — לויפט אים דורך אַ געדאַנק, — אַ רייט־פערד ווילן זיי פון אים מאַכן. ניין! ס׳וועט ניט זיין! און באַלד פאַר־

טראַכט ער זיך אַף די פערד וואָס האָבן אים קאַראַל אַריינגעטריבן. האַ! ווי רייטער וואָלטן אים קיינמאָל ניט געכאַפּט, ווען ניט אייגענע כאַווײרים, פערד פון איין פּאַטערראַ, וואָלטן זיי ניט געהאָלפן דערצו. ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין נאַרישע פערד! אַנשטאָט צו טראָגן אַף זיך די רייטערס וואָלטן זיי בעסער בייסן, דריגען. מיט איין דריגע וואָלטן זיי דאָך צען שטיק פון זייערע אַוועקגעלייגט...

גיט ער זיך אַ וואָרף און נעמט זיך רייסן פון שטריק. און וואָס אַמאָל האָט ער זיך אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט. ביידע פאָדערשטע פיס זיינען אַזוי אַרומגעפלאָכטן געוואָרן מיטן שטריק, אַף וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן, אַז ער איז שיר אומגעפאַלן און איז געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אין דער הייך. די לאַסאָ האָט זיך שטאַרק איינגעצויגן אַרום זיין האַלדז. ס'האָט אים גענומען ווערגן. ער האָט זיך געוואָרפן, געדריגעט מיט די הינטערשטע פיס און וואָס מער ער האָט זיך געוואָרפן, אַלץ מער און שטאַרקער האָט זיך דער שטריק אַרום האַלדז איינגעצויגן. האָט ער שווער געצויגן דעם אָטעם, שטאַרק געכאָרכלט, נאָר וואָס אַמאָל איז זיין כאָרכלען שטילער געוואָרן, שוואַכער, ביז ס'האָט אינגאַנצן אויפגעהערט... ער איז געבליבן ליגן רואיק, מיט גרויס־געעפנטע פאַרגלייזטע אויגן האָט ער געקוקט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

גאַנץ פרי, ווען מ'איז געקומען זען וואָס „רעבעלדע" מאַכט, האָט מען אים געטראָפן אַ רואיקן, שטילן, מיט קימאַט אַרויסגעקראָכענע אויגן. פון אָפענעם מויל איז אַראָפּגעהאָנגען אַף אַ זייט אַ לאַנגע, אַרויסגע־שטעקטע צונג.

האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן: גלייכער אַזוי, געווען אַ צו קלוגער, האָט נאָך געקענט עמעצן האַרגענען...

יידישע קאָלאָניסטן

אַ סרייפע

פון אַלע וועגן, וואָס פירן פון די פעלדער אין קאָלאָניע, הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די וואָגנס, דאָס געלעכטער און די אויסגעשרייען פון אַרבעטער, וועלכע פאָרן צוריק אַהיים נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט אויף די פעלדער, וואו עס האָט געשניטן די מאַשין און מען האָט צוזאַמענגעלייגט סנאָפּעס אין קופּעס, אויפגעלאָדן אויף די וואָגנס און זיי צוזאַמענגעפירט אויף איין פּלאַץ, צו מאַכן סטויגן.

גאַנץ פרי, באַ זון־אויפגאַנג, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר די רונדיקע, אָדער פירעקיקע, לענגלעכע סטויגן. אַרום האַלבן טאָג האָבן זיי שוין אויסגעזען ווי גרויסע געביידעס אָן דעכער און, ווען די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן צו מיירעוו צו, האָבן די סטויגן באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. די סנאָפּעס, מיט די זאַנגען אַרויס, הענגען אַראָפּ איבער דער וואַנט ווי אַ סטריכע און וואָס אַ מאָל שמאָלער, שמאָלער, ביז עס באַקומט דאָס אויסזען פון אַ דאַך; באַ זון־פאַרגיין איז שוין דער סטויג אַזוי גרויס, אַז די סנאָפּעס, וואָס ווערן איצט געבראַכט, זעען אויס אַנטקעגן אים קליין, אומבאַדייטנדיק, בעיים דער סטויג ווערט אַלץ העכער און שפּיציקער. און אין דער סאַמע הייך שטייט עמעץ, כאַפּט אין דער לופט איינציקע סנאָפּעס, לייגט זיי פאַרזיכטיק אוועק און שליסט זיי צוזאַמען.

— נאָך אַ סנאָפּ! — שרייט ער אַראָפּ — כאַפּט דעם לעצטן סנאָפּ, שטעלט אים אַוועק פונקט אינדערמיט, אויפן שפּיץ דאַך, און דער דאַך ווערט נאָך שפּיציקער.

און איצט, מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, רוקן זיך אַרויס פולע וואָגנס מיט קאָלאָניסטן און אַרבעטער — זיי פאָרן אַהיים אין קאָלאָניע, זיך אויס־

רועז, יאָגן זיך איינער איבערן אַנדערן און פריילעכע שרייען זיי אַריבער פון איין וואָגן צום צווייטן.

אין דער לופט טראָגט זיך אַ קיל ווינטעלע, גאַנוועט זיך אַריין אין די אָפענע פּאַזוכעס, גלעט די אָנגעהיצטע און פאַרשוויצטע לייבער מיט אַ מור־טערלעכער צערטלעכקייט.

אין קאַלאָניע ווערט מיטאַמאָל לעבעדיקער, פריילעכער. פון אַלע זייטן הערן זיך קוילעס און אויסרופן:

— טרייב אַריין די פערד אין קינטע!

— בינד צו דעם אַלאַסאַן אויף אַ שטריק!

— מאַך צו דעם טויער!

— ווי מיינט איר? — שרייט איין שאָכן צום צווייטן איבערן וועג — ווי מיינט איר, ר׳ כאַים, ס׳וועט נישט רעגענען די נאַכט? בא מיר געבליבן אַן אָפענער סטויג...

— ניין, ס׳ט׳נישט רעגענען! — ענטפערט דער שאָכן מיט אַ טאָן פון אַ מייוון, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקוקט אָפן הימל.

— ווי אַזוי אַרבעט עפּעס בא אייך די מאַשין?

— זאָגט נאָר! געפינט זיך עפּשער בא אייך אַן איבעריק ישפּרונזינ־קעלע פונעם בינדער?...

בא דער שיין פון קליינע קעראָסין־לעמפּלעך, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן די פּאַראַיסן־ביימער, זעצן זיך אויס די אַרבעטער, אָפּגעוואַשענע, אָפּגעפרישטע, מיט צעבראַסטעטע העמדער, טרינקען אַ מאַטע און ריידן פון דער באַטאָגיקער היץ.

די באַלעבאָסטע, אַן איילנדיקע, קומט אַרויס פון קיך, ברענגט עפּעס צום טיש און פאַרשווינדט ווידער אין קיך אַריין; ס׳קלינגען טעלער, לעפל און אַנדערע קיך־געשיר. אַלע זעצן זיך אַרום טיש.

אָפּגעגעסן, פאַרשווינדן די ליכט פון צווישן די ביימער, באַווייזן זיך אין די פענצטער און באַלד ווערן זיי אויך דאָרט אויסגעלאָשן.

נעבן איין שטוב איז נאָך געבליבן אַ ליכט אין דרויסן. דאָרט פאַרריכט איינער דעם לייוונט פון שנייד־מאַשין, וואָס האָט זיך היינט צעריסן, און

מען מוז זי האָבן גאַנץ אַף צו־מאָרגנס.

ערגעץ פון אַ שטוב הערט זיך דאָס סקריפּען פון אַ וויגעלע — אַ מי־טער פאַרוויגט דאָס קינד:

— אַ־אַ־אַ־ אַ־אַ־אַ...

נעבן אַ ראַנטשע בלישטשעט נאָך אַ קליין פייערל, וואָס האַלט אין אויסגעלאָשן ווערן. עס הערט זיך דאָס שטילע ברומען פון אַ גיטאַרע, וואָס אַ מאָל שטילער און שטילער, ביז ס׳ווערט אינגאַנצן שטיל...

אַ ווינטל טראָגט זיך פון צאָפן קיין דאָרעם, פרישט אָפּ, ברענגט צוריק צום לעבן אַלץ וואָס וואַקסט, און וואָס איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען פאַר־באַלעשט קעגן דער זון.

דאָ און דאָרט הערט זיך דאָס גרילן פון אַ גריל, דאָס קוואַקען פון זשאַבעס אין דער נאָענטער לאַגונע, דאָס רעווען פון אַ בעהיימע אין קאָראַל, דאָס הירזשען פון אַ פערד ערגעץ אין פאָטרערע וואָס צעטראָגט זיך אין דער נאַכטיקער שטילקייט איבער די פעלדער. און ווידער ווערט עס שטיל.

שאַ, שטיל; מ׳שלאָפט אין קאָלאָניע.

פּלוצעם ווערט איבערגעריסן די שטילקייט פון דער נאַכט. פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ קאָל:

— לויף גיך, ברענג די פערד! איך וועל דערווייל איבערלויפן צו שמועלן, אויפוועקן!

פון צווישן די ביימער, בײַ אַ צווייטער שטוב, הייבט זיך אויף אַ ווייס געשטאַלט, גייט צו צו דער דראָטענער צוים, בייגט איבער דעם אייבער־שטן טייל פון קערפּער צום וועג־אַרויס, שטרענגט אָן דעם אויער, בייגט אים אויס מיט דער דלאָניע פון דער רעכטער האַנט. עס דערגרייכט אַ גע־רודער פון שנעלן פאַרטרייבן פערד.

שנעלע טריט, אַ קלאַפּ פון אַ טיר און אַ שטיל שעפּטשען:

— בײַ וועמען? — פרעגט אַ שטימע פון אינעווייניק.

— מ׳ווייס נישט — ענטפערט אַ צווייטע — נאָר מיר דאַכט, אַז ס׳איז בײַ פעלדמאַנען. עפּשער האָט איר פערד צום שפּאַנען?

און ער לויפט אוועק ווייטער צו אַ צווייטער, צו אַ דריטער שטוב.

פון אומעטום באַווייזן זיך געשטאַלטן האַלב־אָנגעטועגע — געכאַפּט אַף זיך, וואָס ס'נישט איז — לויפן אַהין און אַהער. עס הערן זיך קוילעס פון אַלע זייטן:

— כ'האָב נאָר איין פערד. עפּשער האָט איר נאָך איינעם? ווען מיר שפּאַנען אַ וואָגן!

— העי! העלפט שפּאַנען די פערד! וואָס שטייט איר? די גאַנצע קאָלאָניע קען נאָך אוועק מיטן פייער!

— פאַרגעסט נישט מיטנעמען לײדיקע זעק!

— מ'דאַרף אויפוועקן די גאַנצע קאָלאָניע! דער ווינט איז פון דאָרט...

— מיר דאַכט, אַז דאָס איז בײַ ווײַנשטיינען אַפן פעלד...

— ניין! זיין „טשאַקרע" איז ווייטער, דאָס איז בײַ פעלדמאַנען...

די קוילעס ווערן אויסגעמישט מיט אַ האַוקען און בילן פון הינט, וועלכע לויפן אום אין גאַס דערשראָקענע, שמעקן אין דער לופט, ווילן אויסגעפינען וואָס ס'איז געשען.

באַלד דערהערט זיך דאָס רוישיקע לויפן פון אַ וואָגן, וואָס טראָגט זיך שנעל דורך דער גאַס. פון דער פינצטערניש, צווישן די ביימער, נעבן די שטיבער רייסן זיך אַרויס געשטאַלטן, לויפן נאָך דעם וואָגן, כאַפּן זיך אָן מיט ביידע הענט באַם הינטערשטן טייל פון וואָגן און אונטערשפּרינגענדיק וואַרפן זיי זיך אַריין אין וואָגן; טכילעס בלייבן זיי הענגען אַפן בויך, מיט דער אויבערשטער העלפט קערפּער אין וואָגן, אָבער נאָך אַ קליינער אָנשטרענגונג וואַרפן זיי אַריין אויך דעם צווייטן טייל קערפּער אין וואָגן, וואָס טראָגט זיך אַלץ פאָרויס.

באַלד לויפט דורך אַ צווייטער וואָגן, אַ דריטער, אַלע פול־געפּאַקטע מיט מענטשן לייכט־געקליידעטע — אין הוילע העמדער און הויזן.

און אַלע טראָגן זיי זיך אַהין, וווּ עס זעט זיך אַ רויטע ליכטיקייט. אַ גרויסער טייל פון הימל איז העל באַלויכטן; די שטערן־אויסגעלאָשן; און אין דער ווייט — רויטע צונגען, וואָס הויבן זיך אין דער הייך...

א גרויס פייערדיק אויג האָט פּלוצעם אַריינגעבליקט אין דער פינצ־טערער נאַכט אַריין, האָט שעלמיש געגומען ווינקען אַף אַלע זייטן. די פינצטערניש האָט זיך גענומען שפּאַלטן, זיך געוואַקלט און ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדן. א ווינטעלע האָט א בלאָז געטאָן, א רויטע צונג האָט זיך אַרויסגעשטעקט, א לעק געגעבן א בינטל זאַנגען, דערלאַנגט א שפּרונג אַף א קופּע סנאָפּעס, און א פלאַם האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך, צוזאַמען מיט א געדיכטן, שוואַרצן רויך, און פון דאָרט האָט דאָס פייער גענומען קריכן הארט בא דער ערד, אַף די הויכע וואָרצלען פונעם נאָר־וואָס־אָפּגעשניטענעם ווייץ, זיך גערוקט אַפּן בויך, ווי א גאַנעוו, ביז ס'איז צוגע־קומען צו א צווייטע קופּע סנאָפּעס, צו א דריטער, צו א פערטער, און פון אַלע זייטן האָבן גענומען אויפשטייגן פלאַם־פייערדיקע צונגען, ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט מיט עמעצן...

די נאַכט האָט זיך גענומען רוקן וואָס מער אַף אהינטער, געמאַכט א וואָרע פאַרן פייער, וואָס האָט זיך אַלץ מער כוצפּעדיק צעשפּרייט מיט ראַש און געפּילדער, מיט א קנאַקן און טראַסקען.

די סטויגן אַרום אַף די פעלדער שטייען פאַרגאָפּטע, באַלויכטענע מיט ראָזעווער שיין, און כידעשן זיך...

אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דאָס פאַרצווייפלטע שרייען פון פייגל, וואָס האָבן אין שרעק פאַרלאָזט די קליינע אומבאַהאָלפענע אויפעלעך זיי־ערע אין די נעסטן אַף דער ערד, צווישן שטרוי און פעדערן און אויפהייר־בנדיק זיך אין דער הייך, האָבן זיי געשוועבט איבער די נעסטן און צוגע־קוקט, ווי דאָס פייער רוקט זיך אַלץ נאָענטער און נאָענטער, פאַרברענט אַלץ וואָס ס'געפינט נאָר אין וועג... און אָט איז שוין דאָס פייער נעבן דער נעסט... די קליינע פייגעלעך עפענען געלע פּיסקעלעך, קאָנען פון היץ דעם אָטעם ניט ציען.

אַנדערע האָבן די נעסטן נישט פאַרלאָזט. זיי זיינען געבליבן זיצן מיט צעשפּרייטע פליגעלעך, פאַרשטעלנדיק די קינדערלעך זייערע, זיי צו פאַר־היטן פונעם פייער, וואָס רוקט זיך וואָס אַמאָל נאָענטער...

און... אָט איז דאָס פייער שוין אַריבער. עס איז געבליבן נישט מער ווי גליענדיק אַש.

איינער נאָכן אַנדערן קומען אָן די וואָגנס פול מיט מענטשן געפּאַקטע. די פערד שרעקן זיך, שנאַרכן, שפּרינגען אַף צוריק. אַלע שפּרינגען אַרויס פון די וואָגנס און מיט נאַסע זעק אין די הענט וואַרפן זיי זיך מיט אימפּעט אין דער מילכאָמע קעגן פייער, רינגלען עם אַרום פון אַלע זייטן, שטעלן זיך אויס צווישן פינצטערניש פון דער נאַכט און פייער, פאָכען מיט די זעק, ווי מיט בלויזע שווערדן קעגן אַ געפערלעכן סוינע...

פון אַלע זייטן הערט זיך דאָס טעמפּע קלאַפּן פון די זעק אין דער ערד, דאָס שפּרינגען און איילן פון איין אָרט אַף דאָס צווייטע, עס פליען פונקען — ס'זעט אויס, אַ שיידעם־טאַנץ אַרום אַ געהענעם־פייער.

אַלע שרייען און ליאַרמען:

— האַ־האַ־אַ! האַ־האַ־אַ!

— קום אַהער! אַהער! לאָז נישט אַריבער!

— העי! לאָזט נישט צו צום סטויג!

— צעוואַרפט די קופּעס סנאָפּעס!

און, ווען דאָס פייער ווערט אַף איין פלאַץ אַ ביסל איינגעשטילט, וואַרפן זיך אַלע אַריבער אַהין, וווהין דאָס פייער רוקט זיך פאָרויס.

— ווען ס'זאָל זיין אַ פלוג! — גיט איינער אַ געשריי.

— אַ פלוג! אַ פלוג! ברענגט אַ פלוג! — שרייט מען פון אַלע זייטן.

עס טיילן זיך אָפּ צוויי געשטאַלטן, און ווערן ערגעץ פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

און דאָס פייער רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער. די פינצטערניש און אַלע וואָס רינגלען אַרום דאָס פייער רוקן זיך אָפּ אַף אַהינטער.

דער ווינט קומט דעם פייער צו־הילף, כאַפּט פון אים גאַנצע שטיקער, וואַרפט זיי אַפן סטויג, וואָס שטייט אַ העל־באַלויכטענער, מיט אַ לאַנגן, שוואַרצן שאָטן אָפּגעלייגט אַף אַהינטער; דאָס פייער רינגלט אים אַרום, נעמט קלעטערן אַרויף, צום שפּיץ צו, פון וואַנעט ס'באַווייזט זיך באַלד אַ שוואַרצער רויך; דער סטויג גיט אַ ציטער, בייגט זיך אויס אַף אַ זייט און בלייבט שטיין אין פלאַמען.

פון אַלעמענס מיילער רייסט זיך אַרויס אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריי:

— האַ־אַ־אַ!

פעלדמאַן וויל זיך וואַרפן אַפן סטויג, נאָר מען לאָזט אים נישט; מ'פירט אים אַוועק אַ האַלב־פאַרכאַלעשטן.

— אַ גאַנץ יאָר אַזוי ביטער געאַרבעט... וואָס וועט זיין?... וואָס וועט זיין?...

און אָט קומט דער פלוג, געשלעפּט פון פינף פערד. די פערד שרעקן זיך. זיי ווילן נישט צוגיין. אייניקע לויפן צו, פירן זיי בײַ די צוימען, פון פאָרנט, מאַכן אַזוי אַ קרייז אַרום פייער. ס'באַווייזט זיך אויפגעריסן אַ שוואַרצער שמאָלער פּאַס ערד. עטלעכע מאָל אַזוי, און דער שוואַרצער פּאַס ערד ווערט וואָס אַ מאָל ברייטער און ברייטער.

דאָס פייער קומט צו ביז צו דער אויפגעאַקערטער ערד, בלייבט שטיין, פאַרברענט די לעצטע שטרוי און ווערט אויסגעלאָשן. די פינצטערניש קומט צוריק; דאָ און דאָרט באַווייזן זיך נאָך קליינע פייערלעך, אָבער זיי ווערן באַלד פאַרלאָשן דורך די קלעפּ פון די זעק.

אין דער לופט טראָגט זיך אַ רייעך פון פאַרברענטס, פאַרסמאַליעטס. געענדיקט דאָס אָפּלעשן, ווערן רעדלעך אין דער פינצטער.

— איך האָב זיך נאָר־וואָס געלייגט שלאָפן — זאָגט איינער — אַז איך האָב דערהערט...

— איך בין געשלאָפן אין דרויסן, הער איך עפּעס אַ ראַש...

— פון וואַנעט זאָל זיך גענומען נעמען דאָס פייער?

— ווער ווייסט...

— אַ פונק פון אַ ציגאַר...

— עפּשער האָט עמעצער אַ שפּיצל אָפּגעטאָן?

— ווער ווייס...

גאַנץ פרי, פאָרנדיק צו דער אַרבעט און פאַרבייפאָרנדיק פעלדמאַנס פעלד, האָט מען געזען אַ גרויסן שוואַרצן פלעק אינמיטן פעלד. פון דעם סטויג ווייץ איז געבליבן אַ פלאַטשיקע קופּע אַש.

דער אַלטער פעלדמאַן, אינגאַנצן שוואַרץ, פון אַש אויסגעשמירט, מיט קליידער פייכט־געוואָרענע פון דער ראָסע, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער פון קעלט, האָט זיך אַרומגענומען מיט אַ זאַק און, אַרומשפּאַנענדיק הין און צוריק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו מורמלען, ווי צו זיך אַליין:

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?...

אַ ביטערער טאָג

גאַנץ פרי — ס'האָט וואָס אָנגעהויבן בלויען אין די פענצטער — האָט עליק זיך אויפגעכאַפּט, איז אַראָפּ פון געלעגער און גלייך געלאָפן אין דער קינטע, וואו די „ראַסיזשאַ"־שקאַפּע האָט זיך געפּאַשעט, צוגעבונדן אַף אַ שטריק. פון דעם איינגענעם שטריק האָט ער פאַרלייגט אַ צוים, ארויפגעוואָרפן אַ זאַק, זיך ארויפגעזעצט אַף דער זשעגווע, פאַרבויגן דעם ראַנד פון קאַפּעליוש איןביידע זייטן אַף אינעווייניק, דער ווינט זאָל אים ניט אַראָפּרייסן, אַז עס האָט אויסגעזען ווי נאַפּאָלעאָנס הימל; אַף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר אַלטע אַלפּאַרגאַטן, וועלכע ער האָט געמוזט פאַרהאַלטן מיט די פינגער פון די פיס, אויסבייגנדיק זיי אַף אַרויף, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן; און אַזוי האָט ער זיך אַ לאָז־געטאָן אין פּאַטרערע זוכן די אָקסן.

דער ווינט איז אים גראָד אויסגעקומען אָקעגן. גאַנוועט זיך דער ווינט אריין דורך דער פּאַזוכע; דאָס העמד ווערט אָנגעבלאָזן ווי אַ גרויסער פּענכער.

עליק בייגט אויס דעם קערפּער אַף פּאָרויס; מיטן אַנדערן עק שטריק, וואָס ער האַלט איינגעדרייט ווי אַ בייגל, טרייבט ער אונטער די שקאַפּע; די שקאַפּע לויפט גאַלאָפּ, שנאָרכנדיק און פאָרסקענדיק מיט דער נאָז, און טראָגט זיך איבער דער גרויסער פּאַטרערע.

פון צווישן גראָז הייבן זיך אויף צעשראָקענע קוראָפּאַטוועס, פליען נידעריק, בא דער ערד, פליען אָפּ עטלעכע מעטער, און פאַרשווינדן ווידער צווישן גראָז.

טעראָ־טעראָס הייבן זיך אויף אין דער הייך, מיט קוילעס, מיט גוואַלדן, נעמען זיך נאָך נאָכן רייטער, מאַכן אַרום אים קרייזן, לאָזן זיך צו אַזוי נאָענט, אַז ס זעט אויס, אָט כאַפּן זיי אַראָפּ בא עליקן דעם קאַפּעליוש . . .

און עליק טראָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער; נישטאָ קיין צייט אפילע זיך אומצוקוקן: ס'איז שניט־צייט!

דאָ און דאָרט זעט מען לויפן רייטער; אַלע לויפן זיי מיט אימפעט, קוקן זיך ארום אף אַלע זייטן און זוכן מיט די אויגן:

— האָסט נישט געזען מיין ווייסן אָקס?

— אין יענעם ווינקל! — ווייזט ער אים אָן מיט דער האַנט, — און מיין ראָסיזשאָ האָסטו נישט געזען?

— ניין! — ענטפערט יענער.

און ביידע לויפן ווידער, אין פאַרשיידענע זייטן.

געפונען זיינע אָקסן, האָט עליק זיי געבראַכט צום „קאָראַל". דער „נעגראָ", וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, איז געבליבן שטיין אין טויער, האָט זיך ווי מעיאשעוו געוועזן, צי זאָל ער גאָר אריינגיין; באַלד איז אונטערגעקומען דער „ראָסיזשאָ", אַ קליין קיילעכדיק עקסל, האָט אים געגעבן אַ שטורכע מיטן האָרן; דער „נעגראָ" האָט געטאָן אַ לויף פאָרויס, געמאַכט פריי דעם טויער און אַלע זיינען אריין אין „קאָראַל".

עליק שפּרינגט האַסטיק אַראָפּ פון דער שקאַפּע, בינדט זי צו, פאַרמאַכט דעם טויער, גיט אַ נעם דעם „זשוגאָ", גייט צו צום „נעגראָ" און רופט אויס:

— זשוגאָ!

דער „נעגראָ", שוין אַ זאָקן, אַ פּראַקטישער אין די זאַכן, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, גיט אַ צוויי שפּאַן פאָרויס; עליק בינדט צו דעם „זשוגאָ" פעסט צו די הערנער, מיט די לעדערנע רימענס, און נאָכהער ווענדעט ער זיך מיט דעם זעלביקן באַפעל צום „ראָסיזשאָ":

— זשוגאָ!

דער ראָסיזשאָ אָבער האָט נישט פאַרשטאַנען, אָדער האָט זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטייט נישט, איז געשטאַנען מיטן עק פאַרלייגט אפן הינטן, די אויגן האַלב־פאַרמאַכט, און האָט געמאַלעגיירעט, פון צייט צו צייט זיך באַלעקט, פאַרקריכנדיק מיט דער צונג אין די נאָז־לעכער, און עפּשער האָט ער זיך גראַדע איצט דערמאָנט אין גרינעם מאַיס, וואָס ער האָט נעכטן געזען פון יענער זייט אָראַטענעם צוים, גייענדיק מיטן וועג...

עליק ווערט אומגעדולדיק:

— נו, מאַך נישט קיין שטיק! כאַפּעם מיינער! און דערלאַנגט אים מיט דער בייטש.

דער „ראַסיזשאַ" טוט אַ דריי מיטן קאָפּ אַף ניין, ווי נישט צופרידן, גייט צו מיט געציילטע טריט צום „זשוגאַ", בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, קריצנדיק מיט די ציין...

גיטל ברענגט אים אַלע מאָל צו אַ מאַטע און עליק טרינקט איילנדיק אויס, צווישן איין אָקס אָנזשוגעוועטן און דעם אַנדערן.

אָנגעזשוגעוועט די אָקסן און מיט אַ קייט ביידע פּאָר אָקסן צוזאַמענגעבונדן, האָט ער זיי אין שנייד־מאַשין איינגעשפּאַנט און אַוועק אין פעלד אַריין שנײַדן ווייץ.

געקומען אין פעלד, האָט ער אָפּן זייט פון מאַשין אַ האַלבן זאַק מיט ערד אַרויפגעלייגט, קעדיי ס'זאָל האַלטן די וואָג, ווייל ער האָט זיך נישט אַרויפגעזעצט, האָט געעפנט די מאַשין און, נעמענדיק די בייטש אין האַנט, גענומען אָנטרייבן.

די אָקסן האָבן האַסטיק גענומען שלעפּן די מאַשין.

די פליגל דרייען זיך און בייגן איין בינטלעך ווייץ איבערן מעסער; דאָס מעסער שניידט אונטער און גיט זיי איבער צו די לייוונטן, וועלכע טראָגן זיי אַוועק צום בינדער; דער בינדער שטייט זיך גלייכגילטיק, גלייך ווי נישט אים מיינט מען, נאָר קוים באַמערקט ער, אַז ס'איז שוין פאַראַן גענוג אַף אַ סנאָפּ, גיט ער זיך אַ דריי, שטרעקט אויס צוויי הענט, בינדט אַרום דאָס הייפל ווייץ מיט אַ שטריקל און פאַרקניפּט, אויסלייגנדיק עס אין אַ גלייכער ליניע.

עליק גייט באַ דער זייט און מיט דער בייטש אין האַנט מונטערט ער אַלץ די אָקסן:

— וואַסאַ, „נעגראַ" ! וואַסאַ, „ראַסיזשאַ" !

און אַלע מאָל קוקט ער אַרונטער צו דער מאַשין, וואו דער בינדער וואַרפט אַרויס אַ סנאָפּ, לייגט זיי אין אַ ליניע. און דאָס האַרץ קוועלט אין אים פון נאַכעס.

פּלוצעם בלייבט שטיין די מאַשין. עליק וואַרפט אַוועק די בייטש און

לויפט פאַרויס. אַף דעם לייוונט ליגט אַ גאַנצער באַרג שטרוי מיט זאַנגען, די ראָסע פון דער נאַכט האָט פאַרנעצט די שטרוי און לאָזט זי נישט זיך גליטשן צווישן די לייוונטן; ס'איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעפּאַקט אַף דעם לייוונט ביז די מאַשין איז פאַרהאַקט געוואָרן און געבליבן שטיין.

עליק אַרבעט איצט אַף אַלע קוילים: רייניקט דאָס לייוונט, דאָס מעסער.

און ווידער שלעפּן די אָקסן, ווידער אַרבעט די מאַשין, און ווידער לייגן זיך אויס די סנאָפּעס אין אַ גלייכער ליניע.

עטלעכע מאָל אַזוי איז די מאַשין געבליבן שטיין, געוואָרן אָפּגעריי־ניקט, און איז ווייטער געגאַנגען.

די זון רוקט זיך דערווייל העכער און העכער, טריקנט אָפּ די ראָסע. עליק גייט נעבן די אָקסן און דער שווייס רינט אים איבערן פּאָנעם, איבערן גאַנצן קערפּער. נאָר עס אַרט אים נישט: ס'איז שניט־צייט!

אויך די אָקסן דערשפּירן די היץ; זיי שטעקן אַרויס די צינגער און גייען שווער, אומטערפוילנדיק זיך.

עליק רעדט צו זיי, דאָ מיט גוטן, דאָ מיט בייזן, נאָר זיי — הערן און הערן און — פּלוצעם בלייבן זיי שטיין. עליק לויפט צו דער מאַשין; דאָ איז אָבער אַלץ אין אָרדענונג. לויפט ער צוריק, שוין אַ ביסל בערויגעזלעך, נעמט אַרבעטן מיט דער בייטש אַף אַלע זייטן.

און ווידער רירט די מאַשין.

אָבער עס ווערט הייסער און הייסער. די זון בריט שוין ווי פייער. די אָקסן גייען נאָך־שווערער; קוים וואָס זיי שלעפּן זיך; ביז זיי בלייבן אינ־גאַנצן שטיין.

עליק ווערט אויסער זיך. ער אַרבעט אַף אַלע זייטן מיט דער בייטש, אָבער ס'העלפט נישט. דער „ראָסיזשאָ" בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, גיט זיך אַ רוק אַף צוריק שפּאַרט זיך אונטער מיט די פאָדערשטע פיס, שטעקט די צונג נאָך לענגער אַרויס, אַז עליקן דאַכט זיך, דער „ראָסיזשאָ" רייצט זיך מיט אים, לאַכט פון אים. ביפראַט, ווען ער זעט, אַז אויך די אַנדערע אָקסן טוען נאָך דעם „ראָסיזשאָ", בייגן אַראָפּ די קעפּ און שטעקן אויך אַרויס לאַנגע צינגער, דרייען מיט די עקן אַהין און צוריק, ווי זיי זאָלן וועלן זאָגן:

— ניין. מיר גייען נישט...

עליק גייט שוין גאָר אַרוים פון די קיילים, קנאַלט מיט דער בייטש, ליאַרעמט מיט אַ הייזעריקן קאָל, שילט, זידלט, די אָקסן, די מאַשין און די גאַנצע „קאַסעטשע", אַזוי לאַנג, ביז ער בלייבט אָן קויעך, אויסגעווייקט אין שוויים...

מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם לאָזט ער זיך דעמאָלט אַראָפּ אויף דער ערד.

אויף נאָכן האַלבן טאָג איז געווען דאָס זעלביקע. איצט איז דער „ראַ־סיזשאַ" דער ערשטער, וואָס בלייבט שטיין, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, שטעלט אַרויס די צונג, שפּאַרט זיך אונטער מיט די פאָדערשטע פיס, און אויף אים קוקנדיק — אויך די אַנדערע אָקסן.

עליק ווערט אָנגעצונדן, מיט כּעס שרייט ער:

— וואַמאַ! וואַמאַ ראַסיזשאַ! וואַמאַ בלאַנקאַ! — און אַזוי דרייענדיק מיט דער בייטש איבערן קאָפּ, דערלאַנגט ער זיך אַליין אַ שמיץ אין פּנים. דאָס ברענגט אים אַריין נאָך מער אין כּעס; הייבט ער אָן צו שלאָגן די אָקסן מיט די פיס, מיט די קולאַקעס, בייסט מיט די ציין, ביז די אָקסן טוען אַ כאַפּ די מאַשין און פאַרשלעפּן זי טיף אין ווייץ אַריין.

עליק וויל זיי אָפּהאַלטן; שלעפּט ער זיי צוריק באַם שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן צום אויער פון פאָדערשטן אָקס, און שרייט:

— אָר־אָר־אָושי! אָר־אָושי!

נאָר דאָס שטריקל רייסט זיך איבער און עליק פאַלט צו דער ערד אויף אַהינטער. די אָקסן פאַרפּלאָנטערן זיך; איינער פאַלט אום, אַ צווייטער שפּאַנט איבער אים אַריבער; און אַלע צוזאַמען, פאַרדרייען זיך אַזוי, אַז ס'איז קימאַט אוממעגלעך אויפצופּלאָנטערן.

עליק הייבט זיך אויף — זיין פּנים, פון שוויים און ערד אויסגעשמירט — און מיט איינגעהאַלטענעם כּעס נעמט ער די אָקסן אויספּלאָנטערן.

אָבער פון גיין ווייטער — נישט צו ריידן.

— וואַרט, וואַרט! איך וועל אייך ווייזן! — רעדט עליק צו די אָקסן — איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי מ'וויל נישט גיין...

און דאָס זאָגנדיק לאָזט ער זיך צום דראָטענעם צוים נאָך אַ שטיק דראָט, קעדיי עס צוצובינדן צום עק בייטש.

אַ קוראָפּאַטווע, וואָס איז געזעסן אַף דער ערד, צווישן אָפּגעשניטענעם ווייץ, האָט זיך דערשראָקן און פּייפּנדיק איז זי אויפגעפלויגן עטוואָס העכער פון די זאַנגען.

טבילעם האָט זיך עליק דערשראָקן, געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוואונדן צווישן ווייץ. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך, און גענומען זוכן צווישן אָפּגעשניטענעם ווייץ, און טאַקע געפונען. ס'איז געווען אַ נעסט מיט פיר בלויע אייער, ווי צייטיקע פלוימען. עליק האָט זיך אויפגעהויבן און, נישט האָבנדיק וואו זיי צו באַהאַלטן, האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, זיי אַהין פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט, און צוריק אָפּן קאָפּ אָנגעטאָן.

דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט אַ שטיק דראָט, עס צוגעבונדן צום עק פון דער בייטש און זיך אומגעקערט צו דער מאַשין און די אָקסן.

און ווידער האָט ער גענומען אַרבעטן מיט דער בייטש, אָבער אויך דאָס שטיק צוגעבונדענע דראָט האָט נישט געהאָלפן. די אָקסן האָבן זיך גערוקט אַף צוריק, אומגעפאַלן, געשפּאַנט איינער איבערן אַנדערן און זיך פאַרפּלאָנטערט.

עליק איז געבליבן שטיין אַן אומבאַהאָלפענער, אַ פאַרצווייפלטער, האָט ער געקוקט אַף דער זון, וואָס רוקט זיך וואָס אַ מאָל נידעריקער, האָט געקוקט אָפן ווייץ, ווי די זאַנגען, אויסגעבויגענע, צייטיקע, האַלב-צעעפנטע, פולע מיט קערנער, זיינען גרייט אויסצושיטן זיך אָפּן בלאָז פון קלענסטן ווינטעלע, וואָס זאָל זיי וועלן עפּעס דערציילן, סוידען זיך, שעפּטשען עפּעס אין דער שטיל... און דאָ שטייען די אָקסן איינגעשפּאַרטע, פאַרפּלאָנטערטע!...

עליקן איז באַפאַלן אַ מעשוגאַס. מיטביידע קולאַקעס האָט ער גענומען זיך שלאָגן אין קאָפּ אַריין:

— געוואַלט! וואָס זאָל איך טאָן? — האָט ער געליאַרעמט — וואָס זאָל איך טאָן?!

מיד, צעבראָכן, קיין גאַנץ אייווער נישט געפילט, הייזעריק, די אויגן האָבן אים געשווינדלט, דער קאָפּ האָט אים שרעקלעך ווײ־געטאָן, איז עליק אהיימגעקומען מיט די לעצטע קויכעס.

א ביסל זיך אָפּגערוט, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט אים גיטל דערלאַנגט וואַסער, און ער האָט זיך גענומען ארומוואַשן.

פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין א פאַרוואונדערטער. ער האָט א טאָפּ געטאָן מיט די פינגער אָפן קאָפּ, האָט זיי צוגעטראָגן צו די אויגן, באַטראַכט און — זיך דערשראָקן. ס'איז געווען עפּעס געלבלעכס און קלעפּעדיקס...

עליק האָט געמאַכט א געוואַלד, ווי נישט מיט זיין קאָל:

— ניטל! געוואַלט! גיטל! ראַטעווע! איך שטאַרב!

גיטל איז פון דער קיך אריינגעלאָפן א דערשראָקענע:

— וואָסי עליק? — האָט זי ציטערנדיק געפרעגט — פינצטער איז מיר! וואָס איז געשען?

זי וויל צוגיין, באַטראַכטן, אָבער עליק לאָזט זי נישט צו צו זיך, וואַרפט זיך אָף דער קאַטרע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האַלט צו מיט ביידע הענט דעם קאָפּ און הערט נישט אויף צו שרייען:

— גע־וואַאַאַלט, איך שטאַרב! איך בין פאַרלוירן!!

דערהערט די קוילעס, האָט גיטל אויך אָנגעהויבן שרייען.

— פינצטער איז מיר! — האָט זי אויסגעבראָכן מיט א יאָמער — א דונער האָט מיך געטראָפן! אָף וועמען לאָזטו מיך איבער?!.

און אָף זיי קוקנדיק — אויך די קינדער.

— וואָס איז? וואָס פאַר אַן אומגליק? — קומט מען צולויפן פונעם שאָכן. מ'וויל א קוק טאָן. עליק לאָזט אָבער נישט צו צו זיך. ער האַלט אין איין שרייען:

— געוואַאַאַלט איך שטאַרב! געוואַאַלט, מיינע געהירן זיינען מיר ארויס פון קאָפּ!...

צעטומעלטערהייט האָט מען געשיקט נאָכן דאָקטער, און פאַרבייפאָרנדיק, האָט מען צר־ווייסן־געגעבן אויך אַנדערע שכיינים, וועלכע זיינען באַלד געקומען צולויפן.

מיט צעשראָקענע פּענעמער האָבן זיי זיך ארומגעשטעלט ארום דער „קאטרע", וואו עליק איז געלעגן און געארבעט מאַיסים, געוואָרפן מיט די פיס, דעם קאָפּ צוגעהאלטן מיט ביידע הענט און פון צווישן די פינגער האָט זיך געזען עפּעס א פליסיקייט, האלב ווייס, האלב געל, און זיין קאָל איז געגאנגען ביזן זיבעטן הימל.

— געוואַאלט, איך שטארב!

— געוואַאַאלט, מיינע געהירן!

— אָבער, לאָזט געבן א קוק — האָט איינער א שאָכן זיך בא אים גע־בעטן — נאָר איין קוק טאָן און נישט מער... נאָר אזוי ווי עליק האָט נישט געלאָזט, האָט ער אים א כאַפּ געטאָן ביידע הענט, אָפּגעריסן זיי פון קאָפּ; א צווייטער האָט צוגעטראָגן א ליכט, און די שביינים האָבן זיך צו־געקוקט.

— זאָג נאָר, עליק — ווענדעט זיך דער שאָכן צו אים — האָסטו נישט אריינגעלייגט אין קאפּעליוש אייער פון קוראָפּאַטוועס? עפּעס זעט זיך שאָלעכץ פון אייער און געלכלעך . . .

עליק איז פּלוצעם געוואָרן פארשטילט, און האָט צעעפנט א פּאָר גרויסע אויגן, זיך ארומגעקוקט אף אלע זייטן, געשמייכלט נארישעוואַטע.

— יאָ, טאַקע... האָט ער ארויסגעשעפּטשעט. כ'האָב גאָר פאר־געסן . . .

די שביינים האָבן אויסגעבראָכן מיט א הילכיקן געלעכטער.

עליקן האָט זיך גערדאכט, אז מיט דעם געלעכטער קאטשעט מען אים אראָפּ פון הארצן די צערודערטקייט פון דעם ביטערן טאָג ארבעט אפן פעלד.

כאַים דער „גרינגאָ"

די נאַכט איז געווען איינע פון יענע ענטרע־ריאָסער פרישע נעכט נאָך א הייסן זומער־טאָג.

די לעוואָנע, שווימענדיק אין דער הייך, האָט צניעסדיק אראָפּגעקוקט אַף די הויכע, פאַרשפּיצטע סטויגן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין א גרופּע, איינע נעבן דער אַנדערער, און מיט זייערע שמאָלע, טונקעלע דורכגענג און לאַנגע אָפּגעלייגטע שאָטנס האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון פאַרציי־טיקע, פאַנטאַסטישע שלעסער.

צווישן צוויי סטויגן, פון וועלכע איינע איז שוין געווען העלפט אָפּגע־דראָשן, שטייט די דרעש־מאַשין, א ביסל וויטער — דער מאָטאָר נאָך א הייסער פונעם גאַנצן טאָג קאָכן און עס הערט זיך נאָך דאָס שטילע שיפּען פונעם הייסן וואַסער אין קעסל וואָס האָלט אין אָפּגעקילט ווערן.

עטוואָס ווייטער, נעבן דעם הילצערנעם שטיבל אַף רעדער, אַף דער ערד, ארום פייער, זיצן נאָך איניקע אַרבעטער, קריאָזשאָס, טרינקען מאַטע; אַנדערע ליגן אַף דר'ערד, האַלב דרעמלענדיק, הערן זיך צו צו די מאַיסעס וואָס ווערן דערציילט און יעדע ווײַלע קלינגט אָפּ אין דער שטילער נאַכט א הילכיקער געלעכטער פון די מידע אַרבעטער.

— קע קאַנטע דאָן אַנאַסטאַסיאָ! (זאָל זינגען דאָן אַנאַסטאַסיאָ) — האָט איינער אויסגערופן.

— קע קאַנטע! קע קאַנטע! — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

און דער אַלטער אַנאַסטאַסיאָ האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, און, אַרונטערבייגנדיק זיך אונטער דעם הילצער־נעם שטיבל וואָס אַף רעדער, האָט ער פון דאָרט אַפּירגעשלעפּט זיין גיטאַרע,

זיך צוריק אוועקגעזעצט, און גענומען אָנציען די סטרונעס, איינעקע נאָכגע־לאָזט, אַנדערע איינגעצויגן, עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען מיט אַלע פינגער איבער זיי און, ווען אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, האָט ער זיך נאָך באַקוועמער אוועקגעזעצט, די פיס הינטער זיך, דעם קאָפּ עטוואָס פאַרבויגן אויף אַ זייט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געקוקט ווייט־ווייט, ווי ער זאָל זיך וועלן אין עפּעס ווייטס דערמאָנען. די לעוואָנגע האָט אים זיינע לאַנגע ווייסע האָר און באָרד מיט אַ זילבער־ליכט אָפּגעגאָסן און אַ פאַנטאַסטיש אויסזען אים צוגעגעבן.

איינער האָט דערווייל דאָס פייער צורעכט געמאַכט, אויפלייגנדיק נאָך אַ שטיק האָלץ, אַנדערע האָבן פאַררויכערט גראָבע ציגאַרן, שטאַרק געצויגן דעם רויך און געשפּיגן.

מיט אַ מעלאַנכאָלישער שטימע האָט דאָן אַנסטאַסיאָ אָנגעהויבן זיין ליד, פול מיט בענקשאַפט און ווייטיק. און געזונגען האָט ער פון זיין יוגנט וואָס איז פאַרשוואונדן און קומט שוין מער נישט צוריק, פון זיין „טשינאַ" וואָס האָט אים פאַרלאָזט אין זיין עלנט און פון דער ברייטער, פרייער פּאַמפּאַ, וועלכע איז שוין נישט מער דאָס, וואָס געווען . . . און נאָך יעדן פערז, וואָס ער האָט פאַרענדיקט, בייגט ער זיך אַריבער צו זיין גיטאַרע און, אַרומיאָגנדיק זיך מיט די פינגער איבער די סטרונעס, רופט ער פון דאָרט אַרויס אַזעלכע שטילע טענער, ענלעכע צו שטילע זיפצן און קרעכצן . . .

ווען דאָן אַנאַסטאַסיאָ האָט געענדיקט, האָבן אַלע בייוועזנדיקע אויסגעבראָכן מיט אַ שטורמישן, באַגייסטערטן אויסגעשריי:

— או־א־אַ! דאָן אַנאַסטאַסיאָ! — — — — — — — — — — — — —

— —

אין אַ מאָמענט, ווען אַלץ אַרום איז געבליבן שטיל, האָט עס פּלוצעם אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אַ רוף־געטאָן אין אַ צווייטער זייט, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ געזאַנג, ענלעך צו אַ יאָמערן און אַ האַרצרייסנדיקן געוויין.

נישט ווייט פון זיי, איז געלעגן אויף דער ערד אויסגעצויגן, מיטן פּאָנעם אַרויפצו, צום הימל געווענדעט, כאַים דער „גרינגאָ" און געזונגען מיט ווערטער וואָס דריקן אויס עלנט, איינזאַמקייט און בענקשאַפט, ווי מ'זינגט אין זיין אַלטער היים, צווישן די בערג, אין דער בעסאַראַביע. די ווערטער

האָבן די „קריאַזשאַס" נישט פאַרשטאַנען, אָבער די טענער האָבן זיי פאַר־כאַפּט, ערנסטע און פאַרטראַכטע זיינען זיי געבליבן זיצן און די אויגן פון יענעם פלאַץ נישט אָפּגעריסן און, ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע ווי מיט איין קאָל, באַגייסטערט אויסגערופן:

— או־א־א־א, גרינגאָ!

כאַים האָט זיך פון דעם אויסגעשריי ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, זיך האַסטיק אויפגעזעצט און מיט צעשראָקענע אויגן באַטראַכט וואָס ס'איז געשען. זיין פּאָנעם, באַלויכטן פון דער לעוואָנע, האָט נאָך בלאַסער אויס־געזען ווי אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און צוריק זיך אַוועקגעלייגט.

באַלד נאָך כאַימס אָנקומען קיין אַרגענטינע האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט אים אָפּגעשניטן פון זיין היים, וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיין כאַנען מיט צוויי קינדערלעך. ער האָט אַפילע עטלעכע בריוו זיי אַוועקגעשיקט, אָבער נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער נאָר אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן און פלעגט אַרומגיין ווי אַ פאַרכאַלעמ־טער.

ווינטער, באַם אַקערן, זיצנדיק אַפן פלוג — די פערד גייען זיך טריט באַ טריט, די קעפּ געשטרעקט אַף פאָרויס, די פּאַסטראָנקעס אָנגעצויגן, ווי סטרונעס, דער פלוג גליטשט זיך נאָך פון הינטן, מיט אַ קיילעכדיקן שאַרפן מעסער שניידט ער אָפּ אין דער לענג אַ פּאַס ערד — פלעגט כאַים, אַ פאַר־טיפטער אין מאַכשאָוועס, נעמען אונטערברומען אַ ניגנדל, טכילעס שטיל, איינגעהאַלטן, אין זיך, נאָר וואָס אַ מאָל העכער און שטאַרקער, ביז עס האָט זיך צעטראָגן איבער די פעלדער אַ געוואַלדיקער ווײ־געשריי, וואָס האָט אָפּ־געקלונגען אינעם נאָענטן וועלדל, פון וואַנען ס'איז באַלד צוריקגעקומען דאָס ווידערקאָל און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט כאַימס געזאַנג.

און אין דער ערד באַהאַלטן רוקט זיך נאָך אַ גרויס, שפּיציק, שאַרף מעסער און צוזאַמען מיטן אייבערשטן מעסער שניידן זיי זיך ביידע איין נעבן איבער אַ סקירדע ערד צו דער האַלב־אויסגעבויגענער, גלאַנציקער און ברייטער פּאַליצע, וועלכע נעמט איבער די סקירדע אַף אירע הענט און קערט

דאָס איבער מיט דער שוואַרצער, פּייכטער זייט אַף אַרויף, אַרויפשיטנדיק עס צו דער שוין פון פריער אויסגעאַקערטער ערד.

אַף דער נאָר־וואָס־פריש־געעפנטער ערד גייען נאָך שוואַרצע און ווייסע פייגל, קלייבן אויף די ווערעם וואָס דער פלוג האָט זייער היים צעשטערט און איניקע, אַף צווייען צעשניטן, דרייען זיך, קאָרטשען זיך, ביז ס׳קומט צו איינער פון די פייגל און פאַרשלינגט זיי...

אין אַזעלכע מינוטן פילט זיך כאַים נאָענט צו זיינע ליבע, דריקט זיי צום האַרצן, קושט זיי, דערציילט זיי, אין האַרצרייסנדיקע טענער, ווי ער בענקט נאָך זיי...

און די פערד גייען אַלץ טריט בײַ טריט, פאָרשקען מיט די פּיסקעס, שאָקלען מיט די קעפּ, דראַפּען מיט די עקן, ביז זיי קומען צו אין עק פעלד, וואו מ׳דאַרף זיך אויסדרייען. דעמאָלט כאַפּט זיך כאַים אויף ווי פון שלאָף, ווישט אויס די אויגן און דאָס גאַנצע פּאָנעם וואָס איז מיט טרערן באַגאָסן.

זומער, באַם דרעשן — אַרבעטער וואַרפן סנאָפּעס ווייץ, פון די סטויגן אין דער דרעש־מאַשין, צוויי שטייען אויבן, כאַפּן אויף די סנאָפּעס, צע־שניידן די שטריקלעך מיט וועלכע זיי זיינען געבונדן און וואַרפן זיי איינ־ציקווייז אין גרויסן מויל מיט די שאַרפע ציין און די ציין כאַפּן זיי אויף, צעקייען זיי און שלינגען זיי אַראָפּ, פלעגט כאַים זיך אונטערזינגען אין זיין אַרבעט. די אַרבעטער וואַרפן אַלץ נייע סנאָפּעס, דאָס מויל האַלט אין איין פאַרשלינגען, קאָן נישט זאַט ווערן, ווי אַן אומגעהויער־גרויסע כאַיע, און דערביי הערט זי נישט אויף צו ברומען:

— או ־ און ־ או! — ברומט זי מיט אַ באַסאָווער, איינטאָניקער, מאָ־נאָטאָנער שטימע — או ־ או או!...

נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך אין איר שטימע אַ קרעכץ: די אַר־בעטער האָבן אַריינגעוואָרפן אין גרויסן מויל עפּעס אַ זאַך וואָס איז נישט פאַר איר גומען; גיט זי אַ קרעכץ, ווי זי זאָל זיך מיט עפּעס ווערגן, און ווידער נעמט זי ברומען אַף איר געוויינלעכער באַסאָווער, מאָנאָטאָנער שטימע:

— או ־ או־ ־או!...

אויך היינט, ליגנדיק אַפן גראָז, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע אַרבעטער, כאַטש זייער מיד, האָט ער בעשומויפן נישט געקאָנט איינשלאָפן, איז געלעגן מיטן פּאָנעם אַרויף, געקוקט אַף דער לעוואָנע, אַ; די שטערן און גע־טראַכט: דאַכט זיך די זעלביקע, וואָס ער פלעגט זען אַמאָל, זיצנדיק מיט זיין כאַנען שפּעט אין אָוונט.

— ווער ווייס — טראַכט ער ווייטער — צי קוקט נישט אין דער זעל־ביקער צייט אויך זיין כאַנע, זיינע קינדערלעך, אַף די זעלביקע שטערן, אַף דער זעלביקער לעוואָנע? און אַזוי, קוקנדיק אַף דער לעוואָנע, דאַכט זיך אים, אַז ער זעט דאָרט זיין כאַנעס געזיכט, אַ בלייכע מיט טרערן אין די אויגן, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט; איין קינד האַלט זי אַף די הענט, דאָס עלטערע טוליעט זיך צו איר און זי קוקט אַף אים מיט אַזאַ בעטנדיקן בליק, אַז עס פאַרקלעמט אים באַם האַרצן און טרערן ווערגן אים אין האַלדז.

אין דעם מאָמענט האָט דאָן אַנאַסטאַסיאַ פאַרענדיקט זיין ליד. אַרום איז געווען שטיל. אין דער לופט האָט נאָך געפלאַטערט דער אָפּקלאַנג פון דעם נאַר־וואָס־געענדיקטן מעלאַנכאָלישן זינגען און כאַים, אַליין נישט באַ־מערקנדיק, האָט אַף זיין שטיינער גענומען פאַרזעצן דאָס ליד, פון וועלכן די אַרבעטער זיינען אַזוי אַנטציקט געוואָרן און אים אויפגעוועקט מיט זייע־רע באַגייסטערטע אויסגעשרייען:

— או ־ אַ ־ אַ־ אַ ־ אַ! גרינגאַ!...

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט כאַים נישט געקאָנט איינשלאָפן. ערשט פאַרטאָג, ווען דער הייצער האָט גענומען הייצן דעם מאָטאָר און דער וואַ־סערפירער האָט געשפּאַנט די פערד צו ברענגען וואַסער, איז ער איינגע־שלאָפן.

באַלד האָט זיך אָבער געלאָזט הערן אַ לאַנגער פייף, וואָס האָט געוועקט די אַרבעטער צו דער אַרבעט. די שטערן האָבן זיך גענומען לעשן. די לע־וואָנע האָט זיך שטאַרק אַראָפּגערוקט צום וואַלד צו, האָט אויסגעזען פיל בלייכער ווי אין אָוונט. פון מיזרעך־זייט האָט זיך געזען אַ ווייסער פּאַס.

די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעהויבן, איינגעוואַשן און געגאַנגען צו דער אַרבעט.

אפן באפעל פון קאפאטאס האט כאים היינט געארבעט אף דער מאשין, געוואָרפן די סנאָפּעס אין גרויסן מויל אריין, טראכטנדיק איצט מער ווי אלע מאל אין זיינע אייגענע.

א נישט־צעשניטענער סנאָפּ איז אריין. די מאשין האט געגעבן א קרעכץ. בא כאימען האט זיך אפּגעריסן אין הארצן. פאר די אויגן האט אים געגומען שווינדלען. דער קאָפּ האט זיך אים פארדרייט. כאים האט זיך אין עפּעס פארטשעפּעט און אומגעפאלן. א צאָן האט אים פארכאַפּט און אים אריינגעשלעפּט אין גרויסן מויל. די ציין האבן אים צעקייט און אראָפּגע־שלונגען. ——————————————————

די מאשין האט געגעבן א שטארקן קרעכץ.

א שטארקער „אוי" האט זיך מיטאמאל ארויסגעריסן פון אלעמענס הערצער.

עמעצער האט דעם גרויסן פּאַס אראָפּגעוואָרפן, די מאשין אָפּצושטעלן, זי האט אָבער נאָך א ווײַלע געארבעט.

ארום איז געווען שטיל. אין דער לופט האט נאָר געפלאטערט דער נאָר־וואָס אויסגעשריגענער „אוי"! באגלייט פון דער מאשינס באַסאָווער, מאָנאָטאָנער, קלאָגנדיקער שטימע:

או - או - או - או!...

צווישן מעכוטאָנים

— מעכוטן! וואָס וועט זיין מיטן לאָשעק?

— מיט וואָס פאַר אַ לאָשעק?

— אייער לאָשעק!

— מיין לאָשעק?

— וואָס דען, מיין לאָשעק?

— וואָס זאָל זיין? דער לאָשעק וועט מערצעשעם זיין אַ פערד.

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר די בסורע. נו, בין איך עס עפּעס מע־כויעוו צו האַלטן אייער לאָשעק בא מיר אין פּאַטרעראָ ביז ער וועט ווערן אַ פערד? האָ?

אָט אַזוי האָבן זיך ביידע מעכוטאָנים דורכגעשמועסט, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט אַפן וועג פּאַרנדיק.

— וואָס שייעך? — ענטפערט דער מעכוטן כאַים־איציק — דער לאָ־שעק גייט דאָך נישט אַרום בא קיין פרעמדן, נאָר באַם מעכוטן און בא מיין איידעם...

דאָס פאַרדריסט שוין דעם מעכוטן שאָלעם־מאיר און ער צעשרייט זיך אַפן קאָל:

— בא אייער איידעם? אייער איידעם איז בא מיר נישט קיין באַלע־באָס! איך בין אַ טאַטע! איך לעב נאָך! אִ י ך בין דער קאָלאָניסט און נישט ער. איך וועל אים אַרויסטרייבן מיטן לאָשעק...

דאָס האָט שוין גאָר אַריינגעבראַכט אין קאַס דעם מעכוטן כאַים־אי־ציק; ער האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר געגעבן דעם פערד אַ שטאַרקן שמיץ מיט דער בייטש. און דאָס פערד איז, ווייזט אויס, אויך געוואָרן אין

קאס, האט געגעבן א שפרונג, מיטאמאל א כאפ געטאן די סולקי און איז אוועק.

דערויף האט אים אפגעענטפערט צוריק דער מעכוטן שאָלעם־מייער אויך גיט א שמיץ זיין שקאפע פון סולקי; דער שקאפע זיינער האט, ווייזט אויס, אויך פארדראסן, ווייל באלד האט זי א הייב געטאן דעם הינטער־כיי־לעק, געוואלט א דריגע טאן מיט די הינטערשטע פיס, זיך אבער באלד מעיאשעוו געווען און דאס געלאזט אף א צווייטן מאל, האט נאר געדרייט מיטן עק אהין און צוריק אף „גיך", און די סולקי האט גערירט פון ארט.

דאס איז געווען צווי באדאשים נאכדעם, וואס כאים־איציק האט כא־סענע געמאכט א טאכטער פאר שאָלעם־מייערס א זון, וועלכער האט געאר־בעט צוזאמען מיטן פאטער אף איין טשאקרע. כאים־איציק מיט דער פרוי זיינען זיך דורכגעפארן צו די קינדער.

ווי אף צעלאכעס האט ער זיך דעם טאג נישט געקאנט צוקלייבן קיין פערד צו שפאנען אין סולקי: דער — איז א שרעקעדיקער, דער סאינא — איז קרום געווארן אף א פוס, באם אווערא האבן די קי אין פאטרערא אפגעקיים דעם גאנצן עק, אזוי אז מ'האט זיך מאמעש נישט געקאנט ווייזן מיט אים צווישן מענטשן... איז דער גוירל געפאלן אף דער באראסאַ־שקאפע מיטן לאשעקל.

דעם גאנצן וועג האבן זיי געהאט א שיין ביסל אויסצושטיין פון אט דעם לאשעקל. אלע מאל האט זיך עס אפגעשטעלט, דא — כאפן א לעק, א גרין גרעזל וואס מ'טרעפט זעלטן בא זיי אין פאטרערא, אדער גאר זיך אפ־שטעלן און פארקוקן זיך אף יענער זייט דראטענעם צוים וואס באם וועג וואו ס'האבן זיך געפאשעט שקאפעס מיט לאשעקלעך. אט האט עס דערזען אן אויסגעצויגן העלדזל אף יענער זייט, איז עס צוגעגאנגען נאענט צום פלויט, געגעבן א הירזשע און זיך צונויפגערעדט מיט יענע פון פאטרערא, וועלכע זיינען צוגעקומען נאענטער צו באגריסן זיך, הייבנדיק פאדערשטע פיסלעך, דורכקוקנדיק זיי דורך די דראטן; און באלד קומען צולויפן שקא־פעס, פערד, נעמען אויף דעם גאסט און לאזן עס נישט ווייטער גיין.

ווער וויים, ביז ווען זיי וואלטן אזוי זיך געשפילט, ווען כאים־איציק גיט זיך נישט א כאפ באצייטנס, שטעלט אפ די שקאפע און אליין שטעלט

ער זיך אויף אין דער סולקי מיטן פּאָנעם אַף אַהינטער און הייבט אָן צו רופן אַף אַ קול:

— סיאָק - סיאָק - סיאָק!

די שקאַפּע האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען ווען וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זי אויך גענומען רופן, הירזשען און קוקן אַף אַהינטער.

באַלד האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי אַ וואָלקן־שטויב הייבט זיך אין דער לופט און וואָס אַ מאָל קומט ער אַלץ נאָענטער און נאָענטער, און ווען ער איז שוין גאָר נאָענט צוגעקומען, איז פון דאָרט אַרויס דאָס לאָשעקל און מיט אימפּעט און מיט אַ הירזשען צו צו דער מוטער.

נאָר בײַ יעדער טויער, וואו מ'איז דורכגעפאָרן, האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלביקע. דער לאָשעק האָט נישט געקאָנט טרעפן אין טויער, נאָר טאָמיד אין דער זייט, און ווייל עס פלעגט זיך אָנשלאָגן אין די דראָטן, פלעגט עס אַנטלויפן, זיך אומקערן, און ווייטער לויפן אין דער צווייטער זייט.

כאַים־איציק שרייט „סיאָק - סיאָק", די שקאַפּע הירזשעט, ביז מיט צאָרעס טרעפט עס אין טויער.

אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט ביז מ'איז אָנגעקומען צום מעכוטן שאָלעם־מייער, אַף דער גרופּע, וואו די קינדער וואוינען.

דערזען די געסט, לויפט דער איידעם עפענען דעם טויער, די טאָכטער צעקושט זיך מיט דער מאַמען, און כאַים־איציק דערציילט וואָס פאַר אַ צאַרעס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון אָט דעם לאָשעק.

— ווער פאָרט עס מיט אַ לאָשעק? — באַמערקט דער איידעם — און כוץ דעם וואָלט מען שוין געמעגט אַזאַ לאָשעק אַנטוואוינען.

און ווען כאַים־איציק איז נאָך שאַבעס אַהיימגעפאָרן, איז דער לאָשעק דאָרט פאַרבליבן.

טכילעס איז אים, דעם לאָשעק, אויסגעקומען אַ ביסל פריקרע. ער איז אַרומגעלאָפן אין פּאַטרעראָ און געהאָלטן אין איין הירזשען, גאַנצע דריי טעג נישט געגעסן, נישט געטרונקען, געוואָרן ווי אַ שטעקן. אים איז נישט איינגעגאַנגען די גאַנצע פריילעכע כאַליאַסטרע מיט לאָשעקעס, וואָס האָבן גרערע געוואָלט מיט אים שליסן גוטברודערשאַפט. נאָר ביסלעכווייז האָט

ער זיך צוגעוואוינט, געגומען עסן, טרינקען ,און מיט דער צייט אינגאנצן פארגעסן אין דער מאמען.

אויך די באראסא־שקאפע, וואס האט מכילעם שטארק געבענקט נאכן זון, האט פארגעסן און זיך געטרייסט מיט אן אנדער לאשעקל.

און... אויך כאים־איציק האט גאר פארגעסן אז ער האט ערגעץ גע־לאזט א לאשעקל.

נאר דער מעכוטן שאלעם־מייער האט נישט פארגעסן און האט גע־ציילט די טעג וואס דער לאשעק גייט ארום בא אים אין פאטרערא. ווער שמועסט נאך איצט, נאך דער באגעגניש, וואס ער האט געהאט מיטן מעכוטן כאים־איציק, איז ער גאר געווארן אנגעצונדן און אנשטאט צו פארן אהיים, האט ער פארקערעוועט גלייך אין שטעטל צום אלקאלדע, אים דערציילט ,אז בא אים אין פאטרערא גייט ארום כאים־איציקס א לא־שעקל, שוין א יאר מיט זעקס כאדאשים ,און ער מאנט פאר פאשע פאר דער גאנצער צייט. דערביי האט ער אים עפעס א שעפטשע געטאן אין אויער...

דער אלקאלדע, דערהערט אזא מאיסע... האט ער באלד זיך גענומען צו דער ארבעט ,פארשריבן גאנצע בויגנס פאפיר ,דאס ערשטע האט ער פארשריבן דעם טאג און די שא ווען שאלעם־מייער האט זיך צו אים בא־וויזן ,וויפל יאר ער איז אלט און צי האט ער א ווייב, צי נישט, און וואו ער וואוינט ,נאכדעם קומט ערשט דער לאשעק, זיין עלטער, קאליר, די גרויס, אא״וו. נאכער שרייבט ער אוועק א בריוול צו כאים־איציקן ווענגן דער גאנצער מאיסע און לאזט אויס מיט די ווערטער: לעמאנע שעם, טיי־קעף אומעיאד, ברענגען דאס געלט, ווען נישט, איז דער לאשעק, באלילע אין געפאר...

דערהאלטן אזא בריוול, איז כאים־איציק געווארן א פארציטערטער. „סטייטש״? איז ער זיך מעיאשעוו און פארט אויך אוועק אין דעם איי־גענעם שטעטל גלייך צום קאמיסאר, דערציילט אים אזוי און אזוי, אזוי ווי בא אים איז פארלוירן געגאנגען אזא און אזא לאשעק, שוין א כעשבן פון א יאר מיט זעקס כאדאשים און ער האט נישט געוואוסט ,וואו זיין געביין איז אהינגעקומען ,ווי אין וואסער אריין, נאר איצט איז ער גראדע גע־זוואויר געווארן, אז ער געפינט זיך בא שאלעם־מייערן אין פאטרערא...

דערבײַ האָט ער דעם קאָמיסאַר אײַנגערוימט אַ סאָד אין אויער...

דער קאָמיסאַר ,דערהערט אַזאַ מאַיסע, איז געוואָרן אָנגעצונדן... און אָוועקגעשיקט אַ ווייזשילאַנט צו שאָלעם־מייערן, ער זאָל באַלד, די מינוט, קומען מיטן לאָשעק.

מיילע, שאָלעם־מייער איז באַלד געקומען, נאָר דער לאָשעק ,איז אַ שטיק ווילדער, האָט זיך אויסגעלאַכט פונעם קאָמיסאַר מיטן ווייזשילאַנט, האָט אַפילע אין קאַראַל נישט געוואָלט אַרייַנגיין, האָט פאַרהייבן דעם עק און אויסגעשאָסן אין פולן גאַלאָפּ איבער דער פּאָטרעראָ.

דערהערנדיק פונעם קאָמיסאַר ווענן וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז שאָלעם־מייער באַלד אַוועק צום אַלקאַלדע ,דער אַלקאַלדע — צום קאָמיסאַר, דער קאָמיסאַר — צו כאַים־איציקן, כאַים־איציק — ווידער צום קאָמיסאַר, דער קאָמיסאַר — צום אַלקאַלדע, און דער אַלקאַלדע — צו שאָלעם־מייערן, און אַזוי עטלעכע מאָל אַהין און צוריק...

כאַים־איציק האָט געטײַנעט: ס'זאָל אים אַפילע קאָסטן דער גאַנצער לאָשעק, מוז ער אים אָנלערנען...

דאָס אייגענע האָט אויך געטײַנעט שאָלעם־מייער: ס'זאָל אים אַפילע קאָסטן ווער ווייס וויפל, מוז ער „אים" ווייזן ווער עלטער איז...

און, ווער ווייס וואו די זאַך וואָלט געווען אָנגעשפּאַרט ,ווען ס'זאָל זיך נישט געווען מאַכן אַט וואָס: מען האָט כאַים־איציקן אָנגעזאָגט די בשו־רע אַז די טאָכטער האָט צו מאַזל געבוירן אַ יינגל; האָט מען פאַרגעסן די געשיכטע מיטן לאָשעק ,און אַוועק צו די קינדער.

דערווייל איז דער קאָמיסאַר מיטן אַלקאַלדע ,וועלכע האָבן נישט גע־וואָלט אײַנרייסן צווישן זיך, געקומען צו שאָלעם־מייערן ווענן אַן אויספּרע־גניש אַרום דער לאָדעניש.

שאָלעם־מייער האָט דערזען באַ זיך אַזעלכע געסט, האָט ער זיי אַרייַנ־געבעטן אין שטוב און זיי מעכאַבעד געווען, געשטעלט אַ פלאַש בראָנפן צום טיש, מיט פאַרבייסעכטס. מ'האָט גענומען צו ביסלעך, צוליב די געסט. אויך שאָלעם־מייער, האָט אַלעמאָל פאַרזוכט, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסזען דער דנאָ, האָט מען געבראַכט אַ צווייטע פלאַש... די אויגן זײַנען בײַ זיי געוואָרן קלענער, פאַרגאָסן, די צונג האָט זיך קוים געפּלאָנ־

טערט, דער קאָמיסאַר מיטן אַלקאַלדע האָבן שטאַרק געלויבט דעם בראָנפּן, שאָלעם־מייערן און אַלע יידן:

— „מוי בוענא כענטע"... זייער ליטישע מענטשן, די יידן...

און ווידער גענומען צו ביסלעך...

אין דער צייט איז כאַים־איציק מיט דער פרוי אָנגעקומען.

פון דער שטוב האָבן זיך קוים מיט צאָרעס ארויסגעשארט, פריער שאָלעם־מייער, וואָס איז שוין געווען גאָר בעגילופן, נאָכער דער קאָמיסאַר מיטן אַלקאַלדע, וועלכע האָבן זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן. זיי האָבן אריינגענומען כאַים־איציקן אינדערמיט און אריין אין שטוב, און אָנגעהויבן פונסניי ,ווידער גענומען צו ביסלעך, און זיך געוואונטשן אַל־דאָס גוטס...

שאָלעם־מייער מיט כאַים־איציקן האָבן זיך איבערגעבעטן, האָבן באַשלאָסן אַז דעם לאָשעס זאָל מען אוועקשענקען דעם אייניקל, דעם נאָר וואָס ניי־געבוירענעם קאָלאָניסט. דער קאָמיסאַר מיטן אַלקאַלדע האָבן אויך מאסקים געווען, און ווידער גענומען צו ביסלעך...

שאָלעם־מייער מיט כאַים־איציקן האָבן גערעדט נאָר שפּאַניש, צוליב די געסט ,דער קאָמיסאַר מיטן אַלקאַלדע האָבן נאָר גערעדט יידיש...

— א גוטע קאָסעמשע...

— א שיינע מיידעלע... הע־הע־הע...

אַ גוט - אויג

ווען דוואוירע־גיטל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז נאָך געווען ווייט צו טאָג, זי האָט מער נישט געקענט שלאָפן ווייסנדיק, אַז ס'איז היינט פרייטיק און די טעג זיינען אַזוי קורץ; האָט זי שטיל, אָן ראַש זיך אָנגעטאָן ,אויפגעהויבן דעם פאָרהענגל פון פענצטער, אַ קוק געטאָן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין און בא זיך געקלערט:

— ס'איז נאָך פרי ,זאָל ער שלאָפן, אַרבעט נעבעך אַ גאַנצן טאָג, איך וועל דערווייל מאַכן פייער. זי האָט זיך שטיל פון צימער אַרויסגערוקט און אַריין אין קיך, אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, אָפּגעגאָסן די נעגל, געמאַכט פייער מיט שפּענדלעך און אַ גרויסע קיילע מיט וואַסער אָפן פייער צוגעשטעלט, געכאַפּט אַ קוק צו דער ראָשטשינע.

— קיין בייז אויג... אַ פולער מולטער — האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן — פו, פו, פו. ס'זאָל כאָטש סטייען מעל.

און אַ קוק טוענדיק אין זאַק, וואָס איז געשטאַנען אף אַ קעסטל פון גאַז נעבן דער טיר, האָט זי צוגעגעבן:

— מ'וועט מוזן ערגעץ לייען אַ צוויי בלעכלעך מעל. ס'וועט נישט זיין מיט וואָס איבערצומאַכן...

ווען דער גרויסער טשייניק האָט אויפגעקאָכט, האָט דוואוירע־גיטל געמאַכט אַ מאַטע און געגאַנגען אויפוועקן דעם מאַן.

— שלאָ־פ־סט? — איז דוואוירע־גיטל אַריינגעקומען אין שלאָף־צימער.

— הא, וואָס? — האָט זיך כאַים־דאָוויד אויפגעכאַפּט און זיך גענומען קראַצן אין דער באָרד.

— מיר דאכט, אז דו וועסט זיך מוזן מאטריעך־זיין און אריבערגיין אף יענער זייט בארגן א צוויי בלעבלעך מעל. ס'וועט נישט סטייען צום באַ־קן. קיין איינאָרע, א גרויסע ראָשטשינע...

כאים־דאָוויד איז, ווייזט אויס, נישט געווען זייער צופרידן פון דעם שטיקל ארבעט, האָט ער זיך פארקרימט, אויסגעצויגן די הענט אף אלע זייטן און צולעצט האָט ער זיי אויסגעשטרעקט צו דוואוירע־גיטלען — זי געוואָלט ארומנעמען.

דוואוירע־גיטל האָט לייכט אָפגעשטופט די הענט און מיט א שמייכל אף די ליפן געזאָגט:

— גיי שוין, גיי!... וואָס דיר ליגט אין זינען... מ'דארף באלד איינהייצן, די ראָשטשינע רייסט, קיין בייז אויג...

כאים־דאָוויד האָט זיך אָנגעטאָן, אָפגעטרונקען א פאָר מאטעס און איז ארויס זען, צי איז נאָך ווייט צו טאָג.

אין דרויסן האָט געבלאָזן א קיל, פריש ווינטעלע. דער מאָרגנשטערן איז נאָך נישט געווען אויפגעגאנגען. אין די קאָלאָניסטישע הייזער האָבן געגלאנצט קליינע פייערלעך. דורך די קליינע שייבלעך האָבן זיי געקוקט אין דער פינצטערער נאכט אריין.

פון דער „קינטע" האָט זיך דערהערט דער „ברום־ברום" פון די פערד, וואָס האָבן זיך געפאשעט אפן האָבער. די קי אין „קאָראל", דערזעענדיק כאים־דאָווידן ארומגיין, האָבן געמיינט אז עס טאָגט שוין, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, אויסגעצויגן איין פוס, נאָכער די צווייטע, אויסגעדרייט די קעפ צו דער „טשיקערא", וואו עס זיינען געשטאנען די קעלבלעך און שטיל געמרוקעט. די קעלבלעך האָבן זיך נאָכמער גענומען שטופן דורך די געדיכטע דראָטן, געמעקעט, געקוקט מיט זשעדנע אויגן אף די פולע אייטערס מיט מילך און זיך באָלעקט.

און ווען אין מיזרעך־זייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באווייזן די ערשטע סימאָנים פון טאָג, האָט כאים־דאָוויד אויסגעזוכט א ליידיקע בלעך פון גאז, מיט א הענטל פון דראָט געמאכט, און זיך געלאָזט גיין צו זאַלמענען לייען מעל.

אויך בײַ זאַלמענען איז מען היינט אויפגעשטאַנען פֿאַרטאָג. ערשטנס, ווײַל ס'איז פֿרײַטיק, צווייטנס, ליגט די שנור אין קימפּעט און די גאַנצע אַרבעט פֿאַלט אויף דער אַלטער, זאַלמענס מוטער, שוין אַן אַלטער מענטש. לויפֿט זי פֿון קיך אין שלאָפֿצימער און צוריק, כאַפּט אַ קוק אין אויוון:

— ס'ברענט קיין אײַנהאָרע, מ'וועט דאַרפֿן באַלד אויסשאַרן ... די ראָשטשינע רייסט, קיין בייז אויג ... און דאָ דאַרף מען צוגרייטן די באָד צו באָדן דאָס קינד, קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, ריבוינע שעל אוילעם ... אַ בריליאַנט דאָס איז ... מיר פֿאַר זײַנע ביינדעלעך ... און זי, נעבעך ,ווי איז מיר, ליגט פֿאַרשמאַכט, האָט נאָך היינט אין איר מויל נישט געהאַט ...

ווען כאַים־דאָוויד מיט דער בלעך איז אָנגעקומען צו זאַלמענען אין שטוב, איז זאַלמען געווען ערגעץ אוועקגעפֿאָרן צו די בעהיימעס און די אַלטע איז גראָד אין דער צייט געווען אין קיך. אַרײַנגעקומען אין ערשטן צימער, געזען אַז קיינער איז נישטאָ, איז ער אַרײַן אין צווייטן און, אַז ער האָט דערזען, וואוהין ער איז פֿאַרקראָכן ,האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איך ... האָב געוואָלט ... מײַנע האָט מיך געשיקט ...

— נײַט, זײַט מויכל ,אין קיך צו דער שוויגער — האָט די קימפּעטאָרן שוואַך אַרויסגערעדט.

כאַים־דאָוויד האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער אָפּגעטראָגן אין קיך, האָט אים די אַלטע אָפּגעמאָסטן פֿינף בלעכלעך מעל אין זײַן גרויסער בלעך אַרײַן און ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים דורך דער פֿאַטערע.

— וועסט עפּעס טרינקען? — האָט די אַלטע אַרײַנקומענדיק אין שלאָפֿצימער אַ פֿרעג געטאָן, און אַ קוק־טוענדיק אויף דער קימפּעטאָרן ,איז איר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן — עפּעס פֿלאַמט בײַ איר די לינקע באַק, אַזש אַ שרעק ...

— האָסט, דאַכט זיך, היץ! — האָט זי ווייטער געפּאָרשט און, צורייגנדיק די האַנט צום שטערן, האָט זי גענומען אָפּשפּרעכן פֿון אַ גוט־אויג ,עטלעכע מאָל אויסגעשפּיגן און שטאַרק געגענעצט ...

— ניין, ס'איז גאָרנישט! — האָט די שנור געשמייכלט און גענומען זופּן די טיי.

— ס'גאָר נישט? האַלעוויי זאָל גאָרנישט זיין און ס'זאָל אויסגיין צו זיין קאָפּ, הענט־און־פיס, לייב־און־לעבן, טאַטע זיסער!... דאָס האָט ער, כאַים־דאָוויד... יאָ... נאָר ער האָט עס דיר אַ גוט אויג געגעבן... די אויגן זאָלן אים אַרויס ריבוינע שעל אוילעם!...

די אַלטע האָט גענומען לויפן איבערן צימער הין־און־צוריק — נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. וואָלט כאָטש זאַלמען געווען ,וואָלט זי שוין גע־וואוסט וואָס צו טאָן. איז ער אָבער נישטאָ.

ווען זאַלמען איז שפּעטער אָנגעקומען, רייטנדיק אַף אַ פערד, און נאָך איידער ער איז אין טויער אַריינגעפאָרן, איז אים די אַלטע אַנטקעגנ־געלאָפן און אין איין אָטעם ,אים אַלץ דערציילט, אויסלאָזנדיק אַז דאָס איז נאָר כאַים־דאָווידס אַרבעט.

— אַרבעטן זאָל ער מיט די זייטן, טאַטע זיסער... אַ ייד זאָל עס האָבן אַזוינע אויגן... וואַרט, וואַרט! גיי נישט אַראָפּ, וועל איך דיר ברענגען דאָס שערעלע... ער דאַרף נאָך זיין נישט וויט... וועסט אַ לויף טאָן ,און נעמען באַ אים אַ ביסל האָר, אַ טייערע רעפוּע... לויף מיין זון ,לויף געשווינד, די צייט שטייט נישט און, וואָס פריער מ'פאַר־כאַפּט, איז בעסער...

— אָבער, מאַמע... וואָס איז איר? דערצייל, וואָס איז געשען! — האָט זיך זאַלמען געבעטן.

— פרעג נישט! — האָט די אַלטע געגעבן אַ קוויטש — לויף, זאָג איך דיר!

און טרערן האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן.

זאַלמען איז געבליבן זיצן אַפן פערד ווי אַ צעמישטער און נישט גע־וואוסט וואָס צו טאָן; די אַלטע האָט אים דערלאַנגט דאָס שערעלע און ער איז אַוועק איבער דער פּאָטעראָ אין פולן גאַלאָפּ.

ס'איז שוין געווען ווייסער טאָג ,ווען כאַים־דאָוויד מיט דער בלעך מעל האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, האָט אויסגעזען ווי דער שמייכל פון אַ קינד און אַף וואָס אַ שטראַל איז געפאַלן, האָט עס אָפּגעענטפערט מיטן זעלביקן שמייכל. דאָס גאַנצע פעלד האָט דערוואַרטעט דאָס גרויסע געשעעניש פון טאָג.

כאַים־דאַוויד ,גייענדיק איבערן פעלד, באַטראַכט די בעהיימעס, זיין האָב־און־גוטס, און מאַכט אַ כעשבן ,אַז געלט קומט אַריין ווייניק און כוי־וועס וואַקסן, נאָר ווידער טראַכט ער ,אַז מ׳טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד, ס׳איז דאָ נאָך ערגערס, דאַרף מען זיין צופרידן און דאַנקען און לויבן זיין ליבן נאָמען. כאַים־דאַוויד שטעלט אַוועק די בלעך מיט מעל, וואַשט זיך די הענט, אַ רייבטוענדיק זיי אין דער ראָסע פון גראָז, מאַכט אַ פרומע מי־נע און הייבט אָן צו דאַוונען „פון פּאַרנט״ אַף אויסווייניק:

— „מה טובו אוהליך יעקב״... — דערזעט ער די קאַלאָניסטישע הייזער צעוואָרפן איבער די פעלדער — ווי גוט זיינען געמאַכט געוואָרן דיי־נע געצעלטן, יאַנקעוו... מישקענויסעכאַ, דיינע רוהונגען, ייסראָעל... צעוואָרפן ,ווייט איינס פונעם אַנדערן, פאַרשפּאַרט מען זיך צו קריגן... וועאַני ,און איך, דיין קנעכט, „ברוב חסדך אבוא ביתך״ — דערזעט ער די שול אינדערמיט פעלד — „אהבתי מעון ביתך״... גענוג ציגל מיט זאַמד זיך אָנגעפּירט פאַר דער שול... צוויי ברעטער אַף בענק אַוועקגע־שטעלט... „ואני תפלתי לך ד׳, נאָר ס׳איז דאָך פון דיינעטוועגן, רב־ש׳ע... באמת ישעך״, וואָלסט טאָקע בעעמעס געמעגט העלפן...

און כאַים־דאַוויד פילט זיך מיטאַמאָל אַזוי גוט, אַזוי אויפגעלייגט, יאָנטעווודיק און באַמערקט אַפילע נישט ווי ס׳גייט באַ אים איבער אין אַ יאָנטעוודיקן ניגון:

— „א־דון עו־לם, א־שר מ־לך״... אָ־אָ־אָ, הא־הא־הא...

און אַזוי זינגט ער אויס דעם גאַנצן „אדון עולם״, ענדיקנדיק: — „ד׳ לי״, גאָט איז מיט מיר... „ולא אירא״... און איך האָב פאַר קיינעם קיין מוירע נישט...

די לעצטע טענער האָבן זיך נאָך געטראָגן אין דער לופט, ווען כאַים־דאַוויד האָט פּלוצעם באַמערקט, ווי עס לויפט עפּעס אַ רייטער, און גלייך אַף אים. אָנפאַנגס האָט ער געמיינט, אַז דאָס לויפט אַ קאָלאָניסטיש ייִנגל אין פּאָטרעראָ, נאָר באַלד האָט ער באַמערקט, ווי דער רייטער מאַכט צו אים עפּעס מיט דער האַנט — איז אים שוין נישט געפעלן... האָט ער שנעל אַ נעם געטאָן די בלעך מיט מעל און גענומען שפּאַנען האַסטיקער.

מיטאַמאָל האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן: ער האָט דייט־

לעך געזעצן באַם רייטער אין דער האַנט עפּעס אַ בליאַסקנדיקס, וואָס האָט געגלאַנצט קעגן דער זון. דאָך האָט ער זיך נאָך נישט פאַרלוירן, האָט אַ וואָרף־געטאָן די בלעך מיט מעל — „אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע!" — און איז געלאָפן אָן אָן אָטעם...

נאָר, ווען ער האָט דערהערט דאָס שנעלע קלאַפּן פון קאָפּיטעס און דאָס סאָפּען און פאָרסקען פונעם פערד שוין גאָר נאָענט הינטער זיך האָט ער זיך שוין גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן, נישט מער געפילט און נישט געהערט, האָט אפילע נישט געהערט, ווען זאַלמען האָט אים נאָכגעשריגן:

— „וואַרט אוים, שטיי, דו, גאַזלען איינער! מערדער! רוויצייעך! דו האָסט זי דערהאַרגעט!"

ער האָט געגעבן אַ פאַל צו דער ערד און געבליבן אין כאַלאָשעס —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מ'ווייס אַד האַיאָם נישט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען: צי ווייל כאַים־דאָוויד האָט נישט לאַנג זיך אָפּגעשוירן ביז צום קאָפּ, און ס'איז דאָך נאַרעש, פון דער באָרד וועט ער קיין האָר נישט געבן, האָט ער זיך געלאָזט אָפּשערן אַ וואָנצע, צי זאַלמען, אין זיין פאַרצווייפלונג, האָט קיין סאַך נישט געטראַכט און די ערשטע און בעסטע וואָנצע, וואָס איז אים צו דער האַנט געקומען, — אַ שערל האָט ער געהאַט — האָט ער אָפּגעשוירן. מ'ווייס נישט. קיינער פון זיי ביידע דערציילט נישט.

מ'דערציילט נאָר, אַז ווען כאַים־דאָוויד איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, איז דוואָוירע־גיטל געוועזן אויסער זיך פון קאָס און איילעניש, דער אויוון איז שוין געוועזן אויסגעברענט, די ראָשמשינע איז שוין אַריבער די ברעגעס פון דער מולטער, שוין לאַנג באַדאַרפט איבערמאַכן, און דאָ האָט געפעלט דאָס מעל; דעריבער, ווען זי האָט אים דערזען אין דער טיר אָן מעל, איז זי אים באַפאַלן, און זיך צעשריען:

וואָס שטייסטו ווי אַ גוילעם? רייד! וואו איז דאָס מעל? קוק אים נאָר אָן, ער לאַכט גאָר! וואָס פאַר אַ געלעכטער אָף דיר ,וואָס?

כאַים־דאָוויד האָט גאָרנישט געענטפערט, איז נאָר מיט געציילטע טריט צוגעגאַנגען צו איר נאָענטער און ערשט דאָ האָט זי דערזען, אַז

ס'איז גאָר קיין געלעבטער נישט — עס פעלט אים אַ גאַנצע וואָנצע, קי־מאַט ביזן לייב אָפּגעשניטן, זעט עס אוים פון ווייטנס, ווי ער זאָל לאַכן...

אויפצומאָרגנס, שאַבעס אינדערפרי, אין שול, ווען מ'האָט זאַלמענען צו דער טוירע אויפגערופן און געמאַכט אַ „מי שברך" דער קימפּעטאָרן, און געבעטן אַ רעפוע פאַר איר „בתוך שאר חולי ישראל", און אַף אַלע־מענס געזיכטער איז אַ טרויער געלעגן, איז כאַים־דאָוויד געשטאַנען מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ, דאָס פּאָנעם בלייך, די אויגן האָבן מיט שרעק און טרויער געקוקט ,נאָר אַ האַלב מויל האָט באַ אים געלאַכט...

פאַרשטערטע שאַבאָסים

שאבעס שטייט אויף די אַלטע דאָברעש פריער ווי אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך. ס'הייבט נאָר אָן צו בליען אין די פענצטער, אַזוי כאַפּט זי זיך אויף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, שעפּטשעט אין דער שטיל „מודה אני", טוט זיך אָן דאָס שאַבעסדיקע טונקל־בלויע קרעטאָנענע קלייד מיט ווייסע פּינטעלעך, אַפּן קאָפּ אַ זיידן טיכל מיט גרויסע געלע בלימעלעך — אַ מאַטאָנע פונעם אייניקל אין שטאָט.

און נישט ווילנדיק כאַפּט זי אַ קוק דורך דער אָפענער טיר אין קיך אַריין, וואו ס'ברענט אַ פייער אַפן פּריפּעטשיק און ס'קאָכט זיך אַ טשייניק מיט וואַסער. רייסט זיך בײַ איר אַרויס אַ שווערער זיפץ:

גוטע צייטן זיך דערלעבט!

דאָברעש כאַפּט אָפּ גיך דעם קאָרבן מינכע אונטערן אָרעם און שאַרט זיך שטיל אַרויס פון דער שטוב.

אין שול אַריין איז אָבער נאָך פרי צו גיין, כאַפּט זי זיך דערווייל אַריין צו אַ שכיינע, אַ כאַווערטע אירע, זעלדע הייסט זי, שוין אויך אַן אַלט מענטש, פירט אַ פיינע באַלעבאַטישקייט, די טשאַקרע איבערגעגעבן די קינדער און ביידע, זי מיטן אַלטן דאַניעלן, דער מאַן אירער, לעבן זיך רויִק און שטיל, אָן ראַש, לעבן פון די בעהיימעס, וואָס זיי מעלקן, און פון אַ שטיקל גאָרטן וואָס זיי מאַכן בײַ דער שטוב.

טרינקט זי שוין דאָרט, דאָברעש, הייסט עס, אַ גלעזל וואַרעמס פונעם טשאָלענט און רעדט זיך אויס אַ ביסל איר ביטער האַרץ:

— פריער, אַז מיינער, זאָל ער האָבן דעם ליכטיקן גאַניידן, האָט געלעבט און איך בין געווען אַ באַלעבאָסטע מיט לייטן גלייך, האָב איך טאַקע

געוואוסט פון אַ לעבן... שאַבעס איז געווען שאַבעס, מ׳האָט האַנאַע גע־האַט, מ׳האָט געוואוסט, אַז מ׳לעבט אַף דער וועלט... איך האָב צו זיי, צו מיינע קינדער, כּאַלילע, גאָרנישט, זיינען זייער שיין יויצע פאַר מיר, נאָר אַז עס קומט דער שאַבעס, קען איך מיר קיין אָרט נישט געפינען... אַ גאַנצע וואָך שלאָפט עס שפּעט, אַפן טאָג, נאָר קומט שאַבעס, איז טאָקע נאָר מאַיסע סאַטן ,שטייט מען אויף פאַרטאָג, מ׳צעלייגט אַ פייער, גלייך ווי גאָרנישט... און מיך שטעכט עס, מיינע סאָנים... נאָר וואָס קען איך טאָן? שטיי איך מיר אויף גאַנץ פרי און גיי מיר פון דער שטוב אַוועק, איך זאָל עס כאָטש נישט זען מיט מיינע אַלטע אויגן... איז אָבער, ווי פרי איך זאָל נישט אויפשטיין, ברענט שוין אַ פייער אַפן פּריפּעטשיק און מ׳טרינקט מאַטע...

— גוט זיך דערלעבט!... קרעכצט זי, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

אָפּגעטרונקען צו גלעזלעך טיי, גייען ביידע אַלטע ווייבער, דאָבּרעש מיט זעלדען מיט די צעריבענע גראָבע קאָרבן־מינכעס אונטערן אָרעם, גייען זיך טריט בײַ טריט, ריידנדיק פון אַמאָליקע, אַלטע, גוטע צייטן, ביז זיי קומען אָן אין שול, וואָס שטייט אין דער קאָלאָניע.

דאַניעל מיט זעלדען אַרבעטן אַפן גאָרטן יעדן טאָג ביז די זון הייבט אָן צו וואַרעמען און פאַרנאַכט ווען די זון לאָזט זיך אַרונטער צו מאַירעוו צו.

און אַ גאָרטן האָבן זיי גאָר אַ זעלטנקייט אין דער גאַנצער קאָלאָניע, וואָרעם — ווער נאָך גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ ליבשאַפט צום גאָרטן ווי דער אַלטער דאַניעל? און נישט נאָר האָט ער ליב ,אַז בײַ אים אין גאָרטן זאָל זיך געפינען פון אַלץ און עס זאָל זיין גוט אָפּגעאַרבעט, נאָר אויך מוזן די סטעזשקעלעך זיין גלייכע און ריינע, אָן גראָז.

דער אַלטער דאַניעל שטייט אין איין עק גאָרטן און אין צווייטן עק — די אַלטע זעלדע; ביידע האַלטן זיי בײַ די עקן אַ לאַנגן פאָדעם אויס־געצויגן; דער אַלטער דאַניעל מאַכט צו איין אויג, בייגט אויס דעם קאָפּ אַ ביסל אַף אַ זייט, אַ מאָל רעכטס און אַ מאָל לינקס, און דערביי הערט ער נישט אויף צו שרייען:

— אַביסל אַהער!... אַהין!... צי אויס!... לאָז נאָך!...

און ווערט אין קאס און צעשרייט זיך:
— אלטע בעהיימע, וואס דו ביסט!...
אז די גאס גייט כאדאראם.

ווערט זי ברוגז, אנטלויפט אין שטוב אריין, נאר באלד קומט זי צוריק און ארבעט ווייטער.

און אין גארטן איז טאקע פאראן פון קאלטואוו: פון ציבעלע ביז ראשכוידעש־רעטעכלעך, פון פעטרישקע ביז כריין און מארער און שעאר יעראקעס, וואס דאניעל ווייס נישט ווי אזוי זיי אנצורופן אף יידיש. ס׳איז בא מיר ערגעץ פארשריבן דארטן... — זאגט ער יעדעס מאל, ווען מ׳פרעגט אים, וואס דאס איז אזוינס.

האט ער אבער פיל שאדן פון די שכייניםס בעהיימעס, וועלכע קריכן דורך באנאכט, דורך דעם דראטענעם צוים און מאכן א כורבן. כוץ דעם וואס זיי עסן אויף, צעטרעטן זיי נאך מער און, ווען דאניעל זעט דאס גאנץ פרי, דאכט זיך אים, אז יעדער טראט פון די בעהיימעס איז א טראט בא אים אפן הארצן...

איז זיך מעיאשעוו, דער אלטער דאניעל, שטעקט אריין א שטעקן אין דער ערד, די הייך פון א מענטשן, בינדט איבער א שטעקן אין דערברייט, מאיסע־העגט, פארפוצט אים מיט זיינע א פאר אלטע הויזן, אן אלט רעקל און מיט אן אלטן קאפעליוש אף איבערצושרעקן די בעהיימעס, — זאלן זיי מיינען, אז דאס איז „ער"... איז אבער ווייניק — נעמט ער און מאכט דאס אייגענע א ביסל ווייטער, נאר ער האט דאך נישט אזוי פיל אלטע הויזן מיט אלטע רעקלעך — נו, גיט ער זיך אן אייצע, טוט אן אפן צווייטן שטעקן זעלדעס אן אלטן כאלאט, מאכט א קאפ פון שטרוי און טוט אן אף אים זעלדעס אן אלטע פאטשיילע.

אויך דעם שאבעס איז די אלטע דאברעש אויפגעשטאנען גאנץ פרי, איילנדיק געכאפט אף זיך די בוגדיי שאבעס, דעם קארבן־מינכע אונטערן ארעם, און אוועק צו איר כאווערטע זעלדע, נישט צוצוקוקן, ווי אירע קינדער זיינען מעכאלעל שאבעס!

נאר צוקומענדיק צו זעלדעס שטוב — וואס טוט זיך דא? — איז זי געווארן פארוואונדערט:

...זעלדע שטייט אַפן גאָרטן, און מאַכט עפּעס מיט די הענט...

— יאָ! זעלדע... האַ? גוט־שאַבעס!... שאַבעס אַפן גאָרטן?

נאָר זעלדע ענטפערט נישט, שווייגט ווי די וואַנט, ווי נישט איר מיינט מען...

— און דאָ דערזעט זי אַז אַ ביסל ווייטער שטייט דער אַלטער דאַניעל און מאַכט צו עמעצן מיט די הענט...

— גוט־שאַבעס, ר' דאַניעל!... וואָס עפּעס שאַבעס אויפן גאָרטן?

נאָר ר' דאַניעל רירט זיך נישט פון אָרט, שטייט ווי אַ שטעקן און גיט אפילע נישט קיין קוק אין יענער זייט, וואו די אַלטע דאָברעש שטייט...

פאַרדריסט דאָס איר:

— וואָס איז דאָס גאָדלעס, וואָס? אַרבעטן שוין אויך אום שאַבעס! גוטע צייטן זיך דערלעבט!...

דאָברעש, זעענדיק אַז מ'ענטפערט איר נישט, ווערט אין כּעס און, אַנשטאָט אַרייַנצוגיין אין שטוב, ווי אַלע שאַבעס, איז זי אַוועק אַליין אין שול.

פון יענעם שאַבעס אָן, ווי נאָר עס הייבט אָן צו טאָגן, זעט מען די אַלטע דאָברעש גיין איינע אַליין, גלייך מיט דער גאַס, צו דער שול צו.

אָנגעטאָן לעקאָוועד שאַבעס איר טונקל־בלויע קרעטאָנענע קלייד מיט ווייסע פינטעלעך, אַפן קאָפּ אַ טונקל זיידן טיכל מיט געלע גרויסע בלימעלעך, דעם צעוואָרפענעם קאָרבן־מינכע אונטערן אָרעם, שפּאַנט זי מיט דריבנינקע טריט, גיך־גיך, אין ערגעץ נישט־אָפּשטעלנדיק־זיך, נישט אַ קוק־טוענדיק אפילע אין דער זייט וואו דאַניעלס שטוב מיטן גאָרטן געפינען זיך, און אין דער שטיל, טאַינעט זי זיך אוים מיטן ריבוינע שעלאוילעם:

— איך דאַנק דיר, גאָטעניו, דערפאַר! אַט די פאַרשטערטע שאַבאָסים מיינע זאָלן נאָר זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע זינד, מיסטאָמע האָב איך בעסער נישט פאַרדינט...

פלומיטאַ

די דאָראַדיזשאַ־שקאַפּע האָט אווראָם־דאָוויד געקויפט בא א גוט־באַ־זיצער, באַצאָלט וויפל מ׳האָט בא אים געבעטן, נישט געקוקט אַף א פּאָר פּעזעס מער.

און געקויפט האָט ער זי נישט צוליב איר אַליין — די שקאַפּע איז שוין געווען אין די יאָרן, נישט געוואוינט געווען צו שווערער אַרבעט; דער־פאַר אָבער איז זי געווען גרויס, שיין געבויט, מיט דינע, הויכע געטאָקטע פיס, מיט א לאַנגן האַלדז און אַ קליינעם קעפּעלע; אויך דער קאָליר האָט פיל צוגעזאָגט און כוץ אַלעמען איז זי שוין געווען אין די הויכע באַדאָשים און, לויט דער קאַפּאַטאַז האָט פאַרזיכערט, זאָל דער ניי־געבוירענער, ווען ס׳וועט קומען די רעכטע צייט, שטאַמען פון א גאָר גרויסן ייכעס: זיין על־טערזיידע איז אַ נאָענטער קאָרעוו מיטן גרויסן „באָטאַפּאָגאָ״, א שייני־בישלישי מיט זיינעם אַ פּעטער...

אווראָם־דאָוויד האָט בעשאַס מאַיסע, געשמייכלט, ווי איינער רעדט:

— ווער דאַרף עס וויסן? כ׳מיין נאָר פאַרלייגן א גוטן זאָוואָד...

נישט אַזוי האָט געטראַכט הערשל, אַ יינגל פון א יאָר פערצן, וועלכער איז מיטגעפאָרן מיטן פאָטער, האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט וואָס דער קאַפּאַטאַז דערציילט און געשלונגען יעדער וואָרט; די בעקלעך האָבן בא אים געפלאַמט און מיט א גלאַנץ אין די אויגן האָט ער געקוקט אַפן פאָטער, וועלכער איז זיך געשטאַנען גלייכגילטיק און געשמייכלט אַף אַלץ וואָס דער קאַפּאַטאַז האָט געזאָגט. און, ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער פאָטער וויל אָפּדינגען א פּאָר פּעזעס, האָט ער אים גענומען צוריידן:

— האָסט נישט וואָס צו קוקן אַף דער זשעגווע, טאַטע! ... — האָט ער אים אונטערגעגעבן כיישעק — זי קאָן אָבער האָבן אַ לאָשעקל וואָס זאָל די ווערט האָבן צען מאָל אַזוי פיל...

און אין דער פאַנטאַזיע האָט זיך הערשל פאַרגעשטעלט, ווי ער רייט אַף אַ יונגן דאַראַדיזשאַ־פערד, גרויס און שיין, האַלט אים קויפּ איין מיט אַלע קויכעס, ער זאָל גיין אין אַ לייכטן טראָט און ער רייסט זיך אַלץ, וואַרפט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף, שרעקט זיך פאַר יעדער קלייניקייט, וואַרפט זיך אַף רעכטס און לינקס און שפּרינגט אונטער אַף אַלע פיר, אַרום מויל ווערט אים אַ שוים און דאָס גיט אים צו פיל כיין... און ער, הערשל, זיצט זיך פעסט אַף זיין קיילעכדיקן רוקן, ווי צוגעוואַקסן, ביינט זיך נאָך נאָך אַלע באַוועגונגען, וואָס זיין דאַראַדיזשאַ מאַכט; פון אַלע שטיבער אין קאָלאָניע לויפן אַרויס זיינע כאַווײרים, קוקן אים נאָך מיט קינע, ווילן אים אָפּשטעלן, פלוימערשט עפּעס פרעגן, נאָר ער פאָרט גלייך, ווי נישט אים מיינט מען...

אווראָם־דאָוויד איז דערווייל דורכגעקומען מיטן קאַפּאַטאַז ווען מע־קעך, מען האָט געכאַפּט די דאַראַדיזשאַ־שקאַפּע אַף אַ שטריק און צוגע־בונדן צום וואָגן.

הערשל האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ גוטן כאָלעם, און אַ צופרי־דענער איז ער מיט איין שפּרונג אַריין אין וואָגן.

אין אַ פרימאָרגן, קומענדיק פון פעלד, איז הערשל אַריין אין שטוב אַ פאַרסאַפּעטער און מיט אַ שטראַלנדיקן פּאָנעם האָט ער אויסגעשריען:

— די דאַראַדיזשאַ האָט געהאַט אַ לאָשעקל!

אווראָם־דאָוויד, שטייענדיק אין טאַלעס און טפילן, האָט געמאַכט אַ פריילעכע מינע און, ווען ער האָט געענדיקט עפּעס זאָגן אין דער שטיל, האָט ער זיך געווענדעט צו הערשלען:

— אי, נאַ, האַ, יאָפּע? דאַראַדיזשאַ?

דאָס האָט זיך אווראָם־דאָוויד געוואָלט דערקונדיקן, צי דער ניי־געבוי־רענער איז עפּעס אַ שיינער און צו איז ער אַ דאַראַדיזשאַ.

דאָס ערשטע וואָרט האָט הערשל נישט פאַרשטאַנען, דערפאַר אָבער האָט ער פאַרשטאַנען דאָס צווייטע:

— יאָ, אַ דאַראַדיזשאָ... פּונקט ווי די זשעגווע... און שיין איז דאָס, ווי די וועלט!... — האָט הערשל פאַרענדיקט, נישט וויסנדיק וואָס מער צו זאָגן.

ער איז געווען באַרוישט. אים האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און זיך געלאָזט גיין צום לאָשעקל, באַטראַכטן עס פון דער נאָענט.

דאָס לאָשעקל, נאָך גאָר אַ נישט־דערפאַרנס, האָט זיך געלאָזט גיין הערשלען אַנטקעגן, אויסגעשטרעקט דאָס העלדזל און מיטן פּיכטן, שוואַרצן בעזל באַרירט די פינגער וואָס הערשל האָט אויסגעשטרעקט צום לאָשעקל. דאָס איז געווען דער ערשטער שאָלעם־אַלייכעם, וואָס זיי האָבן זיך געגעבן; האָבן זיך באַקענט.

די מוטער, וועלכע האָט זיך געפּאַשעט עטוואָס ווייטער, איז צוגעלאָפן אַ פאַרציטערטע און שטיל צוגעהירזשעט: הי־הי־הי, קריך נישט וואו מ'דאַרף נישט... דאָס לאָשעקל האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען און מיט איין שפּרונג, געווען נעבן דער מוטער.

פון יענער צייט אָן פלעגט הערשל מאַכן אָפטע וויזיטן אין פּאַטרעראָ. זיך זען מיטן לאָשעקל, פאַרברענגען מיט אים, פלעגט אים כאַפּן, גלעטן אי־בערן רוקן, קראַצן אונטערן העלדזל. די ערשטע צייט פלעגט ער אים מוזן באַפּן אַף אַ שטריק, צוציען צו אַ סלופּ. דאָס לאָשעקל פלעגט זיך וואַרפן, שפּרינגען; אָבער מיט דער צייט האָט עס זיך אַזוי צוגעוואוינט צו זיין קליי־נעם באַלעבאָס, אַז עס פלעגט אים אַנטקעגנלויפן, ווי נאָר עס פלעגט אים דערזען, אויסשטרעקן דאָס העלדזל, ווי איינער רעדט:

— ווילסט קראַצן? נאַ, קראַץ!...

ווען הערשל פלעגט אים אַ מאָל נישט קאָנען אָפּזוכן אין דער גרויסער פּאַטרעראָ, פלעגט ער געבן עטלעכע מאָל אַ הירזשע — „הי־הי־הי״! — נאָכמאַכנדיק דאָס הירזשען פון אַ לאָשעקל; פלעגט אים דאָס לאָשעקל באַלד ענטפערן מיט דעם זעלביקן הירזשען „הי־הי־הי״:

— אַט לויף איך! . . .

און טאַקע באַלד האָט מען געקענט זען, ווי עס טיילט זיך אָפּ פון די פערד און לויפט גלייך צו הערשלען.

הערשל טוט אים אָן דעם „באָסאַל", וואָס ער האָט געלאָזט פאַר אים מאַכן צו דער מאָס, פון גוט־אויסגעאַרבעטן לעדער, מיט מעשענע רינגעלעך, און ביידע פאַרברענגען אַזוי אַ שטיק צייט אין פּאַטרעראָ.

איינמאָל אין אַ זומער־טאָג, די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל, זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייך, אַרום טייך זיינען געלעגן קי און קעלבער, נאָר וואָס זיך אָנגעטרונקען און זיך צוגעלייגט אָפּרוען, האָבן פויל געמאַלעגיי־רעט און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן געדרעמלט.

יונגע לאָשעקלעך, נעמען זיך צוזאַמען, אַ גאַנצע כעוורע, לויפן אַרום, שפּרינגען, בריקעווען. דאָס דאָראַדיזשאַ־לאָשעקל לויפט פאַרויס און נאָך אים אַלע לאָשעקלעך פון פּאַטרעראָ.

הערשל איז צוגעקומען צום טייך. נישט וועלנדיק איבערשלאָגן די שפּיל, איז ער געבליבן שטיין מיט זיין פערד, האָט געקוקט פון ווייטנס און געשעפּט נאַכעס פון זיין דאָראַדיזשאַ:

— ווי ער איז עס אויסגעוואַקסן די לעצטע צייט! קימאַט אַ פערד. היינט דאָס לויפן זיינס! . . . רירט קימאַט די ערד נישט אָן . . . גרינג ווי אַ פעדערל . . .

ווי אַ בליץ איז אים פּלוצעם דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. אַ גליקלעכער שמייכל צעשפּרייט זיך אויף זיין פּאָנעם. שוין אַ צייט, ווי עס עקבערט אים אַ געדאַנק, ווי אַזוי זאָל ער אים רופן, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל ער אים געבן, אַז עס זאָל אים פּאַסן. . . און איצט — אַזאַ גליקלעכער צופאַל:

גרינג ווי אַ פעדער . . . ווי אַ פעדערל . . . אויף שפּאַניש: „פּלומיטאַ"!

— פּלומיטאַ! — וועט ער אים רופן — פּלומיטאַ! פּלומיטאַ ! !

און הערשל הייבט זיך אונטער אויף זיין פערד, ער זאָל אויסקומען הע־כער און גיט אַ הירזשע — „הי־הי־הי!"

פון ווייטנס הערט זיך אָן ענטפער, קימאַט דאָס זעלביקע הירזשען, און אין אַ ווײַלע אַרום קומט אָן דאָס לאָשעקל.

הערשל שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, לויפט אים אנטקעגן; זיי פאַלן זיך אַרויף איינער דעם אנדערן אַף די העלדזער און ביידע צערטלען זיך שטי־לערהייט:

— הי־הי־הי, הי־הי־הי! . . .

— פּלומיטאַ! פּלומי־טאַ־אַ! . . .

און אַזוי איז זיך פּלומיטאַ געוואַקסן, געוואָרן אַ גרויס און שיין פערד. הערשל האָט אים אויסגעלערנט צום רייטן, געמאַכט אַ ברייטן גאַרטל פון גראָבן לייוונט און אים געהאַלטן אָנגעגאַרטלט אַ גאַנצן טאָג, קעדיי ער זאָל נישט באַקומען אַ גרויסן בויך און זיי פלינק צום לויפן; צוויי מאָל אין טאָג האָט ער אים אַרויסגעפירט, זיך דורכגיין אַ ביסל, אים געלערנט לויפן אַפן וועג — אַ שנאָלע און גלייכע סטעזשקע — אַ פּאָר מאָל דורכגעפאָרן, טריט בא טריט, הין און צוריק, די גאַנצע לענג פון דער סטעזשקע, ווי ער זאָל אים דערמיט וועלן זאָגן:

דאָס איז דער וועג, אַף וועלכן דו דאַרפסט גיין . . .

צוקומענדיק צום עק פון דער סטעזשקעלע, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין, אַ פּאָר מינוט, ביז ער לאָזט נאָך די צוים און הייסט אים לויפן. „פּלומיטאַ", אָן באַוועגונג, דרייט זיך אויס אַף צוריק, און ווידער בלייבט ער שטיין, גיט האַסטיק אַ שפּרונג פאָראויס, מיטן האַלדז אויסגעצויגן און נעמט לויפן ווי ווייט ער קאָן.

נעענדיקט די לעקציע, גייט הערשל אַראָפּ, נעמט אים גלעטן, קראַצן איבערן גאַנצן קערפּער, נעמט אַרויס דאָס מעסער פון גאַרטל, שיילט פון אים אַף די שטיקלעך פּאַרטרוקנטע בלאָטע, וואָס האָבן זיך אָנגעקלעפּט אַרום די פיס, האַקט אַרום די קאָפּיטעס, פּאַרקיילעבדיקט זיי, דעקט אים צו מיט אַ צודעק, נאָכהער גייט ער זיך מיט אים אַ ביסל דורך, טריט בא טריט, אָפּ־צוקילן אים.

אויך מיטן עסן פלעגט אים הערשל אָפּהיטן לויט די פּאַרשריפטן: בא זון־אויפגאַנג געבן אים עסן אַ קילאָ מאַיס און אַ קילאָ מיט אַ האַלבן אַל־

פאַלפאַ, דאָס זעלביקע באַם האַלבן טאָג און פאַרנאַכט, האַלטנדיק אים אין גאַלפּאַן אונטער אַ צודעק.

די אַרבעט פּלעגט ער טאָן אַליין, נישט פאַרלאָזנדיק זיך אויף קיינעם. דאָס האָט ער אים צוגעגרייט צו לויפן אין געוועט מיט אַנדערע פערד, און געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט, ווען „פלומיטאַ" וועט זיין פאַלקאָם אויסגעלערנט, אַרויסטרעטן מיט אים אין דער עפנטלעכקייט...

אַווראָם־דאָוויד, הערשלס פאָטער, האָט שוין לאַנג געקוקט קרום אויף הערשלס אויפפירונג:

— „קאַרעראָס" נאַר! קאַרערע־פערד אויף מיין קאָפּ!... טאָמער ווייסטו וואָס? נו, נו! וואָלט נישט בעסער געווען, מ'זאָל אים אויסלערנען שלעפּן אין פלוג? און גלאַט אַזוי... זאָל ער זיך אַרומגיין אין פּאַטרעראָ מיט די שקאַפּעס... און גענוג! וואָס ביסטו, וואָס? אַ גאַוטשאָ? צי וואָס? — אַזוי פלעגט ער טאַינען צו הערשלען, אַ מאָל מיט גוטן און אַ מאָל מיט בייזן.

הערשל פלעגט גאָרנישט ענטפערן, נאָר זיך טאָן זיינס.

„פלומיטאַ" פלעגט אים באַגעגענען מיט פרייד, מיט אַ ליבלעכן היר־ שען: פון נעבעכן אָן זיך נישט געזען... פלעגט אים אויסשטרעקן דעם קאָפּ, מאַכן מיט די ליפּן, ווי ער זאָל אים עפּעס וועלן זאָגן, און קוקן צום טאַר־ בעלע פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון די טרוקענע סער־ נער־מאַיס.

הערשל פלעגט אים אָנטאָן ס'טאַרבעלע אויפן קאָפּ, געבן אַ צוויי גלעט איבערן רוקן און זיך אַ ווײַלע צוהערן צום קנאַקן, ווי „פלומיטאַ" צערייבט די קערנער־מאַיס מיט זיינע שטאַרקע ציין. און, אַז „פלומיטאַ" האָט אויפ־ געגעסן, פלעגט ער אָפּשטיין שאָענווייז מיט אַן אייזערנעם קעמל, אים קע־ מען און קראַצן.

דעם קומענדיקן זונטיק — האָט הערשל געהערט זאָגן — וועלן אין דאָמינגעז זיין „קאַרעראָס"; האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן מיט פלומיטאַן, פּאַשעט, אַזוי זיך.

דעם זונטיק איז ער אויפגעשטאַנען פריער ווי געווײנלעך, האָט געגר־

מען צוגרייטן פלומיטאָן, אים אויסגעקעמט דעם עק, די גריווע און דעם גאַנצן קערפּער, אַרומגעשווירן אייניקע לאַנגע האָר, אַרומגעגלייכט די קאָפּיטעם און, קוקנדיק אים אין די אויגן, געפרעגט:

— ווי מיינסטו, „פלומיטאַ", וועל איך מיט דיר נישט פאַרשעמט ווערן?

„פלומיטאַ" האָט געענטפערט מיט אַ פאָרסקען און הערשל האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימען. נאַכער האָט ער אים אָנגעזאָטלט, אַכטונג געגעבן, צי אַלץ איז אַפן פלאַץ, די „קאַראָנאַ", די „סינטשאַ", די פעל.

אַליין האָט ער אָנגעטאָן אַ פּאָר געלע פּאָלאַינעס, דעם האַלדז פאַרבונדן מיט אַ זיידענעם טיכל, די עקן געלאָזט פלאַטערן אַף אַהינטער, דעם ראַנד פון קאַפּעליוש פאַרבויגן פון פאָרנט אַף אַרויף, איינגעשטעקט דאָס מעסער אין ברייטן לעדערנעם גאַרטל און זיך געלאָזט פאָרן אַף די „קאַרעראַס".

נישט ווייט פון שטעטל, אַף אַ פרייען, ליידיקן פלאַץ, ציען זיך אין דער לענג, איינס נעבן אַנדערן, צוויי שמאָלע, גלייכע סטעזשקעלעך; דאָס גראָז איז אויסגעהאַקט, ריין אויסגעקערט, גלייך און גלאַט

פוןביידע זייטן קאָכט עס ווי אַף אַ יאַריד; עס זיינען אָנגעפאָרן רייטער פון נאָענט און פון ווייט, „קריאָזשאָס" און אויך יידישע באָכערים פון די אַרומיקע קאָלאָניעס, האָבן געריטן אויסגעפּוצטע אַף זייערע בעסטע פערד, געמאַכט קונצן, פאַרשיידענע אָנשטעלן, געגעבן „פעטשאַדאָס" און איבערגעוואָרפן זיך מיט גלייכווערטלעך.

אַ ביסל אין אַ זייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּאַלאַטקע, וואו מ'פאַרקויפט „טאָרטאַ־פריטאַ"; צוויי „טשינאַס" שטייען נעבן אַ קליינעם טישל, קנעטן טייג אין אַ גרויסן בלעכערנעם שיסל, מאַכן פלעצלעך און וואַרפן זיי אין גרויסן קעסל מיט כיילעוו, וואָס קאָכט זיך אַפן פייער און פאַרשפּרייט אַ רייכעך אַף אַלע זייטן.

נעבן פייער, אַף אַ נידעריקן בענקעלע, זיצט אַן אַלטע „טשינאַ", מיט אַ גראָבן ציגאַר פון צוזאַמענגעדרייטע טאַבאַק־בלעטער אין מויל, האַלט

דעם קאָפּ עטוואָס אויף אַ זייט, די אויגן האַלב־פאַרמאַכט פון רויך וואָס זעצט איר גלייך אין פּאָנעם אַריין, און מיט אַ גרויסן גאָפּל שלעפּט זי אַרויס פון קעסל די שוין־פאַרטיקע „טאַרטאַס" און לייגט זיי אויס אויף אַ גרויסן טעלער.

אַרום שטייען קריאָזשאַס, קויפן, מאַכן קאָמפּלימענטן די „טשינאַס", און לויבן שטאַרק די „טאַרטאַס"...

אַ ביסל ווייטער, נעבן אַ קליינעם פייערל, קאַכט זיך הייס וואַסער, פון וואַנען מ'איז מעכאַבעד יעדן איינעם מיט אַ מאַטע: יונגע „טשינאַס", געקליידעטע אין שרייענדיקע קאָלירן — אין רויטע, גרינע און ראָזעווע קליידער — און מיט פייערלעך אין די אויגן, לויפן אַרום אַהין און צוריק, גיסן אָן אַ מאַטע, דרייען איבער די „באָמביזשע", ס'זאָל זיך באַקומען פון אויבן אַ שוים, און טראָגן זי אונטער יעדער מאָל אַן אַנדערן:

— „סירוואַסע"!

יענער נעמט די מאַטע, פּאַסמאַקעוועט זיך, לויבט שטאַרק די מאַטע און איבערהויפּט די וואָס דערלאַנגט...

אין דער צווייטער זייט פאַרקויפט אַן אַלטיטשקער שוין פאַרטיקע קנישעס, געפילט מיט געהאַקטן פלייש און ראָזשינקעס.

דאָ און דאָרט שטייען גרופּעס; אַלע ריידן אויף אַ קאָל, לעבעדיק, פרייִלעך. יעדע ווילע זאָגט אַן אַנדערער אַ גלייכווערטל אָדער עפּעס אַזוי צום גראַם און אַלע שיסן אויס אַ געלעכטער, וואָס צעטראָגט זיך אָפּן פרייען פעלד אַרום, און דער גאַנצער שמועס דרייט זיך אַלץ אַרום די צוויי פערד, וואָס דאַרפן באַלד לויפן, דער „גאַלגאָ" דעם קאָמיסאַרס און „פּאַלאָמאַ" דעם קאַצעווס, אויף דער פּרעמיע פון פינף הונדערט פּעזעס.

— ווער וויל שפּילן? — רופט איינער אויס, האַלטנדיק אין דער הייך, ווי אַ שטריקל צוזאַמענגעדרייט, אַ פּאַפּירל פון פינף פּעזעס — איך גיי אָפּן „פּאַלאָמאַ"!

— „פּאַגאָ"! — ענטפערט אַ צווייטער — דרייט אויס דעם גאַרטל, שלעפּט אַרויס פינף פּעזעס — פּאַגאָ! איך גיי אויף „גאַלגאָ"...

ביידע ליגן איין דאָס געלט באַ אַ דריטן. אַנדערע שפּילן אַף צען פּע־זעס. די אָרעמערע אַף אַ פּעזע, פופציק סענט.

אין אַ באַזונדער גרופּע שטייען די באַלעבאַטים פון די פערד, וואָס דאַרפן לויפן, מיט נאָך אַנגעזעענע מענטשן, וואָס מ׳קען זיך אַף זיי פאַר־לאָזן און וועלכע דינען אַלס ריכטער; מ׳רעדט נאָכאַמאָל איבער וועגן די קאָנדיציעס, מ׳לייגט איין דאָס געלט.

אויסגעגלייכט די וואָג פון די „לויפער", גיבן די ריכטער אַ צייכן, אַז מען קען אָנהייבן.

די לויפערס, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט מיט זייערע פערד, נעמען פּאַמעלעך פון זיי אַראָפּ די דעקן, גיבן זיי אַ צוויי דריי גלעט איבערן רוקן און, אָנגענעמענדיק זיך מיט דער לינקער האַנט באַ דער גריווע, טוען זיי פלינק אַ שפרונג אַרויף, יעדער אַף זיין פערד און פאָרן אַוועק פּאַמעלעך, טריט באַ טריט, צום אַנדערן עק וועג.

די באַלעבאַטים און ריכטער גייען אַוועק צום עק, וואו די פערד דאַרפן אָנקומען.

פון אַלע זייטן לאָזט מען זיך גיין. מיט נייגעריקע און מיט ערנסטע פּע־נעמער שטעלט מען זיך אויס פון ביידע זייטן וועג, די פון הינטן שטעלן זיך אַף די שפּיץ פינגער, פאַררייסן די קעפּ, קוקן אַריבער איבער די אַקסלען פון די, וואָס שטייען פון פאָרנט, אַנדערע זעצן זיך אַראָפּ באַ דער ערד, קוקן דורך די פיס פון די וואָס פאַרשטעלן זיי און אַלע וואַרטן מיט אָפענע מייַ־לער און איינגעהאַלטענע אָטעמס, די אויגן געווענדעט אַהין, פון וואַנען די פערד דאַרפן אָנקומען.

און דאָרט, אין יענעם עק, גרייטן זיך די „לויפער" צו דער „קאַרעראַ"; ביידע רייטער, שטעלן זיך אַוועק איינער נעבן אַנדערן, יעדער אַף זיין סטעזשקעלע, שטייען אַזוי אַ ווײַלע אומבאַוועגט, נאָכער הייבן זיי אָן זיך צו רירן, טכילעס פּאַמעלעך, נאָר־וואָס־אַ־מאָל שטאַרקער און שטאַרקער; און ווען די פערד און אַלע אַרום מיינען, אַז דאָס לויפן זיי שוין די „קאַרעראַ", האַלטן די רייטער פּלוצעם אָפּ די פערד, אינמיטן וועג, קערן זיך אום צוריק און הייבן אָן פונדאָסניי, אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די פערד ווערן שטאַרק צע־

היצט, ווילן מער נישט איינשטיין אַף אַן אָרט, דרייען זיך אַף אַלע זייטן, מאַכן פאַרשיידענע אָנשטעלן, וואַרפן מיט די קעפּ אַראָפּ און אַרויף, רייסן זיך אַלץ פאָראויס, בייסן מיט די ציין די אייזערנע צוימען וואָס זיי האַלטן אין מויל, אַרום וועלכן עס שפּאַרט אַ ווייסע שוים; — אין דעם מאָמענט לאָזט אַראָפּ דער צייכן־געבער דאָס פאָנדל, ביידע רייטער בייגן זיך אויס אַף פאָרויס, לאָזן נאָך די צוימען און די פערד שיסן אויס אין אַ געלויף.

ביידע רייטער האַלטן אין איין האַנט די לייצעס און אין דער אַנדערער די „רעבענקע", עטוואָס אויפגעהויבן, גרייט, ווען מ'וועט זי באַדאַרפן.

אַרום איז שטיל; עס הערט זיך נאָר דאָס שנעלע ריטמישע קלאַפּן פון קאָפּיטעס פון די לויפנדיקע פערד אַפן האַרטן וועג.

אַלעמענס אויגן דרייען זיך נאָך אין דער ריכטונג אין וועלכער די פערד לויפן און אַלע לאָזן זיך אַהין, צו יענעם פונקט, וואו די פערד בלייבן שטיין.

אַלע רינגלען אַרום דעם זיגער, לויבן אים אין טאָג אַריין, באַוואונדערן זיין שנעל לויפן; און די, וואָס האָבן געוואונען, מאַכן אַ מינע, ווי זיי וואָלטן נאָך פון פריער געוואוסט, אַז זיי וועלן געווינען.

די פאַרשפּילטע טרייסטן זיך:

— ער איז נישט געלאָפן אין זיין „וועג". ווען ער לויפט אַף דער אַנדערער זייט, געווינט ער געוויס...

געענדיקט די „אָפיציעלע קאַרעראַ", הייבן אָן צו לויפן אַנדערע פערד, פון קלענערער מאַדרייגע...

פון אַלע זייטן הערן זיך קולעס; אַלע ריידן מיטאַמאָל, שרייען, ליאַרעמען און לאַכן פון יעדער קלייניקייט.

— איך לויף קעגן דיין „באַראַסאַ" מיט מיינעם, פאַר צוויי פּעזעס!

— גוט! ענטפערט דער צווייטער — כ'לויף!

אַזוי ווערן געשלאָסן „קאַרעראַס", אַף קלענערע און גרעסערע סומעס, דעם גאַנצן טאָג.

הערשל איז די גאַנצע צייט אַרומגעפאָרן אַף זיין „פּלומיטאַ" פון

איין גרופּע צו דער צווייטער און אומעטום האָט פּלומיטאַ געצויגן אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט:

— גוט צום לויפן! — באַמערקט איינער.

— נאָך גאָר אַ יונגער! — גיט צו אַ צווייטער.

— איך קויף אים, — לייגט פאָר אַן אַנדערער.

הערשל הערט דאָס אַלץ מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט; נאָר, ווען איינער האָט אים פאַרגעלייגט צו מאַכן אַ „קאַרעראַ" אַף פינף פּעזעס, האָט ער בלויז מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן זיין קעגנערס פערד און, נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן, זיך אָפּגערופן:

— פּאַגאָ!

שנעל, ווי אַ בליץ, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם זאָטל פון פערד און זיך געלאָזט צום וועג אַנצוהייבן דעם געיעג.

און ווידער שטעלן זיך אויס פון ביידע זייטן וועג גאַנצע שורעס; און מיט נייגעריקע בליקן קוקן זיי נאָך די צוויי רייטער; אייניקע שפּילן אַף „פּלו-מיטאָן", אַנדערע אַף זיין קעגנער.

— וואָס וועט געווינען אַ גרינגאָ?

פּלומיטאַ, האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס מען מיינט, איז געוואָרן אומ-גערודליק, געשאַרפּעט די ערד מיט די פאָדערשטע פיס און מיטן פיסקל גע-וואָלט אַרויסרייסן די לייצעס באַם רייטער, מיטן קאָפּ געוואָרפן אַראָפּ און אַרויף און געשפּרונגען אין דער ברייט פונעם ברעג, אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס.

הערשל איז געווען בלייך ווי די וואַנט; דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט פון אויפרעגונג; אים איז נישט געגאַנגען אין די פינף פּעזעס, וואָס ער קען פאַרלירן, ווי אין זיינע האָפענונגען צו זען זיין „פּלומיטאַ" אין דער גרויס פון וועלכער ער האָט שוין לאַנג געכאָלעמט; דער מאָמענט איז געווען אַן ערנסטער...

ביידע רייטער האָבן מיטאַמאָל אויסגערופן:

— וואַמאַ!

און נאָכגעלאָזט די לייצעס. זיך אויסבייגנדיק אַף פאָרויס.

„פלומיטאַ”, פילנדיק זיך פריי, האָט מיט די ערשטע צוויי שפרונג גע־לאָזט זיין קעגנער אהינטער זיך און אליין זיך געטראָגן פאָרויס. און, וואָס ווייטער זיי זיינען געלאָפן, איז געבליבן אַלץ אַ גרעסערע שטרעקע צווישן אים און זיין קעגנער. דער צווייטער רייטער האָט געאַרבעט מיט אַלע קויכעס, געהאַקט מיט די שפּאָרן דעם פערד אין די זייטן, געשלאָגן מיט דער „רע־בענקע” און יעדער מאָל צוגעקוויטשעט, וועלנדיק מיט דעם אויפמונטערן זיין פערד, נאָר ווען ער איז נאָך געווען אינמיטן וועג, איז שוין הערשל מיט זיין „פלומיטאַ” אָנגעקומען צו דער „קאַרערע”־מעטע.

פון אַלעמענס העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ באַגייסטערטער אויס־געשריי:

— אָר־אַ־אַ, גרינגאָ!

מיט איין שפרונג איז הערשל געשטאַנען אַף דער ערד, אַרומגענומען „פלומיטאַס” האַלדז, אים געדריקט צו זיך. טרערן פון פרייד האָבן זיך אים באַוויזן אין די אויגן, און אינדערשטיל האָט ער געלאַכט מיט אַ געלעכטער וואָס איז מער ענלעך געווען צו אַ הירזשען פון אַ פערד:

„פלומיטאַ”... פלומיטאַ...

„פלומיטאַ” האָט אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ הערשלען אַפן אַקסל און שטיל צוגעהירזשעט:

— הי־הי־הי, הי־הי־הי...

— „פלומיטאַ”... פלומיטאַ...

„פלומיטאַ” האָט פון דעמאָלט אָן באַקומען אַ שעם. מען האָט הערשלען אָנגעבאָטן גרויסע געלטער, אָבער הערשל האָט אַפילע נישט געוואָלט הערן דערפון.

נאָר אויב הערשל האָט געהאַט נאָכעם פון זיין „פלומיטאַ” באַ די

„קאַרערעס", האָט ער אָבער געהאַט אויסצושטיין גרויסע צאָרעס אינדער־היים.

— א באָכער זאָל זיך אַריינלאָזן אין א פערד... האָט זיין פאָטער, אווראָם־דאָוויד, צו אים געהאַט טאַינעס — וואָס וועט זיין דער טאַכלעס? זאָג מיר, וואו האָסטו עס געזען? באַ דיין טאַטן? מיינע אָוועס אַוואויסיינו האָבן נישט געוואוסט דערפון, און מיך האָט גאָט געשטראָפט, איך וויים נישט פאַרוואָס, פאַר וועלכע זינד... נאַ דיר גאָר קאַרערעס!... קאַרערעס־פערד אַף מיין קאָפּ! טאָג ווי נאַכט דינט ער צו אים, ווי צום יויזל... אַז נישט דערלעבן זאָל ער עס!...

און אויסלאָזן פלעגט ער:

עס זאָל זיך נאָר מאַכן א גוטער קוינע, פאַרקויף איך אים און אַן עק זאָל עס נעמען!

און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט.

אין א טאָג, ווען הערשל איז אינדערהיים נישט געווען, איז געקומען א גאָוטש, רייטנדיק אַף א פערד, מיט א זילבערנעם זאָטל, די לייצעס, די צוים, די „רעבענקע", אַלץ מיט זילבער באַדעקט, און האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף הערשלען:

— א וואוילער באָכער... זייער אַקריאַזשירט...

— יאָ, זייער א וואוילער באָכער! — ענטפערט אווראָם־דאָוויד אין א שלעכטן שפּאַניש, בעטנדיק דעם גאַסט אין שטוב אַריין — ווען ער זאָל נאָר נישט האָבן צו טאָן אַזוי פיל מיט די קאַרערעס... געוואָרן א טעל פון אים... איך וואָלט זיין „פּלומיטאַ" פאַרקויפט, ס׳זאָל זיך מיר נאָר מאַכן א רעכטער קוינע.

דער גאָוטש שטרענגט זיך אָן נישט אַרויסצואווייזן זיין צופרידנקייט — שוין לאַנג, אַז ער בעט זיך באַ הערשלען מיט צוויי הונדערט פעזעס; ער וואָלט געגעבן נאָך פופציק, און איצט אַזאַ געלעגנהייט, אַזאַ געלעגנ־הייט...

— אויב איר ווילט — רופט זיך אָפּ דער גאָוטש מיט א געמאַכטער גלייכגילטיקייט — אויב איר ווילט, קאָן איך אים קויפן!

— סאַרע! — ווענדעט זיך אווראַם־דאַוויד צו זיין פרוי, אריינבייגנדיק זיך אין צווייטן צימער, דורך דער אָפענער טיר — סאַרע, מאַך אַ מאַטע, נאָר נישט אין דער גלאָז, מאַך אין דער מאַטעניצע! . . .

— פאַרוואָס נישט? — ווענדעט ער זיך צום גאַסט — וויפל אַ שטיי־ גער, וואָלט איר געגעבן?

און באַ דער צווייטער מאַטע זיינען זיי דורכגעקומען מיטן מעקעך.

ווען הערשל איז אַהיים געקומען, האָט ער אין גאַלפּאַן געפונען דעם „באַסאַל" מיטן צודעק ליגן אַף דער ערד אין אַ ווינקל.

„פּלומיטאַ" איז מער נישט געווען . . .

פענעמער

איינגעפּאַקט מיינע וואַליזעס, צוגערופן אַ קאַטש און געלאָזט מיך פירן צו דער באַן.

עס הערט זיך דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס אָף דער ברוקירטער גאַס און דאָס קלאַפּן פון די רעדער, די הויכע געביידעס בלייבן הינטער מיר, די „פּלאַסעס", דער קלויסטער, אַלע רוקן זיך אָף צו־ריק, מאַכן מיר פריי דעם וועג:

— איך פאָר אַהיים.

פּלוצעם בלייבט שטיין דער קאַטש. דער קוטשער זידלט אַ צווייטן, יע־נער ענטפערט אָפּ און ביידע דערלאַנגען זיך מיט די ערגסטע ווערטער.

איך בייג זיך אַרויס און זע: אַ צווייטער קאַטש אַנקומענדיק אַטקעגן האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג.

מיין קוטשער, ווען ער האָט שוין נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן, האָט געענדיקט:

— זעסט נישט, אַז איך פיר אַ פּאַסאַזשיר?

און איך לייג צו אין געדאַנק:

—און איך פאָר אַהיים!

אַרויסקומענדיק אָף די פרייערע גאַסן, נעמט דער קאַטש פאָרן שנע־לער. איך מאַך צו די אויגן און די פאַנטאַזיע פאַרטראָגט מיך אַהיים:

אָט קוק איך אַרויס דורכן פענצטער פונעם וואַגאָן, ווען דער באַן

האַלט אין דערנענטערן זיך קיין דאָמינגעז. איך זע פונדערווייטנס, אַף דער סטאַנציע, שטראַלנדיקע, ליבע פּנעמער, געקומען מיך דערוואַרטן און זוכן מיט די אויגן . . .

און אָט פאָר איך אַריין אין קאָלאָניע. פון אַלע הייזער קוקן אַרויס באַקאַנטע, גריסן, שאָקלען מיט די קעפּ, מאַכן עפּעס מיטן מויל, זאָגן עפּעס אין דער שטיל, ווער ווייס וואָס . . .

באַלד דערזע איך די שפּיצן פון די ביימער, וואָס אַרום מיין שטוב, און וואָס אַ מאָל, מער. אָט זעט זיך דער דאַך, אָט זעען זיך שוין די ווייסע פלעקן פון מיין שטוב אַרויסקוקנדיקע פון צווישן די ביימער, מיין גאַנץ הויז־געזינט שטייט באַם דראָטענעם צוים, מיט די קעפּ צום וועג אַרויס אויסגעבויגן, די קלענערע קינדער רוקן זיך דורך דורכן פּלויט, שטעלן זיך אינמיטן וועג, טאַנצן פאַר פרייד . . .

מיר דאַכט זיך אַז דאָס „ראָסיושאַ”־פערד, וואָס טראָגט מיין „סולקי”, גייט דאָסמאָל לאַנגזאַמער ווי טאָמיד. דאַך זע איך די מיניקע דייטלעבער. איך זע די פרייד, וואָס איז אויסגעגאָסן אַף זייערע געזיכטער, און נעם פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ, אַזוי אַז איך באַמערק גאָרנישט, ווי דער אַלטער געלער הונט לויפט פאַרן פערד, לאָזט אים נישט גיין און האַווקעט צו מיר אַרויף אַף דער „סולקי”, ווי ער זאָל זיין פול מיט טאַינעס צו מיר, און ביז איך שענק אים נישט אַ ליבלעכן קוק און אַ פריינטלעך וואָרט, הערט ער נישט אויף צו האַווקען . . .

— האַו, האַו, האַו! — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, איך זאָל האָבן געהערט — האַו! האַו!

איך עפן די אויגן און דערוואַך ווי פון אַ כאָלעם און, נאָך דער ערשטער איבעררעשונג, דערזע איך ווי איינער לויפט באַ דער זייט פון קאָטש, מאַכט עפּעס מיט די ליפּן, זאָגט עפּעס, און דאָס פּאָנעם באַ אים קרימט זיך מיט אַזאַ מינע, וואָס דערמאָנט אין געלן הונט . . . כ'האָב קוים געקענט פאַרשטיין וואָס ער וויל: ביכדיי אַראָפּצוטראָגן מיר די וואַליזקעס צו דער באַן, איז ער מיר אַנטקעגנגעלאָפן דריי „קוואַדרעס” פון דער סטאַנציע, זוכנדיק צו פאַרלויפן דעם וועג זיינע קאָנקורענטן. און, ווען איך האָב צוגעשטימט, האָט זיך דער צופרידענער שמייכל אַף זיין פּאָנעם נאָך ברייטער

אויסגעגאַסן, וואָס האָט נאָך מער אָפּן געלן הונט דערמאָנט...

אַף דער סטאַנציע, ווען איך האָב אים פאַר זיין אַרבעט עטלעכע ניקל אין דער האַנט אַריינגעלייגט און מיר האָבן זיך מיט די בליקן באַגעגנט, האָב איך שנעל געמוזט דעם קאָפּ אין אַ זייט אָפּקערן.

איך האָב זיך פאַרשעמט.

קאַדאָרנאָ

ווען איך בין אָנגעקומען אין שטעטל א., איז שוין געווען נאָך מיטאָג־צייט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער; די זון האָט געבריט ווי פייער; אין גאַס האָט מען קיין מענטש נישט געזען; די טירן פון די קראָמען זיינען געווען מיט גראָבע פאָרהאַנגען פאַרשטעלט; די באַלעבאַטים זיינען די „סיעסטע" געשלאָפן און די אָנגעשטעלטע האָבן באַם „מאָסטראַדאָר" געדרימלט, וואַרטנדיק פאַראיינוועגס אַף קוינים.

נאָר פון די פעלדער פון אַרום איז קיינער נישט געקומען — אַלע זיינען געווען באַשעפטיקט באַם אַראָפּנעמען די „קאָסעטשע"; סיידן אַ „פּיעסע" פון שנייד־מאַשין האָט זיך צעבראָכן.

ווען די זון האָט זיך אַראָפּגערוקט ווייט אין מאַירעוו, איז געוואָרן לעבעדיקער. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די שכיינים, שפּילן ביליאַרד, טרוקאָ, טרינקען אַ „ווערמוט" און ריידן פון די גרויסע היצן.

— וואָלט כאָטש גערעגנט! — באַמערקט דער באַלעבאָס פון דער „פאָנדע" — וואָלטן זיך צוזאַמענגעקומען די פעלד־אַרבעטער, וואָלטן געטרונקען און געגעבן צו לייזן...

און ער ווענדעט זיך צו מיר:

— אומעטיק, האַ? — פרעגט מיך דער באַלעבאָס — וואַרט! אָט באַלד וועט ווערן פריילעך: אַנטקעגן וואוינט איינער, אַן איטאַליענער, קאַדאָרנאָ הייסט ער... געווען אין דער מילכאָמע... צוריקגעקומען איז ער אַביסל...

דאָ ווייזט דער באַלעבאָס מיטן פינגער אַפן שלייף.

און ווירקלעך: באַלד האָבן זיך גענומען קלייבן אין דער מיט גאַס, קעגן אַן אָפֿענער טיר, יונג און אַלט, און אַ געלעכטערל האָט גענומען אָפּט און אָפּטער אָפּקלינגען אין דער שטילער נאַכט.

— זאָל ריידן קאַראַרנאַ! — רופֿט עמעץ אויס.

דער עולם אַפּלאָדירט.

פֿון דער אָפֿענער טיר קומט אַרויס אַ מאַן פֿון אַ יאָר דרייסיק, אין שוואַרצן געקליידעט, אויף דער לינקער באַק אַ נישט־לאַנג־פֿאַרהיילטע וואונד, וואָס ציט אים דאָס מויל אויף אַ זייט, די אויגן צעמישט אַראָפּגעלאָזט און שטעלט זיך אוועק אין אַ פּאָזע פֿון אַ רעדנער.

דער עולם אַפּלאָדירט נאָכמער.

ווען ס'ווערט עטוואָס שטילער, הייבט קאַראַרנאַ אָן:

— בעללאַ איטאַליאַ, בעללאַ איטאַליאַ! אין בלוט פֿאַרטרונקען... אויף שטיקער צעהאַקטע איטאַליאַ... הענט און פֿיס פֿון קערפּער אָפּגעטיילטע... טויזנטער אין איין ברודער־קייווער... ביז אין די קני אין בלאָטע פֿון בלוט און ערד... פֿאַר דער פּאַטריאַ... פֿאַר דער ציוויליזאַציע... בעללאַ איטאַליאַ!

דער עולם אַפּלאָדירט און האַלט זיך באַ די זייטן פֿון געלעכטער.

און קאַראַרנאַ רעדט ווייטער:

— די קעניגן מיט אירע ווייסע הענט ווי שניי, די פּרינצעסן די איידל־דערצויגענע... אַרומגעגאַנגען צווישן די פֿאַרוואונדעטע, פֿאַרבונדן, די הענט אין בלוט פֿאַרשמירט... פֿאַר דער פּאַטריאַ... פֿאַר דער ציוויליזאַציע... בעללאַ איטאַליאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דער עולם געלאַכט, — אַ מעשוגענער!

באַ־כאַ־כאַ! האָט זיך געהערט קאַראַרנאַס קאָל העכער פֿון אַלעמענס.

שוין געוועזן שפּעט אין דער נאַכט ווען דער אוילעם איז זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען און אין דער לופט האָט נאָך געקלונגען דאָס געלעכטער.

און איך האָב פאַר זיך אַליין איבערגעכאַזערט:

— אַ מעשוגענער! אַ מעשוגענער!...

„על טשאַקאַרעראַ"

— קומט, איר ווילט זיך אַ ביסל דורכפאָרן? — האָט צו מיר געזאָגט, איינמאָל אין אַ פארנאַכט, אַ סויבער — איך דאַרף צופאָרן אַט־דאָ־נישט־ווייט, צו אַ קאָלאָניסט. זעצט אייך אַט־דאָ־נעבן מיר, וועל איך אייך דערציילן, וואָס אַ קאָלאָניסט אַ שווינדלער קאָן...

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב זיך גראָד אין דעם מאָמענט דערמאָנט, ווי שוין לאַנג, מיט יאָרן צוריק, בין איך געווען אויף אַ שול־יאָנטעוו, אויף וועלכן, צווישן אַנדערע נומערן, האָבן אַ צען־צוועלף קינדערלעך, יינגלעך און מיידלעך, דורכגעפירט אַ זעלטן־שיינעם נומער, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן; דער נומער האָט געהייסן — „על טשאַקאַרעראַ".

די קינדער האָבן געזונגען:

„קיערען ווער קאָמאָ על טשאַקאַרעראַ
סיעמבראַ טריגאָ אי מאַיס?

עס אַסי קאָמאָ על טשאַקאַרעראַ
סיעמבראַ טריגאָ אי מאַיס!..."

(ווילט איר זען, ווי עס זייט אַ פּויערל
ווייץ און מאַיס אויפן פעלד?
אָט אַזוי זייט אַ פּויערל
ווייץ און מאַיס אויפן פעלד!)

זינגענדיק מיט זייערע זיסע שטימעלעך, האָבן זיי גראַציעז צוגעטאַנצט

און מיט די הענטעלעך נאָכגעמאַכט ווי דער קאַלאַניסט פּאַרזייט ווייץ און מאַיס, נאָכהער זיך אָנגענומען אין אַ ראָד, הענטעלע אין הענטעלע גע־שלאָסן, און —

— טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ...

אַזוי האָבן זיי קעסיידער דעם נומער דורכגעפירט, ווי אַזוי דער קאָ־לאָניסט שניידט, ווי אַזוי דער קאָלאָניסט דרעשט, ווי אַזוי דער קאָלאָניסט פאַרקויפט, און ווי אַזוי ער רוט, און ווי אַזוי ער פאַרברענגט.

דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט, מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל און דער סויכער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— פאַראַיאָרן קומט ער צוגיין און בעט, איך זאָל אים אויסבאָרגן „סעמיזשעע", ווען נישט, זאָגט ער, וועט ער נישט פאַרזייען... און טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן... האָב איך אַף אים ראַכמאָנעס־באַקומען, און נישט געקאָנט אָפּזאָגן... נו, געוויס, האָב איך זיך באַוואָרנט, איבער־געשריבן אַף מיין נאָמען דעם רעמאָנענט, די סערטיפיקאַטן פון די בע־היימעס, דעם קאָנטראַקט אַף דער נייער „קאָסעטשע" און אַחוץ דעם האָב איך בא אים אויך גענומען אַ גאַראַנטיע פון אַ גוטן ביטועך. איך קאָן זיי דאָך די שווינדלער!...

— „אָט אַזוי זייט אַ פּויערל
ווייץ און מאַיס אָפּן פעלד!"

— ס'קומט צום שניידן, נעגעבן אים פאָדעס, זעק און אַנדערע אַר־טיקלען... וואָס זאָל איך טאָן מיט אים? קיינער וויל אים נישט באָרגן, זאָגט ער, וויסנדיק אַז די „קאָסעטשע" איז מיר פאַרקויפט געוואָרן... און דערצו איז ער נאָך אַ מעיוכבעס, וויל וויסן פרייזן... זיינער אַ שאָכן, זאָגט ער, קויפט ביליקער... אַ קוק געטאָן, אַז ער איז מיר אַ צו קלוגער, איז אַז די דרעש־מאַשין האָט נאָר פאַרענדיקט די אַרבעט, בין איך גלייך אַהין אָנגעקומען מיט וואָגנס, האָב אויפגעלייגט אַלע זעקלעך און אָוועקגעשיקט צו מיר אין גאַלפּאָן...

טאַינעט ער:

— לאָזט מיר כאָטש אַף „סעמיזשע”...

— אָבער, איך קאָן זיי דאָך די לייט... אַז זיי האָבן „סעמיזשע”, ווערן זיי גאַנצע פּריצים...

איך הער דעם סויכערס רייד און מיר קלינגט אַלץ אין די אויערן דאָס שול־לידל:

— „אַט אַזוי דרעשט אַ פּויערל
ווייץ און מאַיס אַפן פעלד!”

— אוועק אַ צייט, קומט ער מיט נייע טאַינעס: ס׳פעלט אים צו דער וואָג, זאָגט ער, כ׳האָב אים צוגעשטעלט צום ביכל, זאָגט ער... כע, אַ גאַנצער כאָכעם געוואָרן!...

— „אַט אַזוי פאַרקויפט אַ פּויערל
ווייץ און מאַיס אַפן פעלד!”

— און איצט ווער איך געוואויר, גאָר אַ נייעס: ער האָט דאָך מיך באַגאַנוועט! ער האָט באַהאַלטן עטלעכע זעקלעך ווייץ, קלוימערשט, אַף אָפּצומאָלן אַף ברויט, נו, און וואָס־זשע וועל איך טאָן מיט מיין „דעפּאָ־סיטע” מעל?! וואָס אַ שווינדלער קאָן?!

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ ראַנטשאָ פון טשערעט מיט בלאָטע אויסגעקלעפּט.

צוויי גרויסע הינט האָבן אונדז אויפגענומען, האַווקענדיק אויפגע־שטעלט זייערע פּיסקעס און מיט פייערדיקע אויגן געפּאָרשט נאָך וואָס מיר זיינען געקומען.

נעבן שטיבל האָט עמעץ געהאַלטן אין צוזאַמענגעמען אַ געשפּאַן, נאָר ווי ער האָט אונדז דערזען, האָט ער געוואָרפן די אַרבעט, אָנגעשריען אַף די הינט, און מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל אונדז באַגריסט.

ביידע זיינען צום שטיבל אוועק און איך בין געבליבן זיצן אין אויטאָ־מאָביל.

— זיי זיינען געבליבן שטיין פאַר דער טיר. איך האָב נישט געקאָנט

הערן וואָס זיי ריידן. איך האָב בלויז געזען ווי דער סויכער האָט זיך גע־היצט, געשריען און געסטראַשעט מיט די הענט. קעגן אים איז געשטאַנען דער קאָלאָניסט, מיטן קאָפּ צו דער ערד געבויגן, דעם קאַפּעליוש אין די הענט געדרייט און עפּעס געמורמלט אין דער שטיל.

אין דער טיר פון שטיבל האָט זיך באַוויזן אַ פרוי, איז צוגעקומען נאָ־ענטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער זייט, ווייזט אויס, אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט אָבער באַלד מיטן פאַרטוך זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און די אַקסלען האָבן בײַ איר זיך גענומען טרייסלען — — —

ווען מיר זײַנען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן און איך האָב דעם קאָפּ אויף צוריק אויסגעדרייט, האָב איך געזען, ווי דער קאָלאָניסט איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיטן קאַפּעליוש אין די הענט, די פרוי מיטן פאַרטוך פאַרדעקט דאָס פּנים און אַרום זיי דריי קינדערלעך.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און אַ צווייט בילד האָב איך דערזען:

אַ צען־צוועלף קינדערלעך, ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן געזונגען מיט זייערע זילבער־זיסע שטימעלעך, צוגעטאַנצט, און מיט די הענטעלעך גראַציעז נאָכגעמאַכט ווי דער „טשאַקאַרעראַ" פאַרזייט ווייץ און מאַיס, ענדיקנדיק:

„קיערען ווער קאָמאָ על טשאַקאַרעראַ
סע דיוויערטע דעספּועס דע סו לאַבאָר?
עס אַסי קאָמאָ על טשאַקאַרעראַ
סע דיוויערטע דעספּועס דע סו לאַבאָר!"

„ווילט איר זען ווי ס'פאַרברענגט אַ פּויערל
נאָך דער אַרבעט אויפן פעלד?
אָט אַזוי פאַרברענגט אַ פּויערל
נאָך דער אַרבעט אויפן פעלד!"

נאָכער, צוזאַמענגעמענדיק זיך אין אַ ראָד, הענטעלע אין הענטעלע געשלאָסן, מאַכן זיי נאָך, ווי דער קאָלאָניסט פרייט זיך, לאַכט און טאַנצט...

טשאַקרע — קאלע

אַ מאָנאָלאָג

— געוואַלד! יידן ראַכמאָנים־בעניי־ראַכמאָנים, ראַטעוועט! געוואַלד! איך בין אַ פאַרלוירענער! ווייטער צו לעבן איז אומעגלעך! בעסער צען מאָל שטאַרבן, איידער אַזוי ווייטער צו לעבן... געוואַלד, יידן, ראַטע־וועט! גיט מיר אַן אייצע, וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי זאָל איך האַנד־לען? איך שלאָף ניט דורך די נעכט, איך עס ניט גאַנצע טעג, איך גיי אַרום ווי אַ פאַרכאָלעמטער, איך קאָן נאָך כאָלילע קראַנק ווערן, אָדער מעשוגע ווערן מיינע סאָנים.

נאָר, לאָמיך זיך בארואיקן, אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, קומען צו זיך, וועל איך קענען דערציילן פון מיין פלאָנטער, וועט איר מיר קענען געבן אַן אייצע.

איך אַליין, ווי איר קוקט מיר אָן, בין אַ באָכער אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט. צו בין איך אַ שיינער, אַ פאַרדינער, האָב איך געלט, קום איך אַרויס פון אַ שיינער מישפּאָכע? ס׳איז ניט אייער אייסעק, ווייל איך וויל ניט איר זאָלט מיר רעדן אַ שידעך. איך דאַרף דאָס ניט, איך וויל נאָר איר זאָלט מיר געבן אַן אייצע.

יאָ, הייסט עס: איך בין אַ באָכער אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, שוין צען יאָר אין קאָלאָניע, אַרבעט אַלס פּעאָן באַ אַ קאָלאָניסט און איך מוז אייך אויך דערציילן, כאָטש איך וואָלט געוואָלט, אַז קיינער זאָל עס ניט וויסן, אַז איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ קאָלאָניסטיש מיידל. זי האָט אויך ניט דאַקעגן, אַזוי האָבן מיר שוין אָפּגערעדט פון לאַנג.

וואס טויג אייך מער? אפילע אירע עלטערן זיינען אויך איינשטימיק, איך בין בא זיי אין שטוב קימאט ווי אן אייגענער. איז דאך גוט, א יא? הערט זשע אבער ווייטער: די גאנצע צייט פון מיין זיין אין קאלאניע, פאנטאזיר איך אלץ קאלאניזירט צו ווערן, זיין א באלעבאס איבער א טשאקרע, כאסענע האבן און אנהייבן צו פירן א זים אנגענעם פא־מיליען־לעבן. ניט דארפן ארבעטן מער אלס פעאן, ניט זיין אין דער פרעמד נאוועגאד. איך האב שוין אפילע עטלעכע מאל זיך געווענדעט אין דער אדמיניסטראציע, געבעטן מ׳זאל מיך קאלאניזירן און מ׳האט מיר אויך ניט אפגעזאגט. איז דאך שוין גוט, הא? א טשאקרע וועט מען מיר געבן, א קאלע האב איך, וואס נאך פעלט מיר? הערט־זשע אבער ווייטער: יא — זאגן זיי מיר, אז איך מוז פריער כאסענע האבן, און נאכדעם וועט מען מיך קאלאניזירן. ווען ניט — זאגן זיי, קענען זיי מיר קיין טשאקרע ניט געבן.

— זאל איך פריער כאסענע האבן, זאגט איר, יא? איר הערט א סייכל? אז איך וועל כאסענע האבן וועל איך דאך ווערן א קאלאניסטס — אן איידעם, ווייל ווי איך האב אייך שוין פריער געזאגט: האב איך זיך פארליבט אין א קאלאניסטיש מיידל און זי האט אויך ניט דאקעגן, אזוי האבן מיר אפגערעדט שוין פון לאנג. וואס טויג אייך מער? אירע עלטערן זיינען אויך איינשטימיק, איך בין דארט אין שטוב ווי אן איי־גענער... און א קאלאניסטס אן איידעם, ווי עס איז באוואוסט, איז דער דין, אז מ׳קאלאניזירט ניט, ווייל... ווייל ער איז א קאלאניסטס אן איידעם! און אז איך וועל זיין א קאלאניסטס אן איידעם, וועט מען מיך אויך ניט קאלאניזירן.

— ניט כאסענע האבן זאגט איר? וועט מען מיך געווים ניט קאלא־ניזירן. אזוי האבן זיי דאך מיר בעפיירעש געזאגט: אז דער דין איז: מ׳מוז פריער כאסענע האבן און נאכדעם גיבן זיי א טשאקרע, דראשע־געשאנק.

שלעכט!

פאל איך אף א סייכל: קעדיי איך זאל קענען כאסענע האבן מיט מיין קאלע, דעם קאלאניסטס מיידל און דאך ניט הייסן קיין קאלאניס־

טישער איידעם, זאָל איך זען אויספירן דורך אַנדערע גוטע לייט, מ׳זאָל עפּעס אָנרעדן אַף מיין קינפּטיקן שווער דאָרט, וואו מ׳דאַרף, נאָר אַזוי אָנרעדן, אַז ס׳זאָל אים קומען „דעסאַלאַכע״ (איר הערט אַן איינפאַל?) וועט ער שוין ניט הייסן מער קיין קאַלאַניסט... און איך — קיין קאַ־לאַניסטישער איידעם. גאָר ניט קיין שלעכטער איינפאַל, הע? אַזאַ יאָר אַף מיר! איז אָבער דאָ אַן אַנדערע צאָרע: אין אַזאַ פאַל איז דער דין, אַז קיין אַנדערע טשאַקרע קאָן מען מיר ניט געבן. אויב יאָ אַ טשאַקרע, מוז איך בלייבן אַף דער איבערגעלאָזענער טשאַקרע פון מיין שווער, נאָר מיט דעם באַדינג: אַז איך מוז באַצאָלן מיין שווערס „אַטראַסאַ־דאָס״ אַן ערעך פון אַ זיבן אַכט טויזנט פּעזעס. איז ערשטנס, וואו נעמט מען אַזוי פיל געלט און צווייטנס, וואָס וועט זיין מיטן שווער?

איך זאָל כאַסענע האָבן מיט אַן אַנדערער, זאָגט איר? הערט! איך וויל אייך ניט שילטן, איך וויל אייך נאָר בעטן, איר זאָלט זיך ניט מישן אין מיינע פּריוואַטע זאַכן. איך זאָג אייך עפּעס אַ דייע מיט וועמען איר זאָלט כאַסענע האָבן און מיט וועמען ניט? ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט: האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ קאָלאָניסטיש מיידל און זי האָט אויך ניט דאַקעגן, אַזוי האָבן מיר שוין אָפּגערעדט פון לאַנג. וואָס טויג אייך מער, אַפילע אירע עלטערן זיינען אויך איינשטימיק. איך בין דאָרט אין שטוב ווי אַן אייגענער. און פּלוצעם גאָר, זאָגט איר איך זאָל כאַסענע האָבן פאַר אַן אַנדערער. אַ דאַנק אייך פאַר דער איי־צע! וואָס איך וויל אייך נאָר בעטן איז: איר זאָלט מיר אַרויסשלעפּן פון דעם פּלאָנטער אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן, ניט אַהער און ניט אַהין. עפּעס אַזוי ווי די מאַיסע מיט דער ציג און מיטן וואָלף. מאַכט עס עפּעס אַזוי, איך בעט אייך, אַז דער וואָלף זאָל בלייבן גאַנץ און די ציג — זאַט, פאַרקערט מיין איך... ע־ע די ציג גאַנץ און דער וואָלף זאַט. איך זאָל קענען כאַסענע האָבן מיט מיין קאַלע, דעם קאָלאָניסטס טאָכטער, הייסט עס, און מ׳זאָל מיך קאָלאָניזירן.

נאָר, וואַרט! וואַרט! איר זיינט נאָך ניט פאַרטיק, ס׳דאָ אַ פרישטש אַף דער מאַקע. מיין קונפטיקער שווער גלייבט עפּעס ניט אין דער גאַנ־צער מאַיסע וועגן מיין קאָלאָניזירן און פאַרלאַנגט דורכוים איך זאָל זיך פריער קאָלאָניזירן. און נאָכדעם — זאָגט ער, וועלן מיר שטעלן אַ כופּע.

אף וואָס קוקנדיק וועסטו כאַסענע האָבן — זאָגט ער. צוויי מייסים וועלן גיין טאַנצן. און ער איז אויך גערעכט.

גלייבט אָבער ניט די אַדמיניסטראַציע אין דער גאַנצער מאַיסע מיט מיין כאַסענע האָבן. האָב פריער כאַסענע — זאָגן זיי און נאָכדעם וועלן מיר דיר געבן אַ טשאַקרע. מיין צוקונפטיקער שווער וויל פריער זען דעם קאָנטראַקט פון דער טשאַקרע און די אַדמיניסטראַציע וויל זען פריער דעם קאָנטראַקט פון „רעכיסטראַ סיוויל״...

און איך שטיי אין מיטן, ניט אַהער און ניט אַהין. איך טאַינע צו זיי, גלייבט מיר אַז באַלד ווי איר וועט מיר געבן די טשאַקרע אַפן צווייטן טאָג וועל איך כאַסענע האָבן און דערציייל זיי טאַקע דעם גאַנצן עמעס, אַז איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ קאָלאָניסטיש מיידל און זי האָט אויך ניט דאַקעגן, אַזוי האָבן מיר שוין אָפּגערעדט פון לאַנג. וואָס טויג אייך מער? אַפילע אירע עלטערן זיינען אויך איינשטימיק... איך בין באַ זיי אין שטוב קימאַט ווי אַן אייגענער, נאָר, רעד צום דאַ־שעס!...

איר לאַכט, האַ? און מיך שטעכט עס. איך וואָלט אַ באַלן געווען, אייך צו זען אַף מיין פּלאַץ, וואָלט איר ניט געלאַכט. איר וואָלט גע־פילט דעם טאַם, וואָס הייסט אַ מענטש הענגט אין דער לופטן, ניט אַהער, און ניט אַהין. ניט אַראָפּצושלינגען און ניט אויסצושפּייען. מ׳קען דאָך אַראָפּ פון זינען, מ׳קען דאָך כאָלילע קראַנק ווערן. איך גיי ווי אַ פאַר־כאָלעמטער, איך שלאָף ניט דאָך די נעכט, איך עס ניט גאַנצע טעג, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן!

גיט מיר אַן אייצע! וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי זאָל איך האַנד־לען? איך זאָל זיך אַרויסדרייען פון דעם פּלאָנטער, — געוואַלד! יידן ראַטעוועט!... געוואַלד!...

אָקסן

שוין אַ פּאָר טעג, ווי עס האָט זיך געראַשט אין קאָלאָניע. פון דער אַדמיניסטראַציע איז געקומען אַ ידיעה אַז די טעג וועט מען געבן אָקסן. אַלץ איז שוין געווען קימאַט אַרויסגעטיילט: זשוגאַס, לאַנגע רימענע פּאַסן, אָנצובינדן מיט זיי די זשוגאַס צו די הערנער פון די אָקסן. אַ קליין פּאַראַנאַ־פלוגל אין פעלד האָט אויך ניט געפעלט צום אַקערן — נאָר אָקסן האָבן געפעלט איינצושפּאַנען אין פלוג. און טאַקע דערפאַר איז איצט די געדולע אַזוי גרויס און דער ראַש און געפילדער וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, האָט אָנגעפילט די לופט: אָקסן, אָקסן, אָקסן.

גאַנץ פרי, ווען ס'האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען שוין געהערט דאָס רעווען פון אָקסן, געמישט מיט דעם קוויטשנדיקן אוכקען פון די קריאָזשאַס, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם גרויסן קאָראַל.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געאײַלט קאָלאָניסטן. עלטערע זײַנען געגאַנגען צופוס, יונגוואַרג — רײַטנדיק און אַלע האָבן זיי געטראָגן מיט זיך: זשוגאַס, קייטן און שטריק. אַלץ האָט זיך געצויגן אַהין אין דער ריכטונג צום גרויסן קאָראַל צו.

דער קאָראַל אַ גרויסער, מיט שוואַרצע געדיכטע דראָטן אַרומגע־נומען, איז געווען פול געפּאַקט מיט אָקסן, פון פאַרשיידענע קאָלירן. די אָקסן האָבן זיך געשראָקן, זיך געוואָרפן אַלע מאָל אַף אַן אַנדערער זייט, זיך אויסגעדרייט, געקוקט מיט פאַרבידעשטע בעהיימישע אויגן אַף די אַלע, וואָס האָבן זיך אַרום קאָראַל אויסגעשטעלט. בויגן אַראָפּ די קעפּ, שטעלן אויס די הערנער, קוקן אַזוי אַ ווײַלע און באַלד אַנטלויפן זיי אין צווייטן עק.

אַביסל אין אַ זייט לעבן קאַראָל, אַרום אַ פּייערל, זיצן עטלעכע קריאָזשעס, מיט ברייטע לעדערנע פּאַרטעכער אַף אַ זייט אָנגעבונדן און ווי מיט אַ שערל פון אונטן טראָלדן אויסגעשוירן, פון פאָרנט מיט אַרויפגעבויגענע ראַנדן פון קאַפּעליוש אַזוי אַז דער גאַנצער שטערן זאָל זיך אַרויסזען.

יונגוואָרג האָט זיך אַרום פּייערל אַרומגעשטעלט, געכאַפּט אַ שמו־עס מיט די קריאָזשעס מעקויעך די אָקסן, געוואָלט אויספאָרשן עפּעס, געוואויר ווערן, צי זיינען די אָקסן ניט קיין ווילדע, און אַזוי גלאַט ריידן „שפּאַניש". אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער געזופּט אַ ביטערע מאַ־טע, וואָס די קריאָזשעס האָבן זיי מעכאַבעד געווען.

אויך אַרום קאַראָל האָבן זיך פאַרמירט רעדלעך פון עלטערע מענטשן, געקוקט אַף די אָקסן און געזאָגט מעווינעס, וועלכע זיינען בעסער צו דער אַרבעט און קוים האָט איינער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, שפּאַרט אים שוין איבער אַ צווייטער, און דרינגט פּונקט פאַרקערט.

— וועמען ווילט איר דערציילן? איך בין אַלע מיינע יאָרן געווען אַ מעקלער פון אָקסן, זאָל איך ניט ווייסן?

אַ צווייטער: — איך האָב געוואוינט אַלע יאָרן אין אַ דאָרף, געהאַלטן די קרעטשמע און אין דאָרף זיינען דאָך שוין געווים געווען אָקסן, האַ?

— שאַט! לאָם איך אייך דערציילן — שרייט אַ ייד מיט אַ געלער באָרד אַלעמען איבער — לאָם איך אייך דערציילן, אַזאַ מאַיסע האָט מיך אַמאָל שיר ניט טייער געקאָסט. ווען פּיינבערג איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אין שטעטל פאַרשרייבן קיין אַרגענטינע און אויספרעגנדיק מיך פון פאַר־שיידענע זאַכן, גיט ער מיך פּלוצעם אַ פרעג, אַזוי סטאַם אין דער וועלט אַריין, לעמאָשל, ווען מען זאָל מיר אויסקלייבן, אָט ווי איצט פונעם גאַנצן קאַראָל — אָקסן, וועלכע וואָלט איך אויסגעקליבן, גראָב־בייכיקע מיט קור־צע פּיס, אָדער דינע, הויכע און מיט לאַנגע פּיס? פאַרשטייט זיך, אַז איך האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און ס'האָט שוין געהאַלטן אַף אַ האָר אַז איך זאָל בלייבן אַ דאָרטיקער. צום גליק האָט עמעצער אַ שושקע געטאָן אין אויער אַריין, אַזוי, אַז נאָר איך האָב געהערט: גראָבע מיט קור־

צע פיס און מ׳האָט מיך גלייך פאַרשריבן. איצט פאַרשטייט איר שוין? האָ? אַז ווי באַלד אָקסן — לאָזט מיך...

אָפּגעטרונקען מאַטע, ווערט עס אין קאַראַל לעבעדיקער. קריאָזשעס דרייען מיט די, פון דעלער געפלאָכטענע לאַנגע שטריק, איבער די קעפּ פון די אָקסן, צווישן די אָקסן ווערט אַ טומל, שטופּן זיך אַלע צוזאַמען, וואַרפן זיך פון איין עק קאַראַל צום צווייטן, ס׳הערט זיך דאָס טעמפּע קלאַפּן פון די הערנער איינס אין אַנדערן און אין דער לופטן טראָגט זיך אַ געדיכטער שטויב. ס׳הערט זיך אַ רעוועגדיקער מיש־מאַש פון אָקסענע העלדזער.

פון אַלע זייטן דרייען זיך לאַסאָס, שניידן דורך די לופט מיט אַ שטילן זשום, וועלכע פאַלן איינציקווייז דאָ און דאָרט אויף די הערנער פון די אָקסן.

אייניקע בלייבן באַלד שטיין און גיבן זיך אונטער. אַנדערע ווידער ווילן ניט ליידן, קוים דערפילן זיי דעם שטריק אויף די הערנער, נעמען זיי זיך וואַרפן אויף אַלע זייטן, אַנטלויפן, מאַכן עטלעכע קרייזן אין קאַראַל, מיטשלעפנדיק דעם לאַסאָ־וואַרפער, וועלכער האַלט זיי פעסט באַם צווייטן עק לאַסאָ, די פיס פעסט אין דער ערד איינגעגראָבן, אַזוי, אַז שלעפנדיק לאָזט ער איבער צוויי סטעזשקעלעך אין דער ערד אויסגעגראָבן...

ס׳קומען אונטער קאָלאָניסטישע באָכערים, כאַפּן אָן די לאַסאָ און אַלע צוזאַמען, אָנמאַכנדיק קוילעס, וואַרפנדיק אַ שטראָם זידל־ווערטער אויפן כעשבן פונעם אָקס, שלעפּן זיי אים צום נאָענטסטן סלופּ. דער אָקס לאָזט זיך ניט, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, גראָבט איין די הערנער אין דער ערד. מיט אַן אַרויסגעשטעלטן צונג, מיט שוים אַרום מויל, רעוועט ער מיט מעשוגענעדיקע קוילעס. צו אים בינדט מען צו נאָך אַן אָקס, קעדיי זיי זאָלן ביידע זיין אַ פּאָר, אַ מין זיווג אין לעבן, וואָס זיי דאַרפן ביידע דורכמאַכן, שלעפנדיק איין זשוג...

אַזוי ווערט עס געאַרבעט אין אַלע זייטן, אומעטום ווערן די אָקסן צוזאַמענגעבונדן פּאָרווייז, קעדיי זיי שפּעטער אַזוי פאַרטיילן צווישן די קאָלאָניסטן. צוויי פּאָר יעדן קאָלאָניסט.

אַרום קאַראַל שטייען די עלטערע קאָלאָניסטן פאַרגאַפטע; וואָס פאַר

אַ ווילדע די אָקסן זיינען! און מיט די אויגן האָט יעדער אָפּגעקליבן די בעסטע אָקסן. יעדער נאָך זיין געשמאַק.

און ווען אַ גרויסע צאָל אָקסן זיינען געווען אויסגעקליבן פאָר־ווייז, האָט דער אויפזעער, דער אַלטער יאַקובאָוויטש, מיט דער גרויסער שיינער באָרד, (דער איינגענער, וואָס האָט אויך געהאַט צו זאָגן איבער די פערד) בעגעבן צו ווּיסן, אַז איצט וועט מען, אַל־פּי־גורל, צעטיילן די אָקסן; „אַלץ מוז צוגיין אָרנטלעך!"

נו, און יענע אָקסן? ווייזט אָן איינער מיטן פינגער פונעם רעדל, „אָט יענע האַ! וואָס מען טרייבט אַוועק פון יענער זייט קאַראַל"? אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַהין אַ קער געטאָן. אַף יענע אָקסן וועט מען ניט וואַרפן גורל? אַ צווייטער האָט באַמערקט: זעסט ניט, אַז ס'זענען די שענסטע און בעקאָוועדיקסטע אָקסן, זיי שטייט מינאַסטאַם ניט אָן צו מישן זיך מיט די אַנדערע אָקסן . . .

דער אויפזעער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, און אַ זאָג געטאָן אַזוי סטאַם אין דער וועלט אריין:

— קאָסטן גוט געלט דעם באַראָן!

דערמיט האָט ער — ווייזט אויס — געוואָלט געבן דעם שמועס אָן אַנדערע ריכטונג.

דער גורל איז צוגעגאַנגען „אָרנטלעך". פון אָן אַלטן קאַפּעליוש האָט מען אַרויסגעשלעפּט איינציקווייז פּאַרוויקלטע פּאַפּירלעך און יעדער מאָל נאָכן אַרויסשלעפּן אַזאַ פּאַפּירל, האָט דער אוילעם אַרום, מיט איינגעהאַל־טענעם אָטעם געקוקט דעם אויפזעער אין מויל אַריין און געוואַרט אַף זיין לעצט וואָרט. איבערגעלייענט, זוכט ער מיט די אויגן דעם, וואָס האָט זויכע גורל געווען און, ווי יענער מאַלעך אין הימל, פּערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן, רופט ער אויס: די און די אָקסן פאַר יאָסל כיגער! אָדער פאַר הערש פּוקס. און אַזוי קעסיידער. יעדער מאָל ווען ס'ווערט אַרויסגערעדט דער נאָ־מען פון איינעם, צוזאַמען מיט די אָנגעוויזענע אָקסן, אַזוי טיילן זיי זיך באַלד אָפּ איינציקווייז פונעם רעדל און נעמען זיך פאָרען יעדער באַ זיינע אָקסן.

שפּעטער, אַז מ'האָט געעפנט דעם טויער פון דעם קאָראַל, און יעדער האָט אַרויסגעפירט זיינע אָקסן, איז דעם יידן מיט דער געלער באָרד, וואָס פלעגט יעדער מאָל זאָגן: „לאָם איך אייך דערציילן", געפאַלן אין גורל צוויי אָקסן, הויכע, דינע, מיט איינגעצויגענע בייכער און לאַנגע פיס. האָט ער זיי, גלייך אַפן אָרט דעם זשוג צו די קעפּ צוגעבונדן און אַ דין שטריקל פאַרלייגט אַפן אויער פונעם אָקס. דעם צווייטן עק געהאַלטן פעסט אין די הענט און זיך אַזוי ברייטלעך געלאָזט גיין צום טויער, ווי איינער רעדט: באַ מיר אַנטלויפט מען ניט!

נאָר קוים זיינען די אָקסן געווען אַף דער פריי האָבן זיי גלייך גענומען אַנטלויפן מיטן זשוג, צום וואַלד צו.

און דער ייד מיט דער געלער באָרד, לאָזט ניט אָפּ דאָס שטריקל, מ'האָט דאָך אים ערשט די אָקסן געגעבן, וועט ער ניט אָפּלאָזן. ער ווערט מיטגעשלעפּט פון די אָקסן, וואָס אַמאָל שטאַרקער און גיכער, מ'זעט זיי שוין קוים אָן. מ'זעט נאָר ווי די אָקסן, וואָס זעען אויס פון וויטנס קלע־נער און קלענער, הייבן מיט די אונטערשטע טיילן פון קערפּער, און באַ דער זייט, עפּעס ווי אַ שוואַרצער פלעק. די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע האָבן זיך צעעפנט פון הינטן ווי פליגל . . .

און ווען מ'האָט אים אַפן צווייטן טאָג געפרעגט מעקויעך די אָקסן, האָט ער געענטפערט: לאָם איך אייך דערציילן . . . איך האָב נאָך פיינבערגן געזאָגט, אַז אָקסן זיינען גוט גראָבע מיט קורצע פיס . . .

דער ייד, וואָס „האָט אַלע זיינע יאָרן געוואוינט אין דאָרף" . . . האָט מיט זיינע אָקסן גלייך גענומען ריידן וואָלאַכיש. איינער, ווייזט אויס — האָט פאַרשטאַנען, נאָר דער צווייטער — אַ וואָרט ניט, ווייל ווען ר'האָט זיי דעם זשוג אָנגעטאָן און געהייסן גיין, האָט ער איינגעגראָבן ביידע פאָ־דערשטע פיס אין דער ערד, דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן און געקריצט מיט די ציין. און דער ייד טאַינעט מיט אים איין, און אַלץ אַף וואָלאַכיש: „דיע אריא! דיע באלא ניא!" — ווערט ער שוין בייזער. נאָר, ווי צו דער וואַנט, ניט פון אָרט. דער צווייטער אָקס, ווילנעבעך גיין, דרייט ער זיך אַרום דעם וואָס וויל זיך פון אָרט ניט רירן און אַזוי קימאַט דעם גאַנצן טאָג.

אַנדערע ווידער, האָבן אַף אַ שטריק געפּרואווט פירן די אָקסן באַ די הערנער, גייענדיק אַף פּאָרויס. נו, האָבן די אָקסן גראַדע געוואָלט גיין אַף אַן אַנדערן וועג. זיינען עס געווען צאָרעס...

אומעטום, אַף אַלע וועגן, איז דעם גאַנצן טאָג, געווען אַ מיש־מאַש פון מענטשן מיט אָקסן, אַ ראַנגלעניש און אַ שלעפּעניש, קוילעס, ליאַרמען, געשרייען האָבן אָנגעפילט די לופט, מענטשן האָבן געוועדט, געשריען צו די אָקסן אַף וואָלאַכיש, אַף שפּאַניש, און אַנדערע שפּראַכן. ס'איז זיי גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אָקסן קאָנען פונקט אַזוי גוט פאַרשטיין יידיש, ווי זיי פאַרשטייען גוט וואָלאַכיש, אָדער שפּאַניש...

מענטשן האָבן געשלעפּט די אָקסן יעדער צו זיך אין קאָראַל און די אָקסן האָבן געשלעפּט די מענטשן וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן...

ווען ער זאָל געווען וויסן

וואָלט שימען געוואוסט וועמעס ארבעט דאָס איז, וואָלט ער גאָר אנדערש געהאַנדלט. ווען זיי זאָלן אפילע זיין צוויי, אָדער דריי, וואָלט ער פאַר זיי אויך קיין מוירע ניט געהאַט. אין קויעך האָט ער זיך געפילט, אַז ווען ער טרעפט זיי נאָר באַ דער ארבעט, ווען זיי צעברעכן דעם שלאָס, וואָלט ער זיי פּאָשעט געבונדן, און געבונדענערהייט זיי געבראַכט אין קאָלאָניע זען וועך זיי זיינען. אָבער, דער כשאַד איז געפאַלן אַף איינעם אַ פּערזאָן, אַ געוויסן כואַן דיאַבלאָ, אַ קריאָזשאָ, וואָס האָט געוואוינט אין אַ ראַנטשע, ניט ווייט פון זיין פעלד.

און כואַן דיאַבלאָ, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען אַ מענטש, וואָס אַלע האָבן פאַר אים מוירע געהאַט. אַפילע די מער קוראַזשיקע האָבן אויסגעמיטן מיט אים זיך צו פאַרטשעפּן. זעלטן ווען מען האָט אים גע־הערט אויסריידן אַ וואָרט. טאָמיד אַ שווייגענדיקער. און נאָך זעלטענער האָט מען געזען אַ שמייכל אַף זיין פּאָנעם. שטענדיק האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן פאַקאָן פאַרנט אין גאַרטל אריינגעשטעקט. און ווי מען האָט דער־ציילט, איז ער שוין ניט איין מאָרד באַגאַנגען.

און דער כשאַד איז געפאַלן אַף כואַן דיאַבלאָ דערפאַר, ווייל נאָך מיט אַ שטיקל צייט צוריק, ווען דער ווייץ איך נאָך געווען גרין, נאָר וואָס אָנ־געהויבן לאָזן די זאַנגען, איז זיך שימען, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, אַזוי ארומגעגאַנגען באַטראַכטן דעם ווייץ, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט כואַן דיאַבלאָ, וועלכער איז געריטן אַף אַ פערד און געטריבן עטלעכע אָקסן, גלייך איבערן ווייץ. שימען איז אים ארויס באַלד אַנטקעגן און פארשטעלט די אָקסן דעם וועג. דערצו האָט ער אים נאָך שטאַרק אויסגערעדט, האַלב

אַף שפּאַניש און האַלב אַף וואַלאַכיש, פּאַרוואָס ער טרייבט די אָקסן איבער זיין ווייץ.

כואַן דיאַבלאָ, ווי טאָמיד אַ שווייגענדיקער, האָט באַלד אינסטינקטיוו, אַ לייג געטאָן די האַנט אַפֿן הענטל פֿונעם פּאַקאָן, וואָס ער האָט געטראָגן פֿאָרנט אין גאַרטל אַריינגעשטעקט. נאָר אַז ער האָט באַמערקט שימענס שטאָלצע האַלטונג און דערזען, ווי ער פּאָכעט אין דער לופֿטן מיט אַ שטעקן פֿון אַ טאַלאַ־בוים, האָט ער טייקעף פֿאַרקירעוועט די אָקסן צום וועג און אין דער שטיל עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס אַ מורמל געטאָן.

און איצט: שוין דריי נעכט קעסיידער, ווי מען צעהאַקט דעם שלאָס פֿונעם טויער, וואָס פֿירט פֿונעם געמיינזאַמען פּאָטרעראָ אין זיין פֿעלד אַריין און אַלע בעהיימעס פֿאַרשפּרייטן זיך איבער זיין פֿעלד און מאַכן אַ גוואַלדיקן שאָדן. כוץ דעם, וואָס זיי צעפּרעסן און צעטרעטן דעם נאָך ניט געשניטענעם ווייץ, צעוואַרפֿן זיי מיט די הערנער די שוין צוזאַמענגעלייגטע סנאָפּעס אין הויפֿנס. אויך פֿון די נאָר־וואָס געמאַכטע סטויגן מאַכן זיי אַ טעל.

די ערשטע נאַכט איז, עמעס, קיין שלאָס ניט געווען. נאָר, אַז שימען האָט געטראָפֿן גאַנץ פֿרי דעם טויער צעפּראַלט, דעם גאַנצן סקאָט פֿון דעם פּאָטרעראָ באַ אים אַפֿן ווייץ, האָט ער זיך געטראַכט, אַז מיסטאָמע האָבן דאָס די בעהיימעס אַליין, קראַצנדיק זיך אין טויער, אים געעפֿנט. האָט ער שוין אַף דער צווייטער נאַכט אויפֿגעהאָנגען אַ קייט מיט אַ שלאָס. נאָר אַפֿן צווייטן פֿרימאָרגן האָט ער ווידער געטראָפֿן דעם טויער אָפֿן און די בעהיימעס אַפֿן ווייץ. האָט ער אַף דער דריטער נאַכט ווידער אויפֿגעהאָנגען אַ גרעסערן שלאָס. און ווי גרויס איז געווען זיין פֿאַרדרוס און איבעראַשונג, אַז אויך דאָס מאָל איז דער שלאָס געווען צעבראָכן, דער טויער געעפֿנט און אַלע בעהיימעס באַ אים אַפֿן פֿעלד. און דערמאָנענדיק זיך אין זיין באַגעגעניש, ניט לאַנג צוריק, מיט כואַן דיאַבלאָ, איז שוין יאַ אים קיין ספֿק ניט געווען, אַז דאָס איז נאָר זיין אַרבעט.

אויך זיין שאָכן כאַים האָט באַשטעטיקט זיין פֿאַרדאַכט, ווייל, האָט ער געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ ייד וועט עס טאָן אַזאַ זאַך. יאָ, דאָס איז נאָר

זיין אַרבעט. דערווייל האָט ער ניט פאַרפעלט צו וואָרנען שימענען, ער זאָל זיין פּאָרזיכטיק, ווייל דער כואַן דיאַבלאָ איז אַ שלעכטער גוי און טראָגט טאָמיד בא זיך אַ לאַנג מעסער.

שימענען האָט עס אָבער ניט געלאָזט רוען, עס האָט זיך געהאַנדלט פון זיין האָרעוואַניע פון אַ גאַנץ יאָר. און נאָך אַזעלכע צוויי־דריי נעכט, ווען גאָרניט בלייבן פון דער גאַנצער קאַסעטשע. האָט ער בא זיך באַשטימט אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן. ער האָט אָבער פאַר קיינעם ניט גע־דאַכט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרטראַכט צו טאָן. די פרוי מיט די קינדער וואָלטן אים געווים אָפּגעהאַלטן פון אַזא שריט.

דער געדאַנק האָט אים אַ גאַנצן טאָג ניט געלאָזט רוען. און ווען ס'איז אָנגעקומען די נאַכט און ער האָט זיך אַ מידער אָוועקגעלייגט אין בעט, נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג, האָט ער בעשום אויפן ניט געקענט איינשלאָ־פן. האָט זיך געהאַלטן אין איין וואָרפן אַפן געלעגער פון איין זייט אַף דער צווייטער. און אַרום נאָך אַ האַלבע נאַכט, ווען אַלע אין שטוב זיינען גע־שמאַק געשלאָפן, האָט ער זיך שטיל, אָן ראַש, פון געלעגער אַראָפּגעשאַרט, זיך אָנגעטאָן און אַרויס אין דרויסן.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. די לעוואָנע איז שוין לאַנג פאַר־גאַנגען. לייכטע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן און האָבן פאַרשטעלט דאָס ביסל שיין פון די שטערן.

שימען איז אַזוי אַ ווײַלע געשטאַנען, זיך צוגעהערט צו דער שטיל־קייט פון דער נאַכט. אַ לייכט, פריש ווינטעלע האָט אים אַרומגענומען, זיך אַריינגעגאַנוועט אין זיין צעכראַשטשעטן העמד און אים איבערן לייב גע־גלעט.

פונעם קאָראַל האָט זיך געהערט דאָס פאָרכען פון די קי, וועלכע זיי־נען מיט האַלבע פאַרמאַכטע אויגן געלעגן און געמאַלעגייערט, אויך דאָס הירזשען פונעם פערד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט ניט ווייט פון שטוב, אַף אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן. פונעם שאָכנס גאַזשינערע האָט זיך געהערט אַ טומל צווישן די אויפעס. דאָס האָט מיסטאָמע אַ קאָמאַדרעכאַ געזוכט אַ האָן צוצוגאַנוועגען, פון די פעלדער אַרום האָט זיך געהערט דאָס פאַר־שיידנאַרטיקע גרילצן, שווישטשען און פייפן פון אַלערליי אינזעקטן

צווישן גראָז, רופנדיק. איינס דאָס אַנדערע. אין ערגעץ האָט זיך קיין ליכט ניט געזען.

שימען האָט א נעם געטאָן דעם שטעקן, וואָס ער האָט נאָך פון נעכטן צוגעגרייט און האָט מיט אים אינסטינקטיוו א פאָך געטאָן אין דער לופטן, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלן אויספּרואוון קעגן דעם אומגעזעענעם סוינע.

טייקעף האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן וועג. געלאָזט הינטער זיך די עטלעכע קאָלאָניסטישע שטיבלעך, אין דער פינצטער איינגעהילט. האָט זיך דורכגערוקט דורך דעם אַלאַמבראַדאָ פון פּאָטרעראָ און איז אַוועק אין זיין פעלד. יעדער ווײַלע האָבן אים אַנדערע כייעלעך פון די גערדאַנקען אויפגעוועקט. א קאַראַפּאַטווע אָדער א טעראָ, וואָס איז צווישן גראָז די נאַכט איבערגעשלאָפן, האָט זיך מיט א פליגל־פּאָכעריי און א קוויטש אין דער לופטן אַוועקגעטראָגן און ווידער אין גראָז זיך באַהאַלטן. אָקסן, קי און קעלבער, האָבן זיך איבעראַשטע פון זייערע געלעגערס אויפגעהויבן, א ביסל אין דער זייט אָפּגעטראָטן און פאַרוואונדערט אים נאָכגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: וואָס פלוצלינג אין מיטן דער נאַכט? האָ?

און אַזוי איז שימען אָנגעקומען צום טויער פון זיין פעלד.

א סאָווע, וואָס איז געשטאַנען אָפן טויער און געקוקט מיט אירע גרויסע, קיילעכדיקע, גרינע אויגן אין דער פינצטערער נאַכט, איז מיט א קוויטש אין דער פינצטערניש פאַרשוואונדן.

שימען האָט גענומען באַטראַכטן דעם שלאָס. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. דער שלאָס גאַנץ, דער טויער פאַרמאַכט. האָט ער זיך ווידער דורכגערוקט דורך דער אַלאַמבראַדע, געוואָרפן א בליק אין דער פינצטער־ניש אין דער זייט וואו דער ווייץ איז געווען. אַלץ איז געווען שטיל. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט.

באַמערקנדיק די פאַרלאָזטע ראַנטשע, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט, האַלטנדיק דעם שטעקן אין דער האַנט.

א היפּשע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, פאַרטיפט אין די גערדאַנקען,

געמאַכט כעשבוינעס פון דער קאַסעטשע. די קאַסעטשע איז נישקאָשע. זאָל זי נאָר קומען אין די הענט אַריין, וועט עפּשער סטייען צו באַצאָלן דער „ייקאַ" דעם יערלעכן אָפּצאָל. אויך דעם קרעמער, דעם קאַרניסעראָ, און אַנדערע כוויועס און... אונטער דער ווירקונג פון דער פרישקייט פון דער נאַכט, איז אים אַ זיסער דרימל באַפאַלן.

פּלוצלינג האָט אים אַ קלאַפּ פון אייזן אויפגעוועקט.

טשיק, טשיק, טשיק!...

ווי געביסן פון אַ שלאַנג איז שימען מיט איין שפּרונג שוין געשטאַנען אויף די פיס, מיטן שטעקן אין דער האַנט. און אין געדאַנק האָט אים אַ בליץ געטאָן: כואַן דיאַבלאָ!

באַם טויער האָט ער באַמערקט עפּעס אַ טונקל געשטאַלט איז געשטאַנען אָנגעבויגן און געהאַקט איבערן שלאָס.

קעגן אַ לאַנגן מעסער דאַרף מען זיך פּעדערן... און מיט אַ צווייטן שפּרונג, מיטן שטעקן אין דער לופטן, האָט ער אים גלייך אויף דעם טונקעלן געשטאַלט, מיטן גאַנצן קויעך, אַראָפּגעלאָזט.

אַן אויסגעשריי האָט זיך דערטראָגן, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, איבער די פעלדער.

— האַ! דאָס ביסטו, כאַים? האָט שימען געיאָמערט. ווען איך זאָל געוועזן ווייסן, וואָלט איך דאָך דיר געבונדן און אַ געבונדענעם געבראַכט אין קאָלאָניע, האַ, ווען איך זאָל געוועזן ווייסן!...

דער דערפינדער

שמועל, אַזוי איז זיין נאָמען, אַזוי איז ער פאַרשריבן אין אַלע ביכער פון „ייק׳א" און פון דער קאָאָפּעראַטיוו, וואו ער איז אַ מיטגליד, נאָר רופן רופט מען אים דער „דערפינדער". פון אָנפאַנג האָט מען אים גערופן — „שמועל דער דערפינדער", נאָר מיט דער צייט האָט מען זיין נאָמען אינגאַנצן פאַרבויגן, און עס איז אים פאַרבליבן נאָר דער צונאָמען: „דער דערפינדער". אַזוי אַז פילע ווייסן גאָר ניט ווי ער הייסט און צו האָט ער אַ נאָמען, קליינע קינדער רופן אים — ר׳דערפינדער און עלטערע, ווען זיי ווענדן זיך צו אים: „זאָגט נאָר! הערט נאָר".

און דעם נאָמען „דערפינדער" האָט ער באַקומען נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנקומען אין קאָלאָניע.

אין יענער צייט פלעגט מען אַקערן נאָר מיט אָקסן, צוויי פּאָר אָקסן געשפּאַנט אין דער לענג, די „זשוגאָס", מיט ביילעוו באַשמירטע און ברייטע רימענס פעסט צוגעבונדן צו די הערנער. אַ גראָבע קייט האָט פאַראייניקט ביידע פּאָר אָקסן און מיט אַ צווייטער קייט זיינען ביידע פּאָר געווען צוגעטשעפּעט צו אַ קליינעם, אייזערנעם פלוג, וועלכן מען האָט געמוזט צוהאַלטן פעסט מיט ביידע ווענט, ער זאָל ניט אומפאַלן. פלעגט שמועל, דאַן נאָך אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, מיט אַ לאַנגער „פּיקאַנאַ" אין די הענט, גיין באַ דער זייט און טרייבן די אָקסן. און זיין פאָטער, שוין אַן עלטערער מענטש, גייט נאָך פון הינטן און האַלט צו מיט ביידע הענט דאָס פלוגל און אַזוי שלעפּט מען זיך מיט אָקסן־טריט פון איין עק פעלד ביז דעם אַנדערן.

דער „באַראַסאַ", דער פאָדערשטער אויער־אָקס, מיט אַ שטריקל פאַר־

ליגט אפֿן אויער, מיט אַ שלייף, קריצט מיט די ציין פֿאַר קאַס. דער „נעגראַ", אַ פֿאָדערשטער צורקאַ־אָקס, כאַפּט זיך יעדער ווײַלע אַרויס פֿון צורקאַ. ווען ער דערזעט באַ דער זײַט עפּעס אַ געשמאַק גרעזל, שטעקט ער אַרויס אַ לאַנגע צונג, אַביסל אַף אַ זײַט. פֿאַרלייגט זי אַרום גרעזל, און נאָך איידער ער באַוויזט דאָס אָפּצופּליקן, שרייט שוין דער אַלטער „וואָלטאַ! וואָלטאַ! ניין, ניין! טשיטשאַ! טשיטשאַ!"" שמועל כאַפּט זיך מיט דער „פּיקאַנאַ", דער „נעגראַ" שטויסט זיך אָן וואָס מען מיינט, כאַפּט זיך צוריק אַרײַן אין צורקאַ, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען. באַלד אָבער דער־זעט דער „נעגראַ" נאָך אַ גרעזל, און גאָר פֿון גוטן סאָרט, פּאַשעט גאַניידן־טאַם, שטעלט ער אַרויס די צונג, באַלעקט זיך, די סלינע רינט אים פֿון מויל און דער יעצערהאָרע איז גרויס . . . און אָט־אָט גייט מען עס אַרײַ־בער, פֿאַרגעסט ער אין דער „פּיקאַנאַ" . . . כאַפּט זיך ווידער אַרויס פֿון „צורקאַ", ווידער שרייט דער אַלטער: „וואָלטאַ! וואָלטאַ!" ווידער כאַפּט זיך שמועל מיט דער „פּיקאַנאַ!"

שמועלן פֿלעגט דאָס לאַנגווײַליקן און אָפֿט פֿלעגט ער טראַכטן: פֿיר אָקסן און צוויי מענטשן און דאָך אַזוי ווייניק אַרבעט. נאָך מער פֿון אַלץ פֿלעגט ער ניט קאָנען צוקוקן ווי זײַן פֿאָטער האַלט זיך אין איין ראַנגלען מיטן פֿלוגל. עפּעס אַזוי ווי אַן אייביקע קריג זאָל זײַן צווישן זיי. דער אַל־טער פֿלעגט אַלע קויכעס אָנווענדן און מיט ביידע הענט זיך פֿעסט אָנ־שפּאַרן אין דעם פֿלוגל, קעדיי עס זאָל גיין גלײַך און דאָס פֿלוגל האָט, ווי עס האָט אויסגעזען, אויך ניט געשוויגן, זיך געדרייט און געבויגן אַף אַלע זײַטן און נאָר געוואָלט דעם אַלטן איבערקערן.

און ניט טאָמיד איז עס געלונגען דעם אַלטן דעם פֿלוג אײַנצוהאַלטן. זייער אָפֿט פֿלעגט עס טאַקע טרעפֿן, אַז דער פֿלוגל האָט גזיווער געוועזן דעם אַלטן און ניט אײַנמאָל אים איבערגעקערט און אַליין זיך צוגעלייגט אַף אַ זײַט. די אָקסן, דערפֿילנדיק מיט אַמאָל עפּעס גרינגער, הייבן אָן מאַכן האַסטיקע טריט. דער אַלטער, נאָך ליגנדיק אויסגעצויגן אַף דער ערד, מאַכט אָן קוילעס: „אָר־אָר־אָר־שי! אָר־אָר־אָר־שי! שמועל כאַפּט זיך אויף ווי פֿון שלאָף, פֿאַרלויפֿט פֿון פֿאָרנט, שטעלט אָפּ די אָקסן. דער אַל־טער הייבט זיך אויף, שטעלט אויף דאָס פֿלוגל און מען גייט ווײַטער.

און שמועל פּלעגט אַלץ גיין לעבן די אָקסן אַ פאַרטראַכטער, און גע־קלערט עפּעס אויפצוטאָן אַזעלכעס, אַז דער פּלוג זאָל גיין, מען זאָל אים ניט דאַרפן צוהאַלטן. אָפט פּלעגט טרעפן, אַז ער פּלעגט אַזוי פאַרטראַכטער־הייט אַוועקשפּאַנען פאָרויס פאַר די אָקסן. די אָקסן, דערזעענדיק אים פון פאָרנט, בלייבן מיט אַמאָל שטיין. דער אַלטער, ניט ריכטנדיק זיך דאַרויף, פאַלט מיט אַמאָל איבערן פּלוגל... אויפהייבנדיק זיך, בייזערט ער זיך אַף שמועלן: ווי גייט עס אַ מענטש אַזוי פאַרטראַכט? וואָס טראַכסטו, וואָס? אָדער קוקסט ווי פייגעלעך פליען?

איינמאָל קומט שמועל צום שמיד פון קאָלאָניע און מאָלט אים אויס ווי ער זאָל צומאַכן צו זיין פּלוגל, אין דער לינקער זייט אַ לאַנגע אַקס מיט אַ רעדל, קעדיי דאָס פּלוגל זאָל גיין אַליין מ,'זאָל עס ניט דאַרפן צוהאַלטן. דער שמיד באַטראַכט אים אַ ווײַלע, שפּעטער שיסט ער אויס אַ געלעכטער: וואָס ביסטו פלוצלינג געוואָרן אַ דערפינדער? אַז די פּלוגעלעך קומען אָן אַזוי, מינאַסטאַם דאַרפן זיי זיין אַזוי... נאָר אַז שמועל האָט מיט אים אָנגעהויבן איינטיינען: וואָס אַרט עס אייך, איך באַצאָל אייך פאַר דער אַר־־עט, יוואָס גייט עס אייך אָן? האָט דער שמיד אַ צי געטאָן מיט די אַקס־לען, טאָ! און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען דעם שמיד פאַרלייגט מיט אַר־בעט. אַלע קאָלאָניסטן האָבן, קוקנדיק אַף שמועלן, געלאָזט צומאַכן צו זייערע פּלוגעם אַזעלכע לאַנגע אַקסן מיט אַ רעדל אין עק. און שמועל האָט דאַן באַקומען דעם נאָמען „דער דערפינדער".

שפּעטער, ביים צווייטן מאָל איבעראַקערן די ערד, איז געווען פיל ווייכער און גרינגער פאַר די אָקסן, צוויי פּאָר זיינען שוין געווען צופיל, און איין פּאָר — ווייניק צו שלעפּן דעם פּלוג. און ווידער האָט שמועל גע־זוכט אַ מיטל צו דעם. איצט, אַז ער פּלעגט שוין אַקערן אַליין, האָט ער ניט איין טאָג פאַרלוירן און אָפּזיצן שאָענוויז אַף דער געאַקערטער ערד, לעבן פּלוג, און מאַכן פּלענער. און אין גערדאַנק שטעלט ער צוזאַמען גאָר אַ נייעם סאָרט פּלאַן. און אָט, אָט איז ער שוין באַ אים פאַרטיק. נאָר באַלד צע־וואָרפט ער דעם פּלאַן און הייבט אָן פון דאָסניי פּלענער צו מאַכן...

הייבט אָן פון אָנהייב: צוויי פּאָר זיינען צופיל, איין פּאָר איז ווייניק.

דערביי מאַכט ער צו די אויגן, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין קאַלטן אייזן פון פּלוג און מיט אַמאָל שפּרינגט ער אויף פון אָרט. די אויגן בײַ אים גלאַנצן, און אַ פרייד איז בײַ אים אױפן פּאָנעם אויסגעגאָסן. ער וועט שפּאַנען דריי אָקסן! אַנדערהאַלבן פּאָר!

און אַרבעטנדיק קעסיידער מיטן געדאַנק אין דער ריכטונג, האָט ער אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז איין פּאָר איז טאַקע געגאַנגען געשפּאַנט ווי פריער, נאָר איין אָקס האָט ער געשפּאַנט אין אַ באַזונדער האַלבן זשוג. און אַזוי קאָמבינירט בײַ דער שטילוואָגע, אַז די וואָג זאָל זײַן פאַר אַלע גלײַך.

עמעס, שמועל האָט ניט איין טאָג פאַרלוירן און האָט ניט געאַקערט. שכײַנים פלעגן דורכפאָרן, זיך אַ ווײַלע אָפּשטעלן און מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן אַ פרעג געטאָן: ווילסטו, עפּשער, אויסטראַכטן ווי צו אַקערן אָן אָקסן? זעסטו דאָס וואָלט שוין געווען גאָר אַ גוטע דערפינדונג.

שמועל פלעגט זיך אויפכאַפּן ווי פאַרשעמט, ניין... אַ שרײַפל האָט זיך נאָכגעלאָזט...

שפּעטער מיט אַ צײַט, ווען מען האָט אין קאָלאָניע אָנגעהויבן שמו־עסן אַז עס זײַנען ערגעץ פאַראַן אַזעלכע פּלוגעם מיט זיצן, וואָס מען זיצט אַף זיי. די אָקסן גייען זיך פּאַמעלעך פאָרויס אין „צורקאָ" און דו זיצטסט זיך אַפן פּלוג ווי אַ גראַף, טרײַבסט צוביסלעך אונטער די אָקסן, און כאַפּסט אַלע מאָל אַ קוק אַראָפּ צו דעם פּלוג, ווי ער קערט איבער די ערד. דאָס גראָז און בוריאַנעס ווערן באַהאַלטן, צוגעדעקט. און עס קומט צו נאָך אַ שמאָל פּאַסיקל שוואַרצע ערד צו דער שוין פון פריער אויסגעאַקערטער. און בײַ שמועלן אין מויעך האָבן שוין זיך אָנגעהויבן דרייען פּלענער ווי אַזוי צומאַכן צו זײַן קליין פּלוגל אַ זיץ. איז אָבער גראָד צו יענער צײַט דורכגע־פאָרן אין די קאָלאָניעס אַ הויכער „ייק'אַ"־באַאַמטער פון פּאַריז און שטאַרק קריטיקירט די קאָלאָניסטן וואָס האָבן געכאָלעמט פון לוקסוס, ווי אַ זיץ־פּלוג. האָט זיך שמועל אָפּגעזאָגט דערפון.

און אַז מען האָט געבראַכט ערעוו קאָסעטשע די ערשטע שנייד־מאַשין אין קאָלאָניע, איז ביי שמועלן אין קאָפּ געוואָרן אַן איבערקערעניש; דאָס ערשטע האָט ער גענומען שטודירן דעם פאַרוואָס, פאַרוואָס שנײַדן זיי?

וואָס איז די אורזאַך, פון וואַנען הייבט זיך עס אָן? ער פלעגט זיך אַרונ־טערדרוקן אונטער דער שנייד־מאַשין, זיך אוועקליינען אַף דער ערד מיטן פּאָנעם אַרויף, אַזוי, אַז נאָר די פיס האָבן זיך אַרויסגעזען, און אָפּליגן אַזוי שאָענווייז. נאָך דעם אַרויסקריכן פון אונטן, באַטראַכטן אַ ווײַלע פון דרויסן די מאַשין און אוועקגיין אַ פאַרטראַכטער.

ווער ווייסט וואָס ער האָט געטראַכט? ... נאָך דער קאָסטעשע צייט, ווען בײַ אַ קאָלאָניסט האָט ניט געוואָלט גיין די מאַשין, פלעגט מען גלייך אַריבערשיקן צו שמועלן און געבעטן ער זאָל קומען פאַרריכטן און שמועל פלעגט זיך ניט לאָזן בעטן. ווי אַ דאָקטער פלעגט ער פריער באַטראַכטן, אויספרעגן ווען און ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, און נאָכדעם זיך גענומען צו דער אַרבעט. און אַז מאַשינען האָבן זיך אָפּגעאַרבעט, האָבן קאָלאָניסטן זיי אוועקגעוואָרפן און געקויפט נייע. פלעגט שמועל צוזאַמענגעמען אַט די אַלטע, אָפּגעאַרבעטע מאַשינען, זיי צענעמען אַף שטיקלעך, יעדער טייל באַזונדער און מיט דער צייט האָט ער אָנגעזאַמלט לעבן זיין שטוב אַ גאַנצע גרויסע קופּע מיט טיילן פון אַלטע מאַשינען, פּלוגים און פאַרשיידענע רעדלעך. אָפט האָט מען אים דאָרט געטראָפן זיצן אַף דער ערד און באַ־טראַכטן זיין פאַרמעגן; פלעגט אַלע מאָל נעמען אַן אַנדער טייל אין דער האַנט, באַטראַכטן אַ ווײַלע און אוועקליינען, אָדער אויסלייגן אַף דער ערד עטלעכע טיילן און זוכן צו קאָמבינירן, נאָכדעם, זיי אַ וואָרף טאָן און אוועקגיין.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע און מען האָט צוזאַ־מענגעקליבן וואו ערגעץ אַן אַלט שטיקל אייזן, צו מאַכן דערפון טויט־אינסטרומענטן, האָט אַן אַלטער אייזנהענדלער אויך בײַ שמועלן געוואָלט אָפּקויפן זיין גאַנץ פאַרמעגן פון אַלטע אייזנס, האָט אָבער שמועל ניט גע־וואָלט וויסן דערפון, איז נאָך געוואָרן גוט ברויגעז און יענעם אויסגע־זידלט: ווי האָט מען עס קיין שאַנדע! קיין גאָט אין האַרצן! זאָכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר אַזעלכע צוועקן ווי אַרבעט, ווילט איר פון זיי מאַכן קאַנאָנען, ביקסן! מיר ווילן מען זאָל מאַכן פון די שווערדן אַקער־אייזנס, און איר נעמט אַקער־אייזנס און מאַכט פון זיי שווערדן. שעמט אייך! יענער האָט זיך קוים אָפּגעטראָגן.

אז מען זאָל אים מער ניט דערקוטשען מיט די אַלטע אייזנס, האָט ער זיי אַלע איבערגעטראָגן אין גאַלפּאָן. זאָלן זיי זיך ניט וואַלגערן פאַר די אויגן...

דאָרט, אין גאַלפּאָן, פלעגט ער פאַרברענגען גאַנצע טעג. אז מען האָט פון דאָרט געהערט עפּעס קלאַפּן, האָט מען שוין געוואוסט, אז דאָס פאָרעט זיך דאָרט דער דערפינדער, וויל עפּעס דערפינדן.

איינמאָל, האָט מען אים דערזען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און דאָס גאַנצע פּאָנעם אַזוי, אַז מען האָט נאָר די אויגן אַרויסגעזען. און וויפל מען האָט אים געפרעגט פון וואָס דאָס איז אים געקומען, האָט ער בעשום אויפן ניט געוואָלט זאָגן. און געזאָגט האָט מען אַז דאָס איז אים געקומען פון עפּעס אַ נייע מאַשין, וואָס ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט פון אַלטע טיילן און שפּרינזשענעס, אַז איינע פון די גרעסערע שפּרינזשענעס איז אַרויס פון איר נעסט און געפלויגן גלייך שמועלן אין נאָז.

דער אוילעם האָט זיך איבער אים לוסטיק געמאַכט און געשאָטן גלייכווערטלעך אַף זיין כעשבן, מינאַסטאַם איז נאָך דער וועלט ניט באַשערט געווען קיין נייע דערפינדונג. אָדער, אַלע גרויסע דערפינדער ליידן פון זייערע אייגענע דערפינדונגען.

שמועל האָט דאַרויף גאָרניט געענטפערט, גלייך ווי ניט אים מיינט מען. נאָר אַפן צווייטן טאָג האָט ער גענומען מאַכן אַ ניי גאַלפּאָנדל און אַהין איבערגעטראָגן אַלע טיילן. איין פענצטער האָט געהאַט דאָס גאַלפּאָנדל, אָבער העט, אויבן, אונטערן דאַך, קעדיי קיין פרעמד אויג זאָל ניט קאָנען אַריינקוקן. אַף דער טיר איז טאָמיד געהאָנגען אַ שלאָס. און ווען ער איז געווען אינעווייניק, האָט ער פאַררוקט מיט אַ שטיק אייזן.

נאָך היינט ווען מען גייט דאָרט דורך, הערט מען קלאַפּן, פיילן — דאָס אַרבעט דאָרט שמועל, דער דערפינדער.

די ערשטע אַרבעט

פופצן יאָר איז שמועל אַלט געווען, ווען ער איז, צוריק מיט דרייאונ־דרייסיק יאָר געקומען קיין אַרגענטינע, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, זיך קאָלאָניזירט אין איינע פון באַראָן הירשס קאָלאָניעס. נאָר אויסגעזען האָט ער ווי איינער פון צוואַנציק: הויך געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס און צוויי לאַנגע הענט, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיי. ער איז מיטאַמאָל, און צו שנעל אויסגעוואַקסן, געפילט אין זיך אַ ניט אויסגענוצטע קראַפט, וואָס איז איבערגעגאַנגען די ברעגעס און ניט געהאַט אַף וואָס זי צו פאַרטאָן, אַרומשפּאַנענדיק גאַנצע טעג אַף דער נאָך ניט באַאַרבעטער ערד אין קאָלאָניע, וואָס וואַרט שוין טויזנטער יאָר מ׳זאָל זי באַפרוכטן און באַטראַכטנדיק די גרויסע שטרעקעס לאַנד, וואָס וואַרטן אַף אים, אַף זיינע הענט, זיי זאָלן זיך באַהעפטן, האָט ער דערפילט אין זיך אַ צופלוס פון ענערגיע און ניט געוואוסט אַף וואָס און ווי אַזוי זי אויסצוניצן.

אָנקומענדיק אין קאָלאָניע ווינטער־צייט און ביז מען האָט זיי אָנגעוויזן דאָס שטיקל לאַנד, וואָס איז זיי דורך אַ גורל צוגעטיילט געוואָרן און אַרויסגעגעבן דעם געהעריקן רעמאַנענט: אַ קליין פּלוג, צוויי פּאָר אָקסן, זשוגעס, לאַנגע לעדערנע פּאַסן די זשוגעס אָנצובינדן באַ די הערנער פון די אָקסן און נאָך אַנדערע קלייניקייטן, איז די צייט דערווייל זיך געגאַנגען פאַראויס און מ׳האָט שוין דאָס יאָר ניט געקענט פאַרזייען.

די עלטערע האָבן זיך געקאָכט, געפּאָרן אָפּט אין דער אַדמיניסטראַציע, געהערט נייעס, געמאַכט פּלענער וואו צו בויען די שול און לעהאַוודל — די באָד. קיין דייגעס פּאַרנאָסע איז ניט געווען: מ׳האָט מאָנאַטלעך באַקומען פון דער אַדמיניסטראַציע צו אַכט פּעזעס אַף יעדער פּערזאָן און דאָס

לעבן איז געפּלאָסן ניט באַמערקטערהייט. שמועלן האָט דאָס אַלץ ניט אינ־טערעסירט, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך...

אַפּטמאָל, ווען מ'פלעגט צוזאַמענטרייבן אַלע פערד און שקאַפּעס פון די פעלדער אַרום אין דעם גרויסן קאַראַל, וואָס איז געשטאַנען אין צענ־טער פון קאָלאָניע, וואו „קריאָזשאָס" מיט לאַנגע לעדערנע פּאַרטעכער אַף אַ זייט און מיט לאַנגע „לאַסאָס" דרייען איבער די קעפּ און פאַרוואַרפן זיי אַף די העלדזער פון די פערד, וועלכע פלעגן שפּרינגען, זיך שטעלן אַף די הינטערשטע פיס און זיך וואַרפן אַף אַלע זייטן, — פלעגט דאַן שמועל, צו־זאַמען מיט זיינע כאַווירים, יונגע באָכערימלעך, אַוועק אַהין צום קאַראַל, זיך אַרומשטעלן פון יענער זייט דראָטענעם פּלויט און זיך בעטן באַם אויפ־זעער פון די פערד (אַ ייד אַ באַלגוף מיט אַ שיינער גרויסער באָרד, איינער פון די ערשטע דעלעגאַטן) מ'זאָל אים דערוויל געבן אַ וואָסער ניט־איז פערד אַף זיין פאָטערס כעשבן, אָדער אַזוי אויסלייען, זיך דורכפאָרן, און באַקומענדיק ניט קיין גינסטיקן ענטפער, פלעגט ער מיט קינע צוקוקן, ווען מ'האָט געעפנט דעם טויער ארויסצולאָזן די פערד. אַלע פלעגן זיך דאָס שטופּן צום טויער, ווי יעדער זאָל וועלן זיין דער ערשטער אַף דער פריי. און שוין זייענדיק אין דרויסן — שטיפן צווישן זיך, בייסן זיך כלומערשט איי־נער דעם צווייטן, שפּרינגנדיק אַף אַלע פיר, אָדער גאָר שטעלן זיך אַף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע זיך וועלן ארומנעמען ווי, לע־האַוודל, מענטשן. מאַכן פאַרשיידענע אָנשטעלן און נאָך דעם, מיט אַראָפּ־געבויגענע קעפּ און פאַררייסענע עקן, אויסשיסן אַ פולן גאַלאָפּ איבער די פעלדער, וואַרפנדיק מיט די הינטערשטע פיס אַמאָל אַהער, אַמאָל אַהין, עפּעס ווי זיי זאָלן וועלן אַלעמען צופרידנשטעלן.

שמועל פלעגט זיי, מיט גרויסע צעעפנטע אויגן, נאָכקוקן און ס'האָט אויסגעזען, אַז אויך ער, שמועל, האָט שטאַרק כיישעק געהאַט אַריינצורייסן זיך אין טאַבון פערד און זיך לאָזן מיט זיי צוזאַמען איבער די פעלדער.

ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן און... געלאַנגווייליקט זיך.

איינמאָל האָט שמועל, קימאַט מיט טרערן אין די אויגן, דאָך אויס־געבעטן באַם אויפזעער פון די פערד אַ קליין, רויט שקאַפּעלע, נאָר זייער אַ

רירעוודיקס צום רייטן. און מ׳האָט דאָס פאַרשריבן אַפן פּאַטערס בעשבן פאַר דער סומע פון זעכצן פּעזעס.

ס׳קאָסט אַליין דריי און פופציק דעם באַראָן הירש — האָט דערביי באַמערקט דער געוועזענער דעלעגאַט מיט דער שיינער באָרד.

פלעגט זיך שמועל אַרומטראָגן רייטנדיק אַפן רויטן זשעגוועלע, צוזאַמען מיט זיינע כאַווירים, איבער די פרייע פעלדער, מען האָט זעלטן ווען אָנגעטראָפן אַ דראָטענעם פּלויט, אויך פלעגן זיי רייטן אין נאָענטן וואַלד — און אַזוי פאַרטרייבן די ליידיקע צייט.

שפּעטער האָט מען זיי געגעבן אַ וואָגן מיט נאָך אַ פערד, אָבער דאָס פערד איז אַזוי גרויס מיט אַזעלכע פיס, אַז כעוורע פלעגט זיך וויצלען: פריער קריך אַרויף אַף דער שקאַפע און פון דאָרטן וועט דיר שוין זיין לייכטער אַרויפצודראַפּען זיך אַפן „אָווראָ״ (אַזוי האָט דאָס פערד געהייסן לויטן קאָליר).

נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, ווען מ׳האָט געדאַרפט שפּאַנען דעם וואָגן מיט דעם זייער גרויסן „אָווראָ״ און מיט דעם גאָר קליינינקן „זשעגוועלע״. דאָ פלעגט שוין זיין געשמאַק פיל ליידן... פלעגט ער טאַקע זעלטן ווען שפּאַנען דעם וואָגן.

דער ווינטער איז אַוועק. דער זומער איז געקומען. און צוזאַמען מיטן זומער — די שניט-צייט אין קאָלאָניע. און ווי שוין געזאָגט איז ניט געווען וואָס צו שניידן אין קאָלאָניע. האָט מען אָבער דערציילט, אַז אין די עלטערע קאָלאָניעס האָט מען געמאַכט „קאָסעטשע״ און מ׳קאָן דאָרט קריגן אַרבעט.

די עלטערע באָכערים האָבן זיך גענומען גרייטן אַרויסצופאָרן אין יענע קאָלאָניעס אַף אַרבעט. צוגעגרייט די רייט-פערד. ווער מיט אַן אַלטן, באַ אַ קריאָזשאַ אָפּגעקויפטן זאָטל, ווער גאָר אָן אַ זאָטל, נאָר מיט אַ שאָפּענער פעל, אָדער גאָר מיט אַ פּאָר ליידיקע זעק.

אויך שמועל האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין. האָט גאָר אויפגעלעבט — סאָף-קאָל-סאָף וועט ער אַרבעטן. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אַף דעם טאָג, ווען מ׳וועט אַרויספאָרן.

אין זיין לעבן האָט ער נאָך ניט געאַרבעט, האָט אַפילע ניט געוואוסט וואָס אייגנטלעך ער וועט דאָרט באַ דער „קאָסעטשע" אַרבעטן, ער האָט אָבער געפילט אין זיך אַן אינעווייניקסטן דראַנג צו אַרבעט — קימאַט אַ נויטבאַדערפטיקייט. און קויעך האָט ער געהאַט, דאַכט זיך, אַ וועלט אַי־בערצוקערן. האָט ער גענומען צוגרייטן זיין גרויסן „אָווראָ".

אַרומגעשוירן די גריווע, פאַרגלייכט דעם עק, אַרומגעהאַקט די קאָפּע־טעס און אַרומגעשוירן די לאַנגע האָר וואָס אַרום זיי. און ווען כעוורע האָט זונטיק פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט מיט די רעבענקעס אין דראָטענעם פּלויט לעבן זיין שטוב, האָט זיך שמועל ווי אַן אָפּגעבריטער, אויפגעכאַפּט און שנעל זיך אָנגעטאָן. זיין „אָווראָ" האָט שוין געוואַרט פון נעכטן אַ צוגעבונדע־נער אַף אַ לאַנגן שטריק. אים אָנגעטאָן אַ צוים, אַרויפגעוואָרפן אַ שאָפּענע פעל און אָנגעמענדיק מיט דער לינקער האַנט אַ בינטל לענגערע האָר פון דער אַרומגעשוירענער גריווע און געבנדיק עטוואָס אַף צוריק, איז ער מיט איין שפּרונג געזעסן אַפן רוקן פונעם „אָווראָ", פריער מיטן אונטערשטן טייל פונעם קערפּער, נאָכדעם, זיך אויסגעגלייכט. דער „אָווראָ" האָט זיך געגעבן אַ דריי אַפן אָרט, נאָכדעם אַ לויף פאַרויס. און אַז שמועל האָט אים איינגעהאַלטן, אַ צי געבנדיק באַ דעם צוים, האָט ער גענומען שפּרינגען און מאַכן קונצן. אַזוי, שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק, איז ער אַרויס צו דער כעווו־רע רייטער, וואָס האָבן אַף אים געוואַרט.

מיט אַמאָל האָבן אַלע רייטערס גערירט פון אָרט און אַוועק אין פולן גאַלאָפּ. מיט ראַש און געפּילדער געטריבן די פערד מיט די „רעבענקעס" און אין דער זעלבער צייט איינגעהאַלטן, געצויגן באַ די לייצעס. די פערד זיינען געשפּרונגען, געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן, געגעבן „פּעטשאַדאַס". און אַזוי פאַרנדיק האָבן זיי זיך באַלד פאַרקירעוועט מיטן וועג וואָס פירט אין דער נאָענטער קאָלאָניע „ראָש־פּינה".

פון מיזרעך־זייט האָט זיך באַוויזן אַ העלער, ליכטיקער פּאַס און וואָס אַמאָל איז ער העלער, ליכטיקער געוואָרן. ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. און אַזוי ניט באַמערקנדיק זיינען זיי אַריינגעריטן צווישן ווייץ־באַוואָקסענע פעלדער פון קאָלאָניע „ראָש־פּינה". דער ווייץ איז שוין געווען צום שניידן,

די זאַנגען צייטיקע, אָראָפּגעבויגענע פון זייער אייגענער מאַסע. פייגעלעך — פלאַם־פייער רויטע מיט ווייסע בלוי־באַברעמטע פליגעלעך און פון אַלערליי אַנדערע קאָלירן, קומען פון ערגעץ צופליען. זיי שטעלן זיך דאָ און דאָרט אַף זאַנגען, בייגן זיי נאָך מער איין און צעשראָקענע קוקן זיי, דאָ אַף די רייטער, דאָ אין דער זייט וואו זייערע נעסטן זיינען ערגעץ פאַרבאָרגן, און... צוירדר, צויררר, טשיוו־וו־וו. טשיוו־וו־וו, שפּרינגען פון איין זאַנג אַף דער צווייטער. און אויפהייבנדיק זיך מיט אַמאָל, גיט זיך די זאַנג נאָכמער אַ בייג, ווי צו „מוידים" שאָקלט זיך נאָך אַזוי אַ ווײַלע און בלייבט שטיין...

באַ די זייטן, מיט פעלד־בלומען באַשאָטן, אין טוי אויסגעבאָדענע, קוקן זיי מיט גרויס צעעפנטע און שמייכלדיקע אויגן. קוקן אַהין, אין יענער זייט, וואו דער הימל רויטלט זיך און קליינע ווייסע וואָלקנדלעך, באָדן זיך אין אַ יאַם פון גאָלד־קאָליר.

פאָרן זיך אַזוי רייטער, איינער לעבן אַנדערן, שטיל, ניט אַ וואָרט אויסצורײדן. יעדע ווײַלע הערט זיך נאָר דער שטילער אויסרוף: היי! היי! דאָס האָט אַלע מאָל אַן אַנדערער אַרויסגעקרעכצט, ניט געפינענדיק קיין ווערטער אויסצודריקן, וואָס זיי האָבן אין יענעם מאָמענט געפילט.

אויך די פערד גייען טריט באַ טריט, בייגן די קעפּ אַרויף און אַראָפּ און פאָרסקען, ניסן: די שאַרפע פערפומירטע לופט האָט זיי געקיצלט אין די נעזער.

„ראש־פּינה"! — האָט שמועל דער ערשטער אויסגערופן — און אַלע רייטער האָבן מיטאַמאָל אָפּגעהאַלטן די פערד.

די זון האָט געהאַלטן באַם אויפגיין, און אַלץ אַרום אין גאָלד איינגעטונקען. זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין טראָפּנס ראָסע, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון די שפּיצן גראָז און בלעטלעך. און קליינע זונען האָבן פון דאָרט אַרויסגעפינקלט. די פייגעלעך האָבן זיך מיט די ערשטע שטראַלן געשפּילט און אָנגעפילט די לופט מיט זייער פּישטעריי און סוויסשטשעריי.

פאַר די אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט די קאָלאָניע „ראש־פּינה".

עטלעכע קליינע שטיבעלעך מיט ווענט פון ערד, דעכער פון טשערעט,

א פאר הונדערט מעטער איינס פון ס'אנדערע, אין צוויי שורעס איינע קעגן דער צווייטער. צווישןביידע שורעס — די „פאטרעראַ" און אין דערמיט — דער טייך, וואס האט געבלאסקעט קעגן דער זון.

ווען די רייטער זיינען אנגעקומען אין קאלאניע, זיינען די קאלאניסטן שוין געהאט אויפגעשטאנען, זיך געגרייט צו דער ארבעט; ווער ס'האט זיך געפארעט בא דער שנייד־מאשין און ווער באם וואגן, אנגעבונדן דריקלעך, אים געמאכט ברייטער, ער זאל קאנען וואס מער סנאפעס אף זיך ארויפנע־מען. דער האט געפירט א פערד, אן אנדערער — געטריבן אקסן.

אז זיי זיינען צוגעקומען צו דער ערשטער שטוב, קריכט אפער איינער פון דער שנייד־מאשין, אין איין האנט האלט ער א שליסל, מיט דער צווייטער מאכט ער ווי א דעכל איבער די אויגן, וואס זשמורען זיך אנטקעגן דער זון. די גאנצע האלבאשע זיינע איז פול מיט בוימל פון דער שנייד־מאשין אויסגעשמירט. אף די פים א פאר אלפארגאטן, שטארק צעעפנט בא די פינגער, אזוי אז מ'וואלט זיי געקאנט אנטאן פון ביידע זייטן . . . דער מענטש שטעלט זיך אוועק, ווי א פראגעצייכן, זשמורענדיק מיט די אויגן, ווי ער זאל דערמיט פרעגן: וואס ווערט איר עפעס זאגן?

באלד ווערט צווישן זיי פארפירט א שמועס מעקויעך ארבעט און זויפל מ'צאלט א טאג. נאך א ווײלע פון אונטערהאנדלונגען, האבן זיך פון דער גרופע רייטער צוויי אויסגעטיילט און פארבליבן ארבעטן בא דעם קאלאניסט אף דעם פרייז פון צוויי פעזעס א טאג. אזוי צעטיילט איבער דער קאלאניע, דא איינער, דארט — צוויי דריי, האבן זיי אלע געפונען ארבעט.

שמועל האט געארבעט באם אלטן טאלטאל מיט זיין איידעם, דאניעל עלקים, נאר פאר א פעזע מיט פופציק א טאג, ווייל ער איז נאך ניט געווען קיין גאנצער ארבעטער. ער האט געארבעט באם צוזאמענלייגן די סנאפעס. געווארפן סנאפעס אפן וואגן און אפילע אפן סטויג, ניט ערגער ווי אנדערע. פארקערט: ער האט זיך נאך געפלייסט איבערצוואגן די אנ־דערע ארבעטער. און די ארבעט איז געווען א שווערע. די טעג — לאנגע און הייסע, און ווען ס'פלעגט קומען נאך א האלבן טאג און די זון האט אמשטארקסטן געברענט, פלעגט ער זיך אין שוויים באגיסן, און געפילט

ווי ס'שלעפּט אים צו דער ערד... ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט און, ווי ווייט מעגלעך, זיך אָנגעשטרענגט מ'זאָל די מידקייט אַף אים ניט דער־קענען.

אין אָוונט, נאָכן טאָג ארבעט, אָפּגעגעסן, און ווי מיד זיי זיינען ניט געווען און צעשפּרייט איבער דער קאָלאָניע, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען, זיך אויסזעצן אין אַ קרייז אַפן גראָז, אָדער זיך אַוועקלייגן מיטן פּאָנעם אַרויף און זיך צוהערן צו די מאַיסעס, וואָס ס'פלעגט דערציילן אַלע מאָל אַן אַנדערער, עפּעס קאָמישס פון זיין באַלעבאָס, פון דער ארבעט. נאָך יעדער דערציילונג פלעגט עס אָפּהילכן מיט אַ געזונט געלעכטער, וואָס פלעגט זיך צעטראָגן ווייט איבער די פעלדער אַרום. און אַז איניקע פלעגן נעמען איינשלאָפן אַפן גראָז, פלעגט מען זיי צעוועקן און יעדער איז זיך געגאַנגען אַף זיין פּלאַץ.

איינמאָל איז אַזאַ אָוונט, קומט שמועל מיט אַ נייס, אַז מאָרגן וועט ער גיין מיט דער שנייד־מאַשין. אַזוי האָט אים געזאָגט זיין באַלעבאָס. און דערציילט האָט ער מיט אַ קיוון: באַ אים איז דאָס אויסגעקומען פיל וויכ־טיקער ווי די אַנדערע קאָסעטשע־ארבעט, וואו מ'דאַרף מיינסטנס נאָר האָבן קויעך. באַ דער מאַשין אָבער, איז עפּעס אַנדערש: אַ סייכל־זאַך, מאַשי־נעריי! און אין הארצן האָט ער זיך געגרויסט קעגן זיינע קאָמפּאַניעראָס. עמעס, זיי פאַרדינען טאָקע מער פאַר אים, אָבער ניט באַ דער מאַשין...

דעם צווייטן טאָג איז שמועל אויפגעשטאַנען פריער ווי טאָמיד. אָבער מיט דער מאַשין איז מען אַרויסגעפאָרן אין פעלד אריין שוין שפּעט אַפן טאָג. מ'האָט געדאַרפט עפּעס צורעכטמאַכן, איינציען שרייפלעך, אָנציען די לייוונטן, אָנגיסן בוימל אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער פון דער מאַשין, אריינציען דעם פאָדעם, שפּאַנען די אָקסן און ווען די זון איז שוין געווען הויך, איז מען ערשט געווען פאַרטיק. און ביז מ'איז געקומען אַפן פעלד, האָט מען קוים באַוויזן ארומצוגיין אַ פּאָר מאָל מיט דער מאַשין דעם ווייץ און מ'האָט געמוזט אויסשפּאַנען, ס'איז געוואָרן האַלבער טאָג.

נאָך האַלבן טאָג, האָט מען ווידער געשפּאַנט די אָקסן און ווידער גע־נומען שניידן די ווייץ.

דער באַלעבאָס, ה' עלקים, האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן בענקעלע פון דער מאַשין. שמועל האָט מיט אַ לאַנגן שטעקן, אין וועלכן ס'איז געווען אין עק אַ צוואָק מיט אַ שאַרפן שפּיץ, געטריבן די אָקסן. אַ שטאָך אַמאָל דעם, אַמאָל יענעם אָקס. די מאַשין איז געווען אַ לינקע, ד. ה. דאָס מעסער מיט די פליגל זיינען געווען אין דער לינקער האַנט פון דעם וואָס איז אַף דער מאַשין געזעסן, און אין דער זעלבער זייט, וואו שמועל מיטן לאַנגן שטעקן אין האַנט איז געגאַנגען לעבן די אָקסן, אין דעם נאָך ניט אָפּגע־שניטענעם ווייץ.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט מיט פייער געברענט. און נאָך איידער מ'האָט געמאַכט דעם ערשטן קרייז אַרום ווייץ, איז שמועל געוואָרן נאַס, דורכגעווייקט פון שוויים. די האָר פון די זאַנגען, ווי שאַרפע זעגעלעך, האָבן זיך אים דורך די אַרבל, דורכן אָפענעם צעבראָסטעטן העמד, צום לייב אַריינגעגאַנוועט און מיט שוויים צוגעקלעפּטע האָבן זיי אים געשטאָכן און געשמאַרצט. די פיס, האָט ער געפילט, הערן אים אויף צו דינען, יעדע ווילע זיך פאַרפּלאָנטערט אין ווייץ, אָדער זיך אָנגעשטויסן אין גרויסע, שטעכעדיקע בוריאַנעס, וואָס זיינען געוואַקסן דאָ און דאָרט צווישן ווייץ, דערביי פלעגט ער כאַפּן אַ קוק אַף צוריק וואו דאָס מעסער מיט די פליגל אַרבעטן נאָענט הינטער אים, שניידן אונטער אַלץ, וואָס קומט זיי נאָר אַנטקעגן. דער געדאַנק אַליין, אַז טאָמער פאַלט ער, וועט ער צעשניטן ווערן פונעם מעסער, האָט אים געשטויסן, וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער.

דעם באַלעבאָס, ה' עלקים, איז ווייזט אויס געפעלן, ווי דער „גרינער" טרייבט די אָקסן שנעל און גוט, האָט ער אים אַלע מאָל אונטערגעגעבן כיי־שעק: גיכער! גיכער! (ער האָט די „ר" ניט געקאָנט אויסריידן). שמועלן פאַרדריסט דאָס. ער טוט, דאַכט זיך, אַלץ וואָס איז מעגלעך. טרייבט ער די אָקסן נאָך שנעלער, שטעכט זיי, אַז בלוט רינט ...

די אָקסן קאָרטשען זיך, בייגן זיך, דרייען מיט די עקן און גייען אַלץ שנעלער און שנעלער. און פון דער מאַשין הערט זיך אַלץ דאָס גלייכגיל־טיקע קאָל פונעם באַלעבאָס, ה' עלקים, גיכער! גיכער!

שמועל טרייבט שוין די אָקסן מיט קאַס. טרייבט נאָך גיכער, שטעכט

אַף אַלע זייטן מיט דעם שפּיציקן שטעקן, שרייט ביז הייזעריק ווערן: וואַ־מאַ! וואמאַ! וואַ־מאַ־אַ־אַ! רייסט ער זיך אַף אַ ציטערדיק, קוויטשענדיק קאָל, אויסגעמישט מיט געוויין...

די אָקסן שטעקן אַרויס לאַנגע צונגען, אַרבעטן שטאַרק מיט די זייטן און וואָס גיכער זיי גייען, שרייט אַלץ עלקים פונעם זיץ אַף דער מאַשין: גיכער! גיכער!

אָט אַזוי אַרומגעגאַנגען עטלעכע מאָל מיט דער מאַשין דעם ווייץ. שמועל פילט אַז אָט־אָט וועט ער פאַלן. דער שווייס רינט אים איבער די אויגן, איבערן מויל און וואָס אַמאָל דוכט זיך אים, ווערט עס פינצטערער און פינצטערער. נאָר פונקען פילן אַן די לופט, דער אָטעם ווערט אים וואָס אַמאָל קירצער און אַזוי, ווי פון ערגעץ העט ווייט, ווייט, הערט זיך אַלץ: **גיכער! גיכער!**

פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין, מער מיט קיין פוס ניט געקאָנט רירן. האָט זיך נאָר געוואַקלט הין און צוריק. דאָס האָט אָבער ניט מער גע־דויערט, ווי איין אויגנבליק. ער האָט באַלד דערפילט די באַרירונג פון די פליגל פון דער מאַשין אונטער זיך. האָט ער מיט איבערנאַטירלעכן קויעך געגעבן אַ שפּרונג פאַרויס, מיט דעם לאַנגן שטעקן געגעבן די אָקסן איבער די קעפּ, זיי זאָלן בלייבן שטיין. און איז אומגעפאַלן.

אַ דערשראָקענער איז עלקים אַראָפּ פון דער מאַשין און צוגעלאָפן צו שמועלן, וואו ער איז געלעגן אַן אויסגעווייקטער אין אַ טייך פון שוויים, די אויגן צוגעמאַכטע, אינגאַנצן רויט, געברענט ווי פייער, דאָס מויל צע־עפנט און שווער געצויגן דעם אָטעם.

ה' עלקים איז געשטאַנען איבער אים אַנגעבויגן, געפאָכעט מיטן היטל, אים געמינטערט און ניט אויפגעהערט פרעגן: וואָס, שמועל? וואָס איז דיר? זאָג! פאַרוואָס שווייגסטו? רייד!

צוביסלעך איז שמועל צו זיך געקומען, האָט לייכטער גענומען ציען דעם אָטעם און ווען ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען עליקסן לעבן זיך, איז דאָס ערשטע וואָס ער האָט אים געענטפערט: אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!

ער האָט בעשומויפן ניט געוואָלט ענדיקן דעם טאָג אַרבעט, כאָטש עלקים האָט אים געבעטן און געסטראַשעט. ער איז אַזוי געזעסן ביז די זון האָט זיך אַביסל אַראָפּגערוקט צו מאַירעוו און ס'איז געוואָרן קילער. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין קאָלאָניע. זיך צערעכנט מיטן אַלטן טאָפּעלטאַל. געכאַפּט דעם „אָווערא" זיינעם, ארויפגעוואָרפן די שאָ־פענע פעל, נאָכדעם — אין פולן גאַלאָפּ אַוועק גלייך איבער די פעלדער אַהיים, צו זיך אין קאָלאָניע.

אַזוי האָט שמועל צום ערשטן מאָל געאַרבעט באַ דער קאָסעטשע אין אַרגענטינע.

וועלט און מענטשן

##ביידע האָבן זיי געזינדיקט

גאַנץ פרי, נאָך פאַר זון־אויפגיין, איז די באַן געשטאַנען גרייט אוועק־צוגיין. האָט נאָר געוואַרט, דער ווייזער פונעם גרויסן סטאַנציע־זייגער, זאָל זיך נאָך אביסל אַ רוק טאָן און ס'זאָל זיך הערן דער ערשטער קלונג.

אַפן געשלענגלטן וועג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון ליימיקן באַרג, וועלכער פאַרשטעלט מיט זיך דאָס שטעטל דיאַמאַנטע, — לויפן איינס נאָך ס'אַנדערע, קאַטשן, אויטאָמאָבילן. קומען צו און בלייבן שטיין לעבן סטאַנציע. שטייגן אַרויס פון זיי פּאַסאַזשירן, צעצאָלן זיך, קויפן בילעטן באַם קליינעם אָפענעם פענצטערל און איילן זיך אין וואַגאָן אַריין.

קוקט מען אַרויס דורך דעם פענצטער פונעם וואַגאָן אַף דער צווייטער זייט, זעט מען, ווי ס'ליגט אויסגעשפּרייט אין זייער גאַנצער גרויס דער טייך פּאַראַנאַ, קוים וואָס ער באַוועגט זיך. דאָ און דאָרט, מינעט ער זיך, רינצלט זיך, און ווידער בלייבט ער גלאַט, רואיק, און גייט זיך זיין אייביקן וועג.

צוזאַמענגעפּלאָכטענע וואַסער־פּלאַנצן, פון ערגעץ אַראָפּגעריסן, טראָגן זיך מיטן שטראָם, פּאַמעלעך, מאַיעסטעטיש, פּונקט ווי זיי זאָלן זאָגן: פון דאָרט קומען מיר און אַהין גייען מיר...

גרויסע שיפן שטייען איינע לעבן דער צווייטער צום ברעג צוגעבונדן. וועקן זיך פון נאַכטיקן שלאָף, קעדיי באַלד זיך ווידער נעמען צו טעגלעכער אַרבעט.

קליינע שיפלעך אַף שטריק אָנגעבונדן. פון יעדן ווינטעלע, וואָס גיט אַף זיי אַ בלאָז, כאַפּן זיך אויף, הוידען זיך אַהין און צוריק, שטיפן צווישן זיך.

קליינע שיפעלעך זיינען אַפּטמאָל ווי קליינע קינדער: יעדער קלייני־קייט רופט בא זיי אַרוים פרייד און אומרואיקייט.ווען נישט דער שטריק, וואָלטן זיי ווער ווייס וואו אַנגעשפּאַרט...

אויף יענער זייט טייך. אויפן אינדזל, פון צווישן די ביימער זעט זיך א בלווילעכער, דינער רויך, ציט זיך אַרויף, בייגט זיך יעדער ווײַלע אויף א זייט, געטריבן פון א קליין ווינטעלע, וואָס קומט פון ערגעץ אָן.

עטלעכע בעהיימעס הויבן זיך אויף, איינע נאָך דער אַנדערער פון זייערע נאַכט־לעגערס, לאָזן זיך גיין, פּאַמעלעך, ביז זיי פאַרשווינדן איינ־ציקווייז צווישן די ביימער.

א ווייסער פראָסט ליגט אויף אַלץ אויסגעשפּרייט.

אין וואַגאָן עפנט זיך יעדע־ווײַלע די טיר. ס׳קומען אַריין נייע פּאַ־סאַזשירן מיט זייערע פּעקלעך, פאַרנעמען א פּלאַץ, מאַכן זיך, ווי ווייט מעגלעך, באַקוועמער.

א יונגע פרוי מיט א פּעקל אין האַנט, דאָס פּאָנעם געפאַרבט, אוי־פאַלנד געקליידט, מיידט אויס די בליקן, וואָס באַגעגענען זי פון אַלע זייטן, זעצט זיך אַוועק אויפן ערשטן בעסטן פּלאַץ, דאָס פּעקל לעבן זיך און פאַר־קוקט זיך אין פענצטער, אין דער ריכטונג פון שטעטל.

צוויי מאָנאַשקעס אין זייערע רעליגיעזע, גראָב־געוואַנטענע, טונקעלע טוניקעס, מיט פאַלדן אַרום און אַרום, מיט ווייסע שטייף געפּרעסטע טשיפּקעס, וואָס שטעקן אַפּיר פון די שוואַרצע שלייערס אַרום שטערן און ענג פאַרבונדן אונטער די גוידערס, פרום מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיידן אויך אויס די בליקן וואָס באַגעגענען זיי. זיי זעצן זיך אַוועק קעגן דער יונגער פרוי מיטן פּעקל.

אינסטינקטיוו באַגעגענען זיך זייערע בליקן. קוקן זיך א ווײַלע אי־בער, ווענדן זיך אָבער באַלד אָפּ. די גראָבט איין איר פּאָנעם צוריק אין פענצטער, און יענע — פאַרטיפן זיך אין זייערע הייליקע ביכלעך.

די באַן האָט גערירט. אין וואַגאָן איז געוואָרן לעבעדיקער. דאָ און דאָרט פאַרבינדן זיך געשפּרעכן צווישן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אַנ־דערע האָבן געדרויכערט.

די לופט אין וואגאָן איז געוואָרן אַ ווארעמע און שווערע.

די יונגע פרוי, אָנשפּארנדיק זיך אַף דער האַנט, האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי זי זאָל איינדרעמלען. און עפּשער האָט זי נאָר אַזוי די אויגן גע־האַלטן צוגעמאַכט און נאָך אַמאָל איבערגעלעבט געוויסע פּאַסירונגען אין איר לעבן: אָט זעט זי זיך נאָך גאָר אַ יונג מיידל בּאַ אירע עלטערן אין הויז. עמעס, ניט רייך, נאָר מ׳האָט זיך ווי ס׳ניט איז דורכגעלעבט. קיין זאַך האָט איר, דאַכט זיך, ניט געפעלט. נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיט „אים" באַגעגנט, געגלויבט ער וועט זי גליקלעך מאַכן, אַוועק פון דער היים. שפּע־טער, ווען ער האָט זי פארלאָזט — אַ היים זיך ניט געקענט אומקערן . . .

וועלנדיק אויסבאַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט די פרוכט פון דער ליבע, איז זי נאָך מער פארקראָכן אין זומפּ פון לעבן. און וואָס מער זי האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן האָט זי אַלץ מער געזונקען . . .

און יעדער מאָל, ווען דער וואַגאָן האָט זיך שטאַרק אַ טרייסל געטאָן, האָט זי גרויס געעפנט די אויגן, זיך טיף מיט זיי איינגעגעסן אין די צוויי מאַנאַשקעס וואָס זיינען געזעסן אַנטקעגן.

אויך די מאַנאַשקעס האָבן זיך שטאַרק פארטיפט אין זייערע הייליקע ביכלעך און האָבן פון דאָרט הייליקע פּסוקים אַרויסגעלייענט. נאָר, בּאַ יעדער בלעטל איבערמישן, האָבן זיי דערוויילן געכאַפּט אַ קוק אַהין, צו יע־נער פרוי, וואָס האָט ווי געדרעמלט און אַף איר פּאָנעם איז געווען איר גאַנצער עלנט פארשפּרייט.

אָפּטמאָל איז איינע פון די מאַנאַשקעס, די יינגערע, געבליבן זיצן מיט צוגעמאַכטע אויגן, דאָס ביכל אין די הענט אַף די קני אַראָפּגעלאָזט. און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס פארטיפט זי זיך אין דער גאָטהייט און אין זיינע מאַסים. און עפּשער האָט זי אין דעם מאָמענט נאָך אַמאָל איי־בערגעלעבט געוויסע מאָמענטן אין איר לעבן: זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, ווען זי איז מיט אירע עלטערן צו אירע קרויווים אין דאָרף גע־פאָרן. דאָרט האָט זי זיך מיט אים באַגעגנט, צוזאַמען איבער די פעלדער אַרומגעלאָפן, אַף בערג געקלעטערט, אַף פערד געריטן און ער האָט איר אייביקע ליבע געשוואוירן.

אירע עלטערן האָבן זי אָבער מיט גאָט פאַרקנאַסט, און זי איז אין קאָנוועגט אַנגעקומען. ער האָט איר אָפט געשריבן, אז זי באַגייט אַ פאַר־ברעכן, זינדיקט קעגן גאָט, וואָס האָט דאָס לעבן באַשאַפן. און די ווענט פון קאָנוועגט זיינען דיקע, דריקן ווי אין קייווער. און עפשער איז ער גע־רעכט, וואָס ער האָט איר געשריבן, אַז זי זינדיקט, פאַרלירטביידע וועלטן. און זי איז ניט וויניקער זינדיק ווי אָט די פרוי וואָס זיצט אַנטקעגן.

און ווען זי האָט די אויגן ווידער געעפנט, האָבן זיי זיך צוזאַמענגע־טראָפן מיט די בליקן פון יענער פרוי.

אין צווייטן עק וואַגאָן האָט זיך געטומלט. אַלעמענס בליקן זיינען אַהין געווען געווענדט. אַ קינד פון אַ יאָר דריי, נעט געקליידט, האָט גע־פּלוידערט, געלאַכט, געענטפערט אַף אַלע פראַגן און וואָס ס'זאָל ניט האָבן געזאָגט, האָט דאָס אַרויסגערופן פרייד און געלעכטער באַ אַלעמען.

די מוטער האָט געקוואָלן פון נאַכעס. שפעטער האָט עס גענומען לויפן אין דער לענג פון וואַגאָן, צווישן די בענק. דאָס קינד האָט זיך געוואַקלט, האָט אַנגעוואָוירן דעם גלייכגעוויכט און געפאַלן. ביידע מאָנאַשקעס און די פרוי באַם פענצטער האָבן זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן צום קינד, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט באַוויזן עס צו דערכאַפּן. די מוטער איז אונ־טערגעקומען און עס אויפגעהויבן.

ווידער האָבן זיי זיך געטראָפן מיט די בליקן. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט פאַרדרוס און בענקשאַפט...

אַ לאַנגער פייף, די באַן הייבט אָן גיין לאַנגזאַמער, ביז זי בלייבט שטיין.

אַ סטאַנציע.

פּאַסאַזשירן איילן אַראָפּ און אַרויף. די פרוי באַם פענצטער כאַפּט איר פּעקל אַראָפּ פון וואַגאָן און לאָזט זיך גיין מיט דער ערשטער גאַס.

די מאָנאַשקעס קוקן איר נאָך דורכן פענצטער.

די פרוי קוקט זיך אַ ווײַלע אום און גייט ווייטער.

עפּעס האָט זיי פאַרבונדן, ביידע האָבן זיי געזינדיקט...

סע לוסטראַ...

די טאָג־אַרבעטער זיינען שוין לאַנג פון דער גאַס פאַרשוואונדן, ווער צום פאָרט, אין די דעפּאָזיטן, אָדער אין די פאַבריקן. דורך דער פּלאַסע טראָגן זיך דורך געשווינדט אָנגעשטעלטע אין די ביוראָען, כאַפּן אַ קוק אַפן שטאָט־זייגער: פּונקט אַכט, און ווערן ערגעץ פאַרשוואונדן.

אויטאָמאָבילן, קאַטשן, וועגענער פילן אָן די לופט מיט זייער גערו־דער און קלאַפּעריי אַף דעם שטיינערנעם ברוק.

ציימונגס־פאַרקויפער און שטיוול־פוצער רעקאָמענדירן זייער סכוירע און זייער פּראָפעסיע אַפן קאָל.

פון אַ זייטיקער גאַס זעט זיך אָנקומען אַ מאַן. ער גייט מיט געציילטע טריט, ניט געאיילט. אַף אַ דין קייטעלע צוגעטשעפּעט צו אַ לעדערנעם, מיט מעטאַל באַדעקטן האַלדזבאַנד, גייט אים נאָך אַ גרויסער הונט, ענלעך צו אַ וואָלף.

אויך דער הונט מאַכט קליינע טריט, פּונקט ווי זיין באַלעבאָס, ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך.

אַזוי קומען זיי ביידע אָן אין פּלאַסע.

— דיאַריאָ! — לייגט אים פאָר אַ ציימונגס־פאַרקויפער. ער נעמט אַרויס אַ ניקל, באַצאָלט, זעצט זיך ברייטלעך אוועק אַף אַ באַנק, עפנט די ציימונג, שפּרייט זי אויס פאַר די אויגן און פאַרטיפט זיך.

דער הונט לאָזט זיך אַראָפּ אַפן בויך, די פאָדערשטע פיס אַף פאָרויס, די הינטערשטע אונטער זיך און נעמט לעקן די שיך פון זיין באַלעבאָס. נאָר דערפילנדיק זיין באַלעבאָס האַנט אַף זיין רוקן, זעצט ער זיך שנעל

אויף, אונטערגעשפּאַרט מיט די פּעדערשטע פיס, שאַרט מיטן עק הין און צוריק אַף דער ערד און מיטן פּיסק זוכט ער צו לעקן זײַנע הענט.

— סע לוסטראַ! — שטעלט זיך אָפּ אײנער מיט אַ קעסטל באַ דער זײַט. און אַף אַ קוים־באַמערקבאַרן שאָקל מיטן קאָפּ פון יענער זײַט צײַ־טונג, אַ סימען פון אײַנשטימיקײט, וואַרפט ער זיך אַף דער ערד צו יע־נעמס פיס, כאַפּט אַרויס שנעל די בערשטלעך און שוואַוואַקס, און נעמט פלינק מיט זײ אַרבעטן. פריער אַף אײן שוך, דערנאָך אַפן צווייטן און באַלד נעמט ער אַרויס גאָר אַ באַזונדער בערשטל און פּוצט אויס די הויזן ביז די קני.

דער הונט רוקט זיך אַביסל אין אַ זײַט און קוקט קרום אַף זײַן קאָנ־קורענט. אים דאַכט זיך אַז אָט־דער מענטש מיט די בערשטלעך לעקט מיט זײ די שיך פון זײַן באַלעבאָס, אָנשטאָט צו לעקן זײ מיט דער צונג... און הייבט אָן צו וואָרטשען. ער ווערט אָבער באַלד באַרואיקט, פילנדיק זײַן באַלעבאָס האַנט, וואָס גלעט אים איבערן קאָפּ.

געענדיקט די אַרבעט, נעמט דער שוך־פּוצער צוזאַמען זײַנע בערשט־לעך און באַקומענדיק אַ ניקל, גייט ער זיך ווייטער.

— סע לוסטראַ! סע לוסטראַ!

צווי וועלטן

אן אלטער, אָפּגעריסענער מאַן, בלינד אַףביידע אויגן, איינגעבויגן אין דרייען, ווערט געפירט בײַ דער האַנט פון אַ קליין אכט־יעריק ייִנגל, אויך ניט בעסער געקליידט. ביידע גייען זיי אַף דעם טראָטואַר און בײַ יעדן שאָרך, אָדער טריט, ווען דעם אַלטן ווייזט זיך אויס אַז עמעצער גייט, שטרעקט ער אויס די האַנט: אַ נעדאָווע פאַר אַן אַלטן בלינדן! שטייען ביידע אַזוי אַ ווײַלע, ביז די טריט פאַרשווינדן, נאָכדעם גייען זיי ווייטער.

דער אַלטער וואָרטשעט עפּעס אין דער שטיל.

דאָס ייִנגל שלעפּט אַרויס מיט דער אַנדערער האַנט פון קעשענע עפּעס אַ קליינע זאַך פון גרינעם קאָליר. נעמט עס צום מויל, בלאָזט אָן די בעקלעך, די אייגעלעך הייבן בײַ אים אָן צו גלאַנצן, דאָס בלייכע פּנעמל באַקומט אַ ראָזעווע קאָליר, די גרינע זאַך ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַלאָנדל. עס ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און ווען ער נעמט עס אַרויס פון מויל, לאָזט זיך הערן אַ לאַנגער פּיף. אַף זײַן פּנעמל באַווייזט זיך אַ צופרידענער שמייכל און פון די אויגן שיסט אַרויס אַ קינדערשע פרייד.

דער אַלטער שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ, שטרעקט מיט כּאַס אויס אַ ציטערדיקע האַנט אין דער לופט, ווײַל אָנטאַפּן וואָס אַזוינס האַלט דאָס ייִנגל אין דער האַנט, וואָס פּייפט און מיט אַ הייזעריקער שטימע שרייט ער אויס: אַך! מיט וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן דו גיסט זיך אָפּ!

דאָס ייִנגל טרעט אָפּ פונעם אַלטן אַ פּאָר טריט, באַהאַלט שנעל דאָס באַלאָנדל אין קעשענע.

דער אַלטער, בלײַבנדיק שטיין אומבאַהאָלפן, טאַפּט ער מיט ביידע

הענט אין דער לופטן און מיט אַ ציטערדיקער שטימע בעט ער זיך, שטאַמלענדיק אַלע ווערטער: וואו ביסטו? לאָז מיך ניט אַליין!...

דאָס יינגל גייט צו נעענטער צום אַלטן, נעמט אים אָן בײַ דער האַנט און מיט דער צווייטער האַנט דריקט ער פעסט צו דאָס באַלאַנדל אין קעשענע און וואַרטנדיק אויף אַ בעסערער געלעגנהייט, גייען זיי ווייטער...

— אַ נעדאָווע פּאָר אַן אַלטן בלינדן!

אַ דורכפאַל

(לויט אַ פאָלקס מאַיסע)

פרייטיק צונאַכט, נאָכן עסן, איז זיך רעב אַווראָם סאָרעס, אַ שיינער ייד, געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ סייפער באַ דער שוואַכער שיין פון די בענטש־ליכט. באַלד אָבער האָבן אויך די ליכט גענומען אויסגיין איינס נאָכן אַנדערן, ביז ס׳איז נאָר געבליבן אַ קליין שטיקעלע ליכט צאַנקען אין לייכטער. רעב אַווראָם האָט זיך מאַמעש די אויגן אַרויסגענומען, ווייל גראָד האָט ער געהאַלטן באַ אַ וויכטיקן איניען און דאָ ווערט וואָס אַמאָל פינצטערער. דאָס פייערל האָט זיך געגעבן מיט אַמאָל אַ הייב, דעם לעצטן לעבנספונק אויסגעהויכט און אַ שלעכטער רייעך האָט זיך פאַרשפּרייט.

רעב אַווראָם האָט מיט פאַרדרוס פאַרמאַכט דעם סייפער און קיין אַנדערע ברייירע ניט געהאַט, ווי נאָר זיך לייגן שלאָפן אין דער פינצטער.

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט און ער האָט ניט געקענט שלאָפן. זיך געוואָרפן פון איין זייט אַף דער צווייטער און געהאַלטן אין איין קרעכצן: אַך! ווען איך זאָל האָבן אַ ליכט.

און ווען דער זייגער האָט געשלאָגן דריי, האָט ער זיך גענומען אָנטאָן. אַ צעפרידענער פון דעם איינפאַל, האָט ער ווי גערעדט צו זיך אַליין: ס׳וועט שוין זיין... איינגעהילט אין זיין וואַרעמען בעגעד איז ער אַרויס אין דרויסן.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, דער פראָסט האָט געברענט און אַ צופּענדיק ווינטעלע האָט געשמיסן אין פּאָנעם.

איוואַן, דער וועכטער, וואָס האָט געהיט די קראָמען, דערהערנדיק אַ

קלאַפּ פון אַ טיר, איז געקומען זען וואָס דאָ איז. און צווישן זיי איז פאַר־בונדן געוואָרן אָט אַזאַ מין שמועס:

— דו ביסט עס איוואַן?

— יאָ, באַלעבאָס־לעבן, איך בין עס.

— וואָס טוסטו עפּעס?

— אָט...

— קאַלט, האַ?

— קאַלט.

— וואָלסטו עפּשער גענומען אַביסל בראָנפן?

— האַ, האַ! נאָך ווי אַזוי!

— נו, קום אריין...

איוואַן האָט זיך ניט געלאָזט בעטן, און איז נאָכגעגאַנגען רעב אַוור־ראָמען אין שטוב אריין.

— ס'דאָך באַ דיר גאָר פינצטער, — האָט איוואַן באַמערקט.

— נו, יאָ, דו ווייסט דאָך, ס'איז שאַבעס...

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קנאַק און באַ איוואַנען אין דער האַנט האָט זיך באַוויזן אַ קליין פייערל. און זשמורענדיק מיט די אויגן האָט ער גענומען זוכן דעם לאָמפּ, וועלכן ער האָט באַלד געפונען. האָט ער מיט איין האַנט דאָס גלעזל אראָפּגענומען און מיט דער צווייטער צוגעטראָגן דאָס שוועבעלע, וואָס האָט אים שוין די פינגער געבריט.

דאָס גאַנצע צימער איז מיט ליכט אָנגעפילט געוואָרן.

רעב אַווראָם, אַ צעפרידענער, האָט דערוויל פון דער שאַפע אַ פלאַש מיט בראָנפן ארויסגענומען, אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע און עס איוואַנען דער־לאַנגט.

איוואַן האָט עס גלייך אריינגעגאָסן, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף אַרונ־טער. נאָכדעם, האָט ער אויסגעשטרעקט די אונטערשטע ליפּ אויף פאָרויס

אביסל פארהויבן ארויף, ארייגעכאפט די וואנצעס, וועלכע האבן אף זיך פארהאלטן עטוואס פונעם בראנפן און פון דעם האלדז האט זיך בא אים ארויסגעריסן א צופרידענער אויסדרוק: עהה!

רעב אווראם איז געווען זייער אויפגעלייגט, וואס אים איז געלונגען זיין פלאן דורכצופירן און איצט וועט ער שוין האבן ליכט ביז טאג... ער האט אנגעגאסן נאך א גלעזל: נא, טרינק נאך איינס, איוואן, וועסטו זיך אביסל דערווארעמען. ס'א קאלטע נאכט.

זיי האבן זיך מיט די אויגן באגעגנט און עמעסע דאנקבארקייט האט פון זייערעביידנס אויגן ארויסגעשטראלט.

און אז איוואן האט דאס צווייטע גלעזל אויסגעטרונקען, האט ער פארשטאנען, אז ער מעג שוין גיין. נו, ס'דאך שאבעס היינט בא יידן, ער וויים... א גוטע זאך דער שאבעס... האט ער געגעבן א בלאז אין לאמפ און זיך ארויסגעגאנגען...

נעקאָמע

ווען קאָטיק, א יונגערמאַן פון א יאָר פינף און דרייסיק, האָט זיך מיט זיין פרוי גיטל און זייערע דריי קינדערלעך אריינגעצויגן אף קאָזשע קאַנינג, וואו ער האָט געדונגען די סאַלע מיט נאָך א צימער, האָבן זיי שוין דאָרט אין הויף געטראָפן וואוינען די פאַמיליע הובערמאַן. ער מיט זיין פרוי, ביידע פון א יאָר אכט און צוואנציק, מיט זייערע קינדער, האָבן באַוואוינט דעם קאָמעדאָר.

א גאַנצע וואָך האָבן זיך די צוויי שכיינים קימאַט ניט באַגעגנט. יעדער איז געווען באַשעפטיקט מיט זיין פּאַרנאָסע. דעם גאַנצן טאָג זיינען זיי געווען אין גאַס און געהאַט צו טאָן מיט זייערע קליענטן.

דערפאַר אָבער האָבן די פרויען באַלד דעם ערשטן טאָג געשלאָסן קאַנטשאַפט. גיטל איז באַלד געוואויר געוואָרן, אז די פאַמיליע הובערמאַן איז ערשט אכט מאָנאַטן פון רוסלאַנד. אז טכילעס איז זיי געווען פינצטער און ביטער אָן א שפּראַך. און געלט איז אויך ניט געווען איבעריקס... און אז זיי האָבן ניט געוואוסט, צו וואָס זיך נעמען און אז די ערשטע צייט איז ער געווען א קאָרעדאָר, זיך אָפּגעגאַן די פיס. און אז איצט איז ער אַליין געוואָרן א „קוועטעניק", און א דאַנק גאָט מ'דערלייגט ניט...

און ראָכל הובערמאַנס פרוי, איז אין דער זעלבער צייט געוואויער געוואָרן, אז די פאַמיליע קאָטיק וואוינט שוין א פּאָר יאָר אין בוענאָס איירעס, אז זיי זיינען אויך פון רוסלאַנד, נאָר מיט א יאָר צוואַנציק צוריק. אז די גאַנצע צייט האָבן זיי געוואוינט אין קאָלאָניע. געווען א קאָלאָניסט, צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברידער אף איין טשאַקרע. אז מ'האָט קיין גרויסע גליקן ניט געמאַכט, האָבן זיי זיך מעיאַשעוו געווען: א גאַנצע וועלט

פּאַרט אין שטאָט, זיינען זיי אויך אוועקגעפאָרן, און... צו וואָס נעמט מען זיך? איז קאַטיק געוואָרן אַ קוועטעניק און מ'שלאָגט זיך דורך...

ערשט זונטיק, וועןביידע מענער זיינען געבליבן אינדערהיים, אַ טיר קעגן אַ טיר. גוט מאָרגן, גוט יאָר. זיך צערעדט פון וועלכער געגנט פון רוסלאַנד, פון וועלכער שטאָט. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען גאָר מעכור־טאָנים. און נעמענדיק דאָס אייגענע צוריק, דורך אַן אַנדערן וועג, זיינען זיי גאָר שטיקלעך קרויווים אויך. האָבן זיי שוין דעם טאָג פאַרבראַכט צו־זאַמען.

פון יענעם טאָג אָן איז געשלאָסן געוואָרן די פריינטשאַפט צווישן ביידע מענער. זייענדיק ביידע קוועטעניקעס, פלעגן זיי זיך אָפט אַרויס־העלפן — איינער דעם צווייטן. מערסטנטייל פלעגט אויספאַלן אויף קאַטיקן צו העלפן הובערמאַנען, וואָס איז ניט געווען אַזוי פּראַקטיש אין דער אַר־בעט. בויץ דעם פלעגט אים אָפט אויספעלן סכוירע פאַר זיינע קליענטן, אַמאָל ענדע מאָנאַט מיט די צאָלונגען... די פריינטשאַפט האָט דער־גרייכט אַזוי ווייט, אַז איינער האָט ניט געטאָן קיין שום זאַך אָן דעם צוויי־טן, אַפילו אין פאַמיליע־אינטערעסן זיינען בא זיי ניט געווען קיין סודעס.

דאָס זעלבע, אָדער נאָך מער, איז די פריינטשאַפט צווישן ביידע פרויען געוואַקסן פון איין טאָג צום צווייטן. איז גיטל אָדער ראָכל געגאַנגען אין מערקאַדע און געטראָפן עפּעס אַ מעציע, האָט זי אויך אין זינען גע־האַט איר שביינע און געקויפט פאַר ביידע. האָט איינע פון זיי אַמאָל גע־קאָכט אַ ניי מייכל, עפּעס אַ נאַווינע, האָט מען מעכאַבעד געווען די שביי־נע מיט איר גאַנץ הויזגעזינד. יענע פלעגן זיך פאַסמאַקעווען און לויבן אין טאָג אַריין...

און אָפט, מערסטנטייל זונטיק, פלעגט מען עסן צוזאַמען. אַמאָל בא הובערמאַנען אין קאָמעדאָר, אָדער בא קאַטיקן אין סאַלע. ביידע פרויען פלעגן בא דער געלעגנהייט באַדינען דעם טיש, ביידע גלייך לויפן אין קיך ברענגען פולע טעלער און מ'האָט ניט געוואוסט וועלכע פון זיי איז די באַ־לעבאָסטע און וועלכע דער גאַסט.

ביידע מענער פלעגן דאַן זיצן אויבנאָן באַם טיש, זופּן צו ביסלעך

ביר, אָדער וויין מיט לימאָנאַד און דערציילן פון גוטע און שלעכטע קליענ־טן. נאָכדעם פלעגןביידע פאַמיליעס צוזאַמען ארויספאָרן קיין פּאַלערמאָ, אָדער גיין אין קינאָ.

און ס'האָט זיך געדאַכט אַז אַזוי וועט עס שוין אייביק זיין און אַז קיין זאַך איז ניט אומשטאַנד זייער הייסע פריינטשאַפט אָפּצוקילן.

נו, דאַרף זיך אָבער מאַכן, אַז קאַטיקן האָבן די געשעפטן אָנגעהויבן גיין ניט זייער גוט. די קליענטעלע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג קלענער, קיין נייע קליענטן זיינען ניט צוגעקומען און די אַלטע־אויסצאָלנדיק, האָבן מער ניט געקויפט. דאָס האָט זיך אָפּגערופן אַף די צאָלונגען ענדע מאָנאַט.

הובערמאַן, אַלס גוטער פריינט, פלעגט מיטפילן און אין דער זעלבער צייט זיך נעמען דאָס רעכט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, קאַטיקן גוט אויסמוסערן: מ'דאַרף ניט זיין אַזוי אָפּגעלאָזט, אַט, טו אַזוי ווי איך: מ'נעמט אַף איין אַקסל אַ האַלב טוץ קאָלטשעס, אַפן צווייטן — אַ פּאַק קאַרפּעטעס, אין איין האַנט — אַ וואַנט־זייגער, און אין דער צווייטער — אַ בינטל מויסטראַס. מ'קלאַפּט, מ'קלאַפּט פון טיר צו טיר, נישקאָשע, מ'וועט שוין עפענען...

קאַטיק פלעגט דאָס אַלץ אויסהערן מיט אַ שמייכל און זיך פאַרטראַכ־טן. האָט, ווייזט אויס, זיך פאַרבענקט צוריק אַפן קאַמף און די „קוענטאַ" האָט אים פאַשעט דערעסן.

הובערמאַן פלעגט קוקן אַף אים, ווי אַף עפּעס אַ קאַליקע, טויג צו גאָרניט... און מיט וויפל קאַטיקס געשעפטן זיינען פון טאָג צו טאָג גע־וואָרן ערגער, זיינען מיט אַזוי פיל הובערמאַנס געשעפטן געגאַנגען בע־סער. און דאָס איז שוין געווען נענוג, אַז זיי זאָלן דערווייטערט ווערן איי־נער פונעם אַנדערן. הובערמאַן האָט אָנגעהויבן זוכן צו קומען אין אַן אַנ־דער געזעלשאַפט, צווישן מענטשן מיט געלט, וואו קאַטיק האָט ניט געקענט קומען. אויך די פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן. ראָכל פלעגט נאָר קומען דערציילן, וואָס פאַר אַ קליידער זי מאַכט זיך. און אַז זיי וועלן בייטן די גאַנצע מעבל, נאָר דאָס וועט שוין זיין, ווען זיי וועלן געפינען אַ בעסער וואוינונג...

הובערמאַן האָט גענומען אַ טאָן פון אויטאָריטעט: געלט דאַרף מען קענען מאַכן. מ׳דאַרף ניט זיין פויל. מ׳דאַרף אַרבעטן! אָט, האָט איר קאַטיקן... דאָ פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: ס׳וועט שוין פון אים קיין לייט ניט זיין...

און אַז מ׳פלעגט אַמאָל באַ אים בעטן הילף פאַר אַ נויט־באַדערפטיקן, איז זיין ענטפער געווען: איך האָב מיינע... איך האָב וועמען צו העלפן, בישקאָשע, עס קאָסט מיר גענוג...

אין אַ טאָג האָט קאַטיק אָפּגעענדיקט זיינע געשעפטן. איינגעפּאַקט דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט און אַוועק מיט דער פאַמיליע צוריק אין דער קאָלאָניע. ניט געזעגנענדיק זיך אַפילו מיט דער פאַמיליע הובערמאַן, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעצויגן אין אַ בעסערער וואוינונג.

איייניקע יאָר זיינען אַוועק און די אינטערעסן פון דער טשאַקרע האָבן געפאָדערט אַז קאַטיק זאָל קומען קיין בוענאָס איירעס אויף עטלעכע טעג. גייענדיק אין גאַס האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט הובערמאַנען. אָנפאַנגס זיינען זיי געבליבן ביידע אָן לאָשן, ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן, נאָר ביסלעכווייז געקומען צו זיך, און... וואָסזשע טוסטו עפּעס? וואָס מאַכט די פאַמיליע?

קאַטיקן האָט ווי אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: איצט איז די צייט דורכצופירן זיין פּלאַן פון נעקאָמע אין זיין געוועזענעם פריינט פאַר די באַליידיקונגען און אָפּגעפייערט די ערשטע קויל...

— אָט, וואָס זאָל מען מאַכן, געקומען אַביסל פאַרברענגען אין שטאָט און פאַטערן אַ טויזנט פעזעס...

הובערמאַן האָט זיך אָנגעהויבן מינען און געוואָרן אַלערליי קאָלירן.

— ווען־זשע וועסטו זיין באַ מיר? — אָט האָסטו מיינס אַ טאַרבעטאַ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען קאַטיק איז אַהין געקומען, האָט הובער־מאַן מיט דער פרוי פּאַשעט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט אים: אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! און אומגעריכט, וואָסזשע מאַכט עפּעס גיטל?

— וועט אין דער טיר ניט אריין, אַזוי דיק איז זי געוואָרן... און ייִנגער עפּשער מיט צען יאָר...

— און ווי־זשע גייט עס דיר דאָרט אין קאָלאָניע?

— ניט צו פאַרזינדיקן, ס'טוט מיר ניט באַנק. נאָך דאָס ערשטע יאָר, ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאָלאָניע, איז באַלד נאָך דער קאָסעטשע, האָב איך מיר געלאָזט אויסבויען אַ הויז פון זיבן צימערן. ס'האָט מיך אָבער געקאָסט גאַנצע זיבן טויזנט פּעזעס... ניט ווייניקער אַ סענט...

— פאַרוואָס פאַרבייסט איר ניט? בייסט צו!

— און דאָס צווייטע יאָר האָב איך מיר געקויפט אַ דרעש־מאַשין פאַר צוואַנציק טויזנט פּעזעס...

— זיצט נעענטער, וואָס האָט איר זיך אוועקגעזעצט אויף דעם האַרטן בענקל? זעצט זיך בעסער אַט־דאָ אויף דער געבעטער שטול, וועט אייך זיין באַקוועמער.

— און אַזוי אַלע יאָר. אַט דאָס יאָר איז מיר געבליבן פון קאָסעטשע, כוץ אַלע גאַסטעס, ריינע זיבעצן טויזנט פּעזעס...

הובערמאַן מיט דער פרוי האָבן זיך אַלע'מאָל איבערגעקוקט און גע־ביטן די פּלעצער...

— פאַרוואָס טרינקט איר ניט די טיי? ס'וועט קאַלט ווערן.

— אַ דאַנק, איך טרינקט ניט קיין הויזלע טיי. איך מוז עפּעס צוגיסן. וואָסער ניט איז ליקאָר, אַזוי פאַרוואוינט...

— אַביסל ראָם וועט זיין גוט?

— ראָם? זאָל זיין ראָם.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אויפן טיש שוין געשטאַנען אַ פלאַש מיטן

בעסטן ראָם. אָנגעגאָסן דאָס ערשטע ביסל קאָטיקן אין גלאָז אריין און נאָכדעם זיך אליין, זען, וואָס פאַר א טאַם עס האָט.

און צווישן איין זופּ און אַנדערן האָט קאָטיק דערציילט איין ליגן גרעסער פונעם צווייטן. אז איצט דענקט ער זיך צו קויפן אַן אויטאָמאָ־ביל... און אז אביסל צירונג האָט ער שוין איינגעקויפט פאַר זיין גיט־לען... און אז איצט וויל ער קויפן עפּעס א גוט זיידנס אַף א קלייד פאַר איר... אויך דאָס מעבל וועט ער איצט אינגאַנצן בייטן... און נאָך און נאָך...

ווען קאָטיק האָט זיך געזעגנט אוועקצוגיין, האָט ער אין זייערע בליקן דערקאָנט, אז זיין געקאָמע־פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן ביז ענדע...

די וועלט פון קינדער

ס'אַ ראַכמאָנעס

דעם טאָג איז מען אין שול ניט געגאַנגען. עס איז געווען עפּעס אַ יאָנטעוו. זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו מוישעלען זיינע כאַווײרים זיך שפּילן.

— מאַמע! — איך טו מיר אויס די שיכלעך! — האָט זיך מוישעלע געבעטן. דו ווייסט גאָרניט מאַמע, ווי גוט דאָס איז, אַרומצולויפן באָרוועס אַפן ווייכן, גרינעם גראָז. ס'איז אַזוי קיל, אַזוי גוט... אַז... אַז, ס'אַ מעכאַיע...

אַף אים קוקנדיק האָבן אויך די אַנדערע קינדער — זיינע כאַווײרים — זיך אויסגעטאָן באָרוועס און מיט אַ געפּילדער אַרויס אַפן הויף זיך שפּילן.

דער טאָג איז געווען איינער פון די ערשטע פרילינגס־טעג אין קאַ־לאָניע, נאָך אַ קאַלטן און נאַסן ווינטער.

די זון האָט געוואַרעמט — אַ מעכאַיע!

פון דער ערד האָט זיך געטראָגן אַ פּאַרע, און אַ רייעך פון נאַסער שוואַרצער ערד האָט אָנגעפּילט די לופט, אַרויסרופנדיק דאָס גאַנצע לעבן פון די באַהעלטענישן.

אומעטום האָבן זומער־פייגעלעך, פון פאַרשיידענע קאָלירן, גראַציעז אין דער לופט זיך אַרומגעטראָגן.

פייגעלעך האָבן געפּישטשעט.

גרילן צווישן גראָז האָבן געגרילט.

קעלבער האָבן געמעקעט.

לאַשעקלעך האָבן געהירזשעט, הענער האָבן געקרייט.

הינער האָבן פרום און ערנסט געקאָקאדאקעט.

הינט האָבן געהאַוועקעט.

און ווי מווישעלע מיט זיינע כאַווײרים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַפּן הויף, האָבן זיי באַלד דערפילט דאָס ווייכע, קילע גראָז אונטער די באָר־וועסע פיסלעך, און שטאַרק אַרייַנאָטעמענדיק די פרישע, שמעקנדיקע לופט, האָט זיי אַזש אָנגעהויבן קיצלען אין די נעזלעך. האָבן זיי זיך נאָך מיט מער אימפּעט אַריינגעוואָרפן און אויסגעמישט זיך מיטן זשום און ראַש פון דרויסן.

טכילעס זיינען זיי געלאָפן, סטאַם אַזוי זיך, געיאָגט איינער נאָכן אַנ־דערן און דערביי געמאַכט פאַרשיידענע אָנשטעלן.

איינער — פאַררייסט דאָס קעפּל און שפּרינגענדיק אַף איין אָרט, פּאַטשט ער זיך אַליין אונטער און וואַרפט זיך אַף אַלע זייטן, נאָכמאַכנדיק דערמיט אַ רייטער אַף אַ ווילד פערד.

אַ צווייטער — בייגט אָן דאָס קעפּל אַביסל אַף אַ זייט און לויפנדיק שנעל, איבעריאָגנדיק זיינע כאַווײרים, וואַרפט ער מיט די פיסלעך אַף אַלע זייטן, מאַיסע ווילד לאַשעקל.

אַן אַנדערער ווידער האָט געפונען אַפּן הויף, עפּעס אַ רעדל פון אַן אַלטער מאַשין, דרייט ער דערמיט אַהין, אַהער, ווי ער זאָל קירעווען אַן אויטאָמאָביל און אַליין טראָגט ער זיך לייכט און שנעל ווי אַן אויטאָ־מאָביל... און אָנשטרענגענדיק ביז רויט ווערן, לאָזט ער אַרויס יעדער ווייַלע, אָפּגעהאַקטע האַלדז־קלאַנגען, נאָכמאַכנדיק דערמיט די טרובע קו... קו... קו...!

פּלוצלינג האָבן אַלע גענומען לויפן אין איין זייט אַריין, מאַכנדיק דערביי מעשונע ווילדע קוילעס:

— דערהאַרגענען! דערהאַרגענען!

א קליין רויט כּאַיעלע איז ערגעץ פונעם גראָז אַרויסגעשפּרונגען און גלאָצנדיק פאַר שרעק מיט די אייגעלעך, האָט עס גענומען אַנטלויפן. כּעוורע האָט גלייך גענומען נאָכיאָגן, ביז דאָס כּאַיעלע איז אַריין אין אַ קופּע האָלץ, וואָס איז געלעגן לעבן דער שטוב.

פאַר גרויס איילעניש האָט דאָס כּאַיעלע ניט באַוויזן זיך גוט צו באַהאַלטן, אָדער ס׳האָט געמיינט אַז, אַבי דאָס קעפּל איז פאַרדעקט און ס׳זעט ניט מער זיינע סאָנים, זעען זיי אים אויך ניט... האָקלאָל, דאָס גאַנצע קערפּערל האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן די שטיקער האָלץ.

כּעוורע האָבן געמוזט נאָך מער ליאַרעמען און טאַנצן אַרום דער קופּע האָלץ. יעדער האָט געוואָלט האָבן דעם קאָוועד און פאַרגעניגן מיט עפּעס דערלאַנגען דעם כּאַיעלע, נאָר אַזוי ווי ס׳איז דאָך געווען לעבן מוישעלעס שטוב, האָט זיך קיינער קעגן אים ניט געקענט שטעלן. און נאָר ער, מוישעלע, האָט מיט אַ שפּיציק שטיק אייזן עס צעשטאָכן אַזוי, אַז ס׳האָט שוין מער ניט געקענט אַנטלויפן...

באַלד האָבן זיי צעוואָרפן דאָס האָלץ און עס אַרויסגעשלעפּט.

— אוי, ס׳אַ ראַכמאָנעס! האָט עמעצער פון זיי אַ זאָג געטאָן, דערזעענדיק ליגן דאָס כּאַיעלע מיט די קישקעלעך אין דרויסן און מיט פאַרגלייזטע אייגעלעך — אוי, ס׳אַ ראַכמאָנעס!...

— אוי, ס׳אַ ראַכמאָנעס! האָט אָפּגעקלונגען אין די קינדערשע הערצעלעך...

— אוי, ס׳אַ ראַכמאָנעס! — זיינען אַלע קינדערלעך געבליבן שטיין מיט פאַרקרימטע פּענעמלעך.

באַלד איז מוישעלע אַן ערנסטער און אַ פאַרטראַכטער, אַוועקגעגאַנגען ביז צום גאַלפּאָן, זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אַן אָנגעברויגעזטער, מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, מיט פאַרזשמורעטע אייגעלעך און אויסגעצויגענע ליפּעלעך. האָט ער מיטן פינגערל גענומען קראַצן די בלעכן, גלאַט אַזוי... און ווען זיינע כּאַווירים זיינען צוגעקומען אים רופן, זיך ווייטער שפּילן, האָט ער אויסגעשאָסן אין אַ געוויין, און כליפּענדיק האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— ס'אַ ראַכמאָנעס ! ! !

די כאַווײרים האָבן זיך געפֿילט זינדיק און אײנציקווײז זיך אָפּגע־טראָגן.

מוישעלע איז נאָך אַ לאַנגע צײַט געבליבן שטײן לעבן דער וואַנט פֿון גאַלפּאַן. טכילעס האָט ער געוווינט הויך אויפֿן קאָל, נאָר וואָס אַ מאָל שטי־לער, אײַנגעהאַלטענער אין זיך, שלוכצענדיק און כליפּענדיק, האָט ער ניט אויפֿגעהערט קראַצן מיטן פֿינגערל אין דער וואַנט, ביז ער האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט ווײנען און אַ ביסל שוין באַרואיקט, האָט ער גענומען גײן צו דער שטוב.

ווי ער וואָלט וועלן פֿון עפּעס אַנטלויפֿן, האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען האַסטיקער, לויפֿן גיך, גיך, אונטערשמײסנדיק זיך מיט דער האַנט, ביז ס'איז בײַ אים איבערגעגאַנגען אין אַ גאַלאָפּ: — האָץ, האָץ, האָץ!

נאָר פּלוצלינג האָט ער אויף דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט און אַ כאַפּ טוענדיק דעם פּוס אין דער האַנט, האָט ער מיט שרעק דערזען — בלוט!

ער האָט לויפֿנדיק, אויף אַ שטיק גלאָז אָנגעטרעטן און זיך דעם פּוס אײַנגעשניטן.

די שרעק פֿאַר בלוט, האָט אים גאָר אינגאַנצן צעמישט. טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן באַוויזן. דאָס פּענעמל האָט זיך שוין געהאַט פֿאַר־קרימט, נאָר צום ווײנען. האָט אָבער, אין דער זעלבער צײַט בײַ אים אין די געדאַנקען עפּעס אויפֿגעבליצט: פֿון די פֿאַרטרערטע אויגן האָט גענומען אַ פֿרײד אויסשטראַלן. אויפֿן פּענעמל האָט זיך אַ גליקלעכער שמײכל פֿאַר־שפּרײט, ס'האָט דערמאָנט אין אַ זון מיט רעגן . . .

— אַ מיצווע אויף מיר! גוט אַזוי!

— האָט מוישעלע קוימאָט ווי לאַכנדיק צו זיך אַלײן גערעדט: ס'איז מיט אַמאָל, ווי אַ שטײן אַראָפּ פֿון האַרצן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿאַרן דערהאַרגענען דאָס כאַיעלע. און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז: שוין מער ניט. ס'אַ ראַכמאָנעס!

מיש און קיץ

קינדער! איך וועל אייך דערציילן א מאיסע פון א קאץ.

פון צוויי קעץ.

פון צוויי קעץ מיט קעצעלעך.

און ניט קיין אויסגעטראכטע, נאָר טאקע פּאָשעט אַן עמעסע מאיסע, וואָס האָט זיך געטראָפן.

און די מאיסע איז געווען אזוי:

אין א שטוב, בא איין באַלעבאָס, זיינען געווען צוויי קעץ. איינע האָט מען גערופן מיש, די צווייטע קיץ.

און מיש מיט קיצן האָבן זיך טאָמיד געלעבט בעשאָלעם. קיינמאָל איבער קיין זאך זיך ניט געקריגט. פלעגן אָפט עסן צוזאמען, כליאָפּטשען מילך פון איין טעלער, מיט ארויסגעשטעלטע רויטע צינגעלעך, פארבויגענע בא די עקן ווי לעפעלעך. און גיך, גיך, כליאַפּ, כליאַפּ, האָבן זיי גע־ארבעט מיט די צינגעלעך, ביז אין טעלער האָט זיך באוויזן דער דנאָ...

אפילע אף יאגד פלעגט מען גיין צוזאמען.

האָט זיך מיש אוועקגעזעצט היטן א לאָך פון א מויז, מיט קלוימערשט צוגעמאכטע אייגעלעך. דאָס קעפּל אף א זייט, גלייך, זי מיינט באַלילע גאָר־ניט, פלעגט קיץ, אביסעלע ווייטער, טאָן דאָס אייגענע: זיך מאכן די פרומע, די וואוילע, — קען קיין צוויי ניט ציילן...

און ווען אין דרויסן איז געווען קאלט, פלעגן זיי זיצן באַם פייער, זיך וואַרעמען, מיט צוגעמאכטע אייגעלעך און צוברומען שטילערהייט:

— ר־ר־ר־ר.

אפילע שלאָפן פלעגן זיי צוזאַמען, איינגענורעט איינע אין דער צוויי־טער.

און קיינמאָל קיין נעגל ניט באַנוצט איינע קעגן דער אַנדערער, ווי באַ קעץ טרעפט אָפטמאָל, אַז איבער יעדער קליניקייט, ווערן די אייגע־לעך אָנגעצונדן, ־מ'הייבט לאַפּעלעך און מ'שטעקט אַרויס לאַנגע נעגל...

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז נאָכדעם, ווי מיש האָט געפעלט גאַנצע צוויי טעג, איז זי פון ערגעץ אָנגעקומען אַן אויסגעצערטע, אַן אויסגע־הונגערטע און באַלד ווי נאָר זי האָט איבערגעכאַפּט דעם הונגער, איז זי ווידער אַוועק אַהין פון וואַנען זי איז געקומען.

איז מען געוואויער געוואָרן, אַז ערגעץ דאָרט, אין גאַלפּאָן, אונטערן קאַסטן האָט זי געהאַט פינף קעצעלעך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זיך מעיאַשעוו געוועזן קיץ און גייט אויך אַוועק אַהין אין גאַלפּאָן און קלייבט זיך אויס אַן אָרט, אין אַן איבערגע־קערט פעסל און האָט אויך פינף קעצעלעך.

ליגן זיי זיך אַזוי יעדער קאַץ באַזונדער, מיש אונטערן קאַסטן, און קיץ אין איבערגעקערטן פעסל. יעדער איינע מיט אירע קעצעלעך. נאָך גאָר בלינדע זיינען די קעצעלעך, יעדער קעצעלע האַלט אין פּיסקעלע אַ פּיפּקע און ציט, ציט...

אין אַ טאָג איז זיך מעיאַשעוו קיץ און טראָגט איבער איינציקווייז אי־רע קעצעלעך פונעם פעסל צו מישן אונטערן קאַסטן.

טכילעם האָט עס אויסגעזען, ווי זי זאָל עס געווען טאָן פאַר היימ־לעכקייט, אינאיינעם וועט זיין פרייליכער.

קיץ האָט אָבער אויפגעהערט צו קומען אונטערן קאַסטן. דעם ערשטן טאָג איז זי נאָך אַ פּאָר מאָל געקומען, נאָר שפּעטער — אַלץ ווייניקער און אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען.

מיש האָט געוואַרט אַ טאָג, צוויי, דריי, געזען אַז קיץ קומט מער ניט, האָט זי גענומען קיצס אַ קעצל אין מויל און איז דערמיט אַוועק זוכן דעם קעצלס מוטער. ביז זי האָט זי געפונען אין שטוב.

קיץ איז זיך געלעגן אויף אַ סאָפע און געשלאָפן.

מיש מיטן קעצל אין מויל איז פלינק צו איר ארויפגעשפרונגען און איר גלייך אין פּאָנעם א זאָג געטאָן:

— ר— ניא ו ו ו!

אַף קעציש לאָשן קען דאָס הייסן:

— וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו? נאַ דיר דיין קינד!

און דאָס זאָגנדיק האָט זי דאָס קעצל גלייך פאַר איר אַוועקגעלייגט און איז אַוועק ברענגען די אַנדערע.

ווען מיש איז צוריקגעקומען מיטן צווייטן קעצל אין מויל, האָט זי שוין קיצן דאָרט ניט געטראָפן, נאָר דאָס ערשטע קליינע קעצל איז אַרומ־געקראָכן אַף דער סאָפע, זיך פאַרטשעפּעט מיט די נעגל און געוויינט. ביטער געמיאַקעט. איז מיש ווייטער אַוועק מיטן קעצל אין מויל זוכן קיצן.

דאָס מאָל האָט מיש זי געפונען אונטערן טיש עפּעס נאַשן. איז מיש גלייך צו צו איר, אַ וואָרף געטאָן איר אין פּאָנעם דאָס צווייטע קעצל און מיט קאָס נאָכאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— ר — ניא ו ו ו!... ניאוו — זיי אַ מאַמע צו דיינע קינ־דער!...

קיץ האָט פון דעם פאַרוואורף ברויגעז עפּעס אַ בורטשע געטאָן.

האָט דאָס מישן נאָך מער אין קאָס אַריינגעבראַכט. האָט זי אויפ־געהויבן אַ פאָדערשטן פוס, אַרויסגעשטעקט לאַנגע פאַרבויגענע נעגל און דערלאַנגט קיצן גלייך איבערן באַק.

קיץ האָט אויך ניט געשוויגן און האָט אויך געוויזן נעגל, געוויזן וואָס זי קען.

און אַזוי האָבן זיי זיך ביידע צום ערשטן מאָל גוט צעדראַפּעט — —

שפּעטער מיט אַ פּאָר שאָ האָט מען געקענט זען, ווי זיי ליגן זיך אַזוי יעדער קאַץ באַזונדער: מיש אונטערן קאַסטן און קיץ אין איבערגעקערטן פּעסל, יעדער איינע מיט אירע קעצלעך.

מיש איז אָלץ געלעגן אַ ניט זיכערע מיט איר שכיינע. זי האָט פון ווען

צו ווען אויפגעהויבן איר קאָפּ און א קוק געטאָן אין קיצם ווינקל...

צווישן די ציין, ווי צו זיך אַליין ריידנדיק, האָט מיש ניט אויפגע־הערט אונטערצואוואָרטשען:

— רניאו־או... רנאי־ו־ו... — א מאַמע דאַרף היטן אירע קינ־דער...

דער רעגן וואָס האָט ניט געוואוסט פון ראַכמאָנעס...

פּאַרנאַכט, ווען מוישעלע איז אהיימגעקומען פון דער שול, איז גע־זוען שטאַרק כמאַרנע.

אהין, צום וואַלד צו, האָט זיך געזען א טונקל־בלויע כמאַרע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און זיך רוקן נענטער און נענטער.

פון צווישן די כמאַרעס, האָבן פון צייט צו צייט אויפגעציטערט שוואַכע בליצן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דאָס ווינקען פון אן אומגעהויער־גרויס אויג, וואָס וויל אָפּ עפּעס אָנווייזן... באַגלייט פון אָפּטע און ווייטע דונערן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ווי דאָס ברומען פון א גרויסער כאַיע, וועלכע וואַרנט קעגן א געפאַר...

ווען מוישעלע איז א פאַרסאָפּעטער אריין אין שטוב, האָט זיך שוין געהערט אפן בלעכענעם דאך דאָס פאַלן פון גראָבע טראָפּנס רעגן, ווי דאָס קלאַפּן מיט די פינגער אפן טיש. טכילעס, שיטערלעך, נאָר וואָס אמאָל שטאַרקער און געדיכטער, ביז עס האָט גענומען גיסן ווי מיט עמערס. די בליצן זיינען שטאַרקער געוואָרן און די דונערן, האָט אויסגעזען, ווי זיי זאָלן פאַלן הארט אפן דאך...

האָט מוישעלע א וואָרף געטאָן די טעקע מיט די ביכלעך און העפטן, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן און איז אין גרויסן רעגן ארויס אין גאָרטן.

אָפּ איינעם פון דיביימער, אפן באַקוועמסטן אָרט, דאָרט וואו דריי צווייגן צעטיילן זיך אָפּ פאַרשיידענע זייטן, האָט א פייגעלע זיך א נעס־טעלע אויסגעבויט. וואָכן־לאַנג, האָט עס טאָג־טעגלעך צוזאמענגעטראָגן טרוקענע גראָזן, פעדערלעך, האָר פון בעהיימעס, זיי זאָרגפעליק אויסגע־לייגט און צוזאמענגעפלאָכטן ביז דאָס נעסטעלע איז פאַרטיק געוואָרן.

מוישעלע פלעגט אַלע טאָג קומען אין גאָרטן זיך צוקוקן ווי דאָס פייגעלע אַרבעט.

איינמאָל, ווען דאָס פייגעלע איז געווען ערגעץ אַוועקגעפלויגן, האָט מוישעלע, צוגייענדיק נעענטער, דערזען אַפן דנאָ, אין דער טיף פון דער נעסט — אַ קליין געפינטלט אייעלע. אַפן צווייטן טאָג זיינען שוין געווען צוויי אייעלעך. און אַפן דריטן טאָג, זיינען שוין געלעגן אין נעסט דריי געפינטלטע אייעלעך.

פון יענעם טאָג אָן איז דאָס פייגעלע שוין ניט מער אַוועקגעפלויגן, נאָר עס איז געזעסן אין דער נעסט אַף די אייעלעך און געוואַרט ביז ס'וועלן פון זיי זיך אויספּיקן דריי קליינע פייגעלעך.

אויך מוישעלע האָט געוואַרט. און יעדער מאָל, ווען ער פלעגט אַהיימ־קומען פון דער שול, פלעגט ער דאָס ערשטע לויפן געוואויער ווערן, וואָס דאָס פייגעלע טוט. און צי פּיקן זיך שוין אוים די קליינע פייגעלעך. ביז איינמאָל האָט ער פון וויטנס באַמערקט, ווי פון אונטער די צעשפּרייטע פליגעלעך קוקן אַרוים דריי נאַקעטע קעפּעלעך, מיט גרוים־געעפנטע געל־בלעכע פּיסקעלעך. און אויך היינט, ווען מוישעלע איז אַהיימגעקומען פון דער שולע און ס'האָט געגומען גיסן אַ שטאַרקער רעגן, איז ער דאָס ער־שטע גלייך געלאָפן זען, וואָס ס'מאַכן זיינע פייגעלעך. און איבערצייגנדיק זיך, אַז קיין בייז וועט זיי ניט געשען — דאָס פייגעלע איז מיט נאָך מער צעשפּרייטע פליגעלעך געזעסן אין רעגן איבער אירע נאַקעטע קינדערלעך און זיי פאַרהיט פון דער נעץ און קעלט — איז ער, אַ דורכגעווייקטער פונעם רעגן, אַריין צוריק אין שטוב.

נאָך וועטשערע, ווען מוישעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש מאַכן די לעקציעס און דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן, אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, די ביימער האָבן געראַשט, געהודעט, צווייגן האָבן געקלאַפּט אין דאַך, שטאַרקע בליצן האָט געצונדן די פינצטערע נאַכט און דורך די פענצ־טער אין שטוב אַריינגעקוקט, האָט פּלוצלינג עפּעס אַ שטאַרקן קלאַפּ גע־טאָן אין פענצטער.

מיט איין שפּרונג איז מוישעלע שוין געשטאַנען אין מיטן שטוב און מיט גרוים־צעעפנטע אויגן האָט ער דערזען ווי אַ פייגעלע, דורכגעווייקט

פון רעגן, שארפעט מיט די פליגעלעך און גלימשט זיך אראפ מיט קליינע ריטשקעלעך אף דער שויב. עס ווענדט אן די לעצטע קויכעס, ווייל זיך אויפהייבן אלץ העכער, העכער, פאלט אבער וואס אמאל נידעריקער, צו־זאמען מיט די טראפנס רעגן וואס הערן ניט אויף צו גיסן.

ניט קוקנדיק אפן רעגן, איז מוישעלע ווידער ארוים אין דרויסן. אין א רעגנע ארום איז ער שוין געוועזן צוריק און מיט ביידע הענט האט ער לייכט געהאלטן דאס פייגעלע, קוים וואס ס'האט געזשיפעט.

מיט א קלאפנדיק הערצל און אויסגעגלאצטע אייגעלעך, האט דאס פייגעלע געציטערט פון קעלט.

מוישעלע האט עס קיינעם ניט געטרויט, קיינעם ניט צוגעלאזט דערצו, ניט די מוטער, ניט די ברידערלעך און שוועסטערלעך, וואס האבן זיך בא אים געבעטן: „נאר א קוק טאן"! „לאמיר עס נאר אנרירן"! און ער האט זיך אליין דערמיט פארנומען. עס ארייגעלייגט אין עפעס א טיפער קיילע, אויסגעבעט מיט א שמאטע און עס צוגעדעקט מיטן זיפל, ס'זאל האבן גע־נוג לופט.

דעם גאנצן אוונט האט ער שוין קיין אנדער זאך ניט געטאן, ווי נאר זיך אפגעגעבן מיטן פייגעלע. אלע מאל ארייגעקוקט אין דער קיילע, וואו ס'איז געלעגן אין א ווינקעלע, איינגעקארטשעט און געציטערט פון קעלט, ניט וועלנדיק אפילו זיך צורירן צו די ברעקעלעך ברויט, וואס מוי־שעלע האט אהין אריינגעווארפן.

ערשט העט שפעט אין דער נאכט, ווען אלע אין שטוב זיינען שוין געשלאפן, איז מוישעלע אויך געגאנגען אין בעט.

אבער ער האט אזוי גיך ניט געקענט איינשלאפן, ווארעם ער האט געהאלטן אין איין טראכטן: „צי איז דאס ניט זיין פייגעלע פון דער נעסט, וואס ווארעמט אוים דריי קליינע פייגעלעך און אויב יא, וואס איז געווארן פון זיי?" ערשט פארטאג־צו איז ער איינגעשלאפן.

נאך א קורצן דרימל איז ער אראפ פון בעט, זיך אנגעטאן און גע־לאפן זען וואס ס'טוט דאס פייגעלע, וואס ער האט נעכטן געראטעוועט פון רעגן.

דאָס פייגעלע האָט זיך דערשראָקן, ווען ס'האָט דערפילט — אין דער פינצטער וואו ס'איז געלעגן — מוישעלעס הענטעלע אַף זיך.

מוישעלע האָט עס מיט צערטלעכקייט און מיט ראַכמאָנעס אַריינגענומען איןביידע הענטלעך און איז דערמיט אַרויס אין דרויסן.

דער רעגן האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט און עפּעס מאָדנע ניי האָט פאַר אים דער דרויסן אויסגעזען. ער איז נאָך קיינמאָל אַזוי פרי ניט אויפגעשטאַנען. דער הימל איז שוין טיילווייז געווען אויסגעלייטערט, די שטערן שוין אויסגעלאָשן, די זון נאָך ניט אויפגעגאַנגען. אַלץ אַרום איז געווען מיט וואַסער פאַרפּלייצט. פון צווישן די ביימער האָבן פייגעלעך געפּישטשעט. דער הונט האָט דערהערט ווי מען האָט די טיר געעפנט, איז ער פון ערגעץ אָנגעקומען זען, ווער עס איז. דאָס פייגעלע, דערפילנדיק די פרישע לופט, האָט זיך א צאַפּל געטאָן. האָט מוישעלע אָן עפן געטאָן דאָס הענטל און דאָס פייגעלע איז אַוועק . . .

א ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און נאָכגעקוקט, באַלד האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אין דער נעסט פון די קליינע פייגעלעך אַפן בוים, איז ער אַוועק אַהין זען, וואָס איז פון זיי געוואָרן.

פון דער נעסט, אַפן בוים, צווישן די צווייגן, איז קיין סימן ניט געבליבן . . . ניט ווייט, אַף דער ערד, זיינען געלעגן אַלע דריי פייגעלעך, נאַקעטע, מיט לאַנג אויסגעצויגענע העלדזעלעך, מיט פאַרמאַכטע אייגעלעך, צעווייקטע פון רעגן, זיינען זיי געלעגן אָן א סימן פון לעבן.

פון דער הייך, אַפן בוים, האָט זיך געהערט דאָס פאַרצווייפלטע פּישטשען פון א פייגעלע . . .

און ווען מוישעלע האָט אַהין אַרויפגעקוקט, מיט טרערן־פאַרגאָסענע אייגעלעך, האָט ער דערקענט דאָס פייגעלע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אָפּגעלאָזט . . . ס'איז געשטאַנען אַף א צווייגל און זיך פאַרגאַנגען אין א ביטער געוויין . . .

כאַימעלע כאַפּט שוין מער ניט קיין פייגעלעך

כאַימעלע האָט זייער ליב געהאַט פייגעלעך. גרויסע האָט ער ניט גע־קענט כאַפּן, זיי פליען שנעל אַוועק. פלעגט ער זיך דראַפּן אַף די ביימער און אַרויסשלעפּן פון די נעסטן קליינינקע, נאָר וואָס געבוירענע פייגעלעך, נאַקעט, אָן פעדערלעך און מיט געלע פּיסקעלעך.

ער פלעגט זיי געבן עסן, שטאַפּנדיק זיי אין די געלע פּיסקעלעך און זיי האַלטן איינגעדעקט, צו פאַרהיטן פון קעלט. אַ סאַך פלעגן טאַקע אַוועק־פאַלן. עס האָט זיי געפעלט די וואַרעמקייט פון דער מאַמען און עפּשער נאָר פון בענקשאַפט נאָך דער מאַמען. און אייניקע פלעגן בלייבן לעבן. אַבי ס'זיינען נאָר אָנגעוואַקסן פעדערלעך פלעגט זיי כאַימעלע אַריינלאָזן אין שטייגל, צוזאַמען מיט אַנדערע פייגעלעך, וואָס ער האָט שוין געהאַט פון פריער.

אַזוי האָט כאַימעלע אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל פייגעלעך פון פאַר־שיידענע קאָלירן, וואָס פלעגן אַ גאַנצן טאָג אַרומשפּרינגען פון איין שטאַב־ליע אַף דער צווייטער און פון איין עק צום אַנדערן. זיי האָבן געזוכט אַ פּלאַץ ווי זיך דורכצושטופּן דורך די דראָטן. זיי פלעגן האַלטן אין איין פּישטשען און זינגען, עפּשער האָבן זיי געוויינט, ווער ווייס?

און כאַימעלע, אַבי ער איז נאָר אַהיימגעקומען פון שול, פלעגט ער אַ וואָרף טאָן די טעקע מיט די העפטן און גלייך אַוועק צו זיין שטייגל מיט די פייגעלעך.

די מוטער זיינע פלעגט אים סטראַשען, אַז זי וועט זיי אַלע אַרויס־לאָזן: פייגעלעך דאַרפן זיין אַף דער פריי, אין וואַלד און אַרומשפּרינגען פון איין צווייג אַף דער צווייטער. פון איין בוים אַפן אַנדערן, ס'אַ דאַכמאַ־נעס!

זי פלעגט דאָס אָבער קיינמאָל ניט טאָן, ווייל זי האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גוואַלדן כאַימעלע וועט אָנמאַכן.

כאַימעלע איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן געווען צופרידן. אים האָט נאָך אויסגעפעלט איין מין. ער האָט שטאַרק ביישעק געהאַט צו באַקומען אַ „לאָריטאָ". אין נאָענטן וואַלד זיינען זיי פאַראַן פיל. זיי קומען אַפילע אַפט גאַנצע מאַכנעס און באַזעצן זיך אַף די ביימער, אַרום זיין שטוב און מאַכן אַן אַזאַ ליאַרעם, נאָר טויב צו ווערן. כאַפּן זיי גרויסע איז קימאַט אומעגלעך. אַ כויץ דעם, לערנען זיך גרויסע פּאַפּוגייען זייער שווער.

כאַימעלע האָט אויך געוואוסט, אַז די נעסטן מאַכן זיי אין וואַלד אַף די העכסטע ביימער. און די נעסטן זיינען אויסגעלייגט מיט אַ סאַך שטעכעדיקע צווייגלעך, און האָבן פאַרשיידענע טירן צו אַנטלויפן אין פאַל, ווען זיי ווערן באַפאַלן.

איינמאָל, אין אַ טאָג, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון שול, איז ער אַוועק אין נאָענטן וואַלד, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער כעווריע, זיינע כאַווירים. ערשט, ווען עס איז שוין גוט פינצטער געוואָרן, איז ער אַהיימגעקומען מיט צעדראַפּעטע הענט, מיט אַ צעדראַפּעט פּאָנעם און צעריסענע קליידער, אָבער אַ צופרידענער, אין די הענט האָט ער געטראָגן אַ קליינעם, נאַקעטן „לאָריטאָ".

באַלד אַפן אָרט, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „פּעדראָ" און גענומען ריידן צו אים ווי צו זיינס גלייכן:

— איך וועל דיר מאַכן אַ שיין שטייגעלע און קיין עסן וועט דיר אויך ניט פעלן.

גלייך האָט ער גענומען אים שטאָפּן אין פּיסקל צעווייקט ברויט. און ווען ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אַפן טיש, האָט ער געהאַלטן אין איין שאָקלען מיט די נאַקעטע פליגעלעך און מיטן קעפּל, גלייך ער זאָל דערמיט וועלן אַרויסווייזן זיין צושטימיקייט צו דעם אַלעם, וואָס כאַימעלע האָט אים געזאָגט.

אַזוי איז פּעדראָ געוואָקסן. פון טאָג צו טאָג זיינען אים צוגעקומען גרינע פעדערלעך. אויך די פליגעלעך זיינען אים אונטערגעוואָקסן. און

ער האָט געפּרואווט פּליען, האָט אים כּאַימעלע אָפּגעהאַקט די שפּיצן פון איין פליגעלע און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ שטייגל.

מיט דער צייט האָט זיך פּעדראָ אויסגעלערנט נאָכריידן ווערטער און אַ גאַנצן טאָג ניט מיד געוואָרן צו שרייען: „פּאַטראָן! פּעדראָ קיערע קאַמער!" און געהאַלטן אין איין בייסן און רייסן שטיקלעך פונעם הילצערנעם טירל.

איינמאָל, ווען כּאַימעלע איז אַהיימגעקומען פון שול האָט ער געטראָפן דאָס טירל אָפן, דאָס שטייגל ליידיק, פּעדראָ איז ניט געווען. כּאַימעלע האָט אים אַרומגעזוכט אומעטום, אויף דיביימער און אין אַלע ווינקעלעך, נאָר אַפילו קיין סימען פון אים ניט געפונען. ווי אין וואַסער אַריין. אַזוי איז אַוועק אַ טאָג, צוויי און דריי און כּאַימעלע האָט זיך שוין מעיאַעש געווען.

נאָר פּלוצלינג, איינמאָל, נאָך האַלבן טאָג, ווען כּאַימעלע איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע פייגעלעך, האָט ער דערהערט דאָס שרייען און ליאַרמען פון אַ גאַנצער מאַכנע „לאָראָס", וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די ביימער אַרום זיין שטוב.

כּאַימעלע איז אַרויסגעלאָפן און צוהערנדיק זיך צו זייער געפילדער און געשריי, האָט ער דערהערט פּעדראָס קול: „פּאַטראָן! פּעדראָ קיערע קאַמער!" אויך די אַנדערע לאָראָס האָבן ניט אויפגעהערט צו שרייען אויף זייער שפּראַך: קעררר, קעררר, קעררר. און ווען כּאַימעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן פּעדראָן, האָבן זיך אַלע לאָראָס, צוזאַמען מיט פּעדראָן אויפגעהויבן, מיט ראַש און געפּילדער אַוועקגעפלויגן גלייך אין נאָענטן וואַלד אַריין.

כּאַימעלע איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און אַ פאַרקלעמט האַרץ, ער האָט געזען, אַז פּעדראָ איז פון אים שוין אויף אייביק אַוועק.

דאַרויף איז צוגעקומען די מוטער זיינע.

— איצט זעסטו שוין, אַז פייגעלעך האָבן ליב צו זיין אויף דער פריי?

— האָט זי צו אים גערעדט און געגעבן צו פאַרשטיין — דאָס האָט פּעדראָ זיי געבראַכט פון וואַלד און זיי צוגערעדט צו קומען אַהער, ווייל דאָ

איז פאַראַן צו עסן, אָבער זיי האָבן אַלע אין איין קאָל געענטפערט: קערר, קערר, קערר, וואָס אַף זייער שפּראַך מיינט עס: בעסער אין וואַלד אפילע שטאַרבן פון הונגער, אַבי ניט זיין געפאַנגען, פאַרשפּאַרט. און ווען דו זאָלסט מיר פאָלגן — האָט די מוטער ווייטער געזאָגט — וואָלסטו אַליין אַלע דיינע פייגעלעך פריי געלאָזט!

כאַימעלע האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און באַלד איז ער צוגעלאָפן צום שטייגל מיט די פייגעלעך, אויפגעהויבן עס אין דער הייך, מיטאַמאָל אַן עפן געטאָן דאָס טירל און מיט אַ געפיל, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, האָט ער צוגעקוקט ווי אַלע פייגעלעך, איינס נאָכן אַנדערן, זיינען אַרויס פונעם שטייגל און אַוועקגעפלויגן גלייך אין וואַלד אַריין.

ווי אַזוי שמוליק האָט זיך איבערגעבעטן מיט מאַלאַקאַראַ

שמוליק האָט געהאַט זיין אייגנס אַ פערדל. דאָס האָט אים זיין טאַטע געשענקט, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין שול. די שול איז געווען אַ פינף קילאָמעטער פון דער גרופּע, וואו זיי האָבן געוואוינט און גיין צו פוס איז געווען זייער ווייט. דאָס פערדל האָט געהאַט אַ ווייסן פלעק אָפן פּאָנעם, דערפאַר האָט מען עס גערופן מאַלאַקאַראַ.

און שמוליק מיט מאַלאַקאַראַן זיינען געווען גוטע פריינט, קיינער האָט ניט געטאָרט רייטן אַף מאַלאַקאַראַן, כוץ אים.

אַלע גאַנץ פרי, ווען שמוליק איז נאָר אויפגעשטאַנען, האָט שוין מאַלאַקאַראַ געוואַרט אַף זיין פּאָרציע עסן, וואָס שמוליק פלעגט אים אונטערטראָגן. און ס'פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז דער מאַלאַקאַראַ האָט זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט אַף דער „קינטע" — ער האָט געפונען אַ גוט ביסל פּאַשע, אָדער האָט זיך געטראָפן מיט אַן אַנדער פערד פון יענער דראָט־פּאַרצוימונג — איז גענוג געווען, אַז שמוליק זאָל אים אַ רוף טאָן און אים ווייזן פון וויטנס דאָס טאָרבעלע מיטן עסן, אַז דער מאַלאַקאַראַ זאָל אַלץ איבערלאָזן און אין פולן גאַלאָפּ מיט אַ הירזשעריי קומען צו לויפן. נאָר דאָס פלעגט טרעפן זעלטן, קימאַט טאָמיד האָט שוין דער מאַלאַקאַראַ געוואַרט ניט ווייט פון דער טיר, וואו שמוליק האָט געדאַרפט אַרויסקומען. און קוים האָט ער אים נאָר דערזען, האָט ער אָנגעהויבן שטיל צו הירזשען און מאַכן מיט די ליפּן, וואָס אַף פערדיש לאָשן האָט דאָס אויסגעדריקט אי אַ גוט מאָרגן אי פרייד.

באַלד נאָכן אָפּעסן פלעגט אים שמוליק אָנזאָטלען. דערווייל פלעגן אָנקומען אַנדערע קינדער, זיינע כאַווײרים פון די שכײנישע גרופּעס, רייטנדיק אַף זייערע פערד מיט די טעקעס באַ דער זייט אָנגעהאָנגען. איי־

ניקע פלעגן רייטן צו צוויי און דריי אַף איין פערד. די קלענערע פון הינטן, אָנהאַלטנדיק זיך אין די גרעסערע, וואָס זיצן פון פאָרנט און אַלע צוזאַמען אין גאַלאָפּ אַוועקרייטן גלייך מיטן וועג צו דער שול.

שמוליק פלעגט וועלן באַווייזן, אַז זיין מאַלאַקאַרא איז בעסער פון די אַנדערע פערד. פלעגט ער אים אָפּט אונטערטרייבן, שלאָגן און דערביי איינהאַלטן מיט דער צוים. דעם מאַלאַקאַרא פלעגט דאָס פאַרדריסן. ער האָט זיך אין גאָרניט געפונען שולדיק. פלעגט ער שפרינגען און זיך וואַרפן אַף אַלע זייטן און אַפילע פרוּוון שמוליקן אַראָפּוואַרפן פון זיך. שמוליק האָט אָבער געקענט גוט רייטן און זיך פעסט געהאַלטן אין זאָטל.

דאָך האָט זיך איינמאָל געמאַכט, ווען שמוליק האָט דעם מאַלאַקאַרא שטאַרק דערקוטשעט, האָט אים דער מאַלאַקאַרא אַראָפּגעוואָרפן. עמעס, שמוליק איז געפאַלן שטייענדיק. נאָר די טעקע מיט די ביכער, מיט די העפטן, האָבן זיך צעשאָטן און דער ווינט האָט פאַרטראָגן איניקע בלעטלעך פונעם ביכל. כעוורע האָבן געלאַכט און דאָס האָט שמוליקן שטאַרק פאַרדראָסן. האָט ער דעם גאַנצן קאַס אויסגעלאָזט צו דעם מאַלאַקאַרא און אים גענומען שלאָגן איבערן קאָפּ און וואו ער האָט נאָר געטראָפן. אַזוי איז בא מאַלאַקאַראָן געבליבן אַ געוואוינהייט, אַז ווי באַלד שמוליק האָט נאָר אויפגעהויבן די האַנט, מעג זיין אַפילע אים אַ גלעט צו טאָן, אָדער די צוים אָנטאָן, פלעגט ער אָנהייבן וואַרפן מיטן קאָפּ און אים הייבן וואָס אַמאָל העכער, מוירע האָבנדיק פאַר קלעפּ.

בא מאַלאַקאַרא איז געוואָרן אַ גאַנצער מיש־מאַש אין זיין פערדישן קאָפּ. קלערן קיין סאַך האָט ער ניט געקענט. ער האָט געהאַט אַ צעמישטע געפיל פון ליבשאַפט און פיינטשאַפט:

ווען שמוליק האָט אים געגעבן עסן, אָדער געגלעט דעם רוקן, פלעגט ער שטיין רואיק און לאָזן טאָן מיט זיך וואָס מ׳האָט געוואָלט און געפילט צו אים אַ ליבשאַפט. נאָר ווען ער פלעגט אים שלאָגן, איז ער געוואָרן ווילד און גרייט געווען אַף אַלץ, אַפילע צו הארגענען.

איינמאָל האָט זיך טאַקע געמאַכט, אַז נאָכדעם, ווי שמוליק איז אַהיימגעקומען פון דער שול און איז געווען שטאַרק אויפגערעגט אַף מאַלאַקאַרא און נאָכדעם וואָס ער האָט פון אים דעם זאָטל אַראָפּגענומען, האָט ער

אים מיטן גאַנצן קויעך דערלאַנגט מיטן צוים. מאַלאַקאַראַן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן: ס׳טייטש, פאַרוואָס? ער האָט אָבער קיין סאַך ניט געטראַכט און מיט די הינטערשטע פיס שמוליקן געגעבן אַזאַ דריגע אין פּאָנעם אַריין, אַז ער האָט אים אויסגעזעצט צוויי ציין און די נאָז שטאַרק צעקלאַפּט.

וואָס ווייטער איז געווען, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. אַף שמוליקס געוואַלדן איז מען באַלד אַרויס פון שטוב, די מאַמע האָט אים קוים אָרומ־געוואַשן דאָס בלוט, וואָס איז גערונען פון מויל און פון דער נאָז.

שמוליק איז אַ צייט ניט געגאַנגען אין שול, ביז ער איז געזונט גע־וואָרן. אָבער מיטן מאַלאַקאַראַ האָט ער מער ניט געוואָלט פאָרן. ער איז געווען ברויגעז מיט אים, פאַרוואָס ער האָט אים געגעבן אַ דריגע אין די ציין. מ׳האָט מיט אים איינגעטאַינעט: „ווען דו זאָלסט אים ניט שלאָגן, וואָלט ער דיר ניט געדריגעט.“

„זאָל ער ניט דריגען, וועל איך אים ניט שלאָגן“ — האָט שמוליק גע־ענטפערט.

ביז ס׳האָבן זיך אַריינגעמישט זיינע באַווײַרים און נאָך אַ סאַך טאַי־נעס, האָט זיך שמוליק איבערגעבעטן מיטן מאַלאַקאַראַ, אָבער שמוליק האָט אים שוין מער ניט געשלאָגן און מאַלאַקאַראַ האָט שוין מער ניט גע־דריגעט.

ווי אַזוי טשאָלאָ פון דער גרויסער שטאָט האָט געשלאָסן גוטברודערשאַפט מיט יינגלעך פון דער קאָלאָניע.

צו שמוליקן אַף דער גרופּע זיינען געקומען געסט פון דער גרויסער שטאָט: די מומע האָדל מיט איר יינגעלע פון אַ יאָר אַכט. טשאָלאָ רופט מען אים.

באַ דער ערשטער באַגעגעניש האָבן שמוליק מיט טשאָלאָן זיך אָנגעקוקט פון דער זייט, אַביסל פאַרשעמט, שמוליק האָט געקוקט אַף טשאָלאָס ניי אָנצוגל וואָס ער טראָגט, אַף די נייע שיכלעך און די ווייסע קורצע זאָקן. און טשאָלאָ האָט געקוקט אַף שמוליקס הוילעך: אַ פּאָר קורצע הייזלעך, וואָס הענגען אַף איין שלייקע, פון דעם זעלבן פּראָסטן געוואַנט, אַזוי אַז איין הויז זעט אויס קירצער פונעם אַנדערן, אַ צעבראָסטעט העמדל, אַף די פיס אַ פּאָר אָלפּאַרגאַטן, אויסגעריבן באַ די גראָבע פינגער.

ביידע מאַמעס האָבן זיי גענומען אויסריידן:

— וואָס פאַר אַ שעמען זיך, וואָס? איר זיינט דאָך אייגענע שוועסטערקינדער, איר הייסט דאָך ביידע נאָך איין זיידן —

— נאָכן זיידן טשאָלאָ, מאַמע? — האָט שמוליק מיט אַן ערנסטער מינע געפרעגט.

ביידע מאַמעס האָבן זיך הארציק צעלאַכט. דערווייל האָבן שמוליס און טשאָלאָ זיך צוגעשאַרט איינס צום אַנדערן, זיך צעלאַכט און ארויס אין דרויסן.

אין דרויסן האָבן זיי פרייער אָפּגעאָטעמט. שמוליק האָט גענומען באַווייזן טשאָלאָן אַלץ וואָס געפינט זיך אַרום שטוב: דעם גרויסן גאַלפּאָן און

אַלץ וואָס געפינט זיך אין אים, די שנייד־ און דרעש־מאַשין, וואָס שטייט און רוט זיך אָפּ ביז דער נייער קאָסעטשע און אַנדערע מאַשינען. מיט דעם אַקערט מען, מיט דעם פּאַרזייט מען. און אַזוי אויסגערעכנט יעדער זאַך צו וואָס עס טויג. ער האָט אים געוויזן דעם „גאַזשינערא״, דעם גאָר־טן. צום לעצט האָט ער אים געפירט אָפּ דער קינטע, וואו זיין מאַלאַקאַרא פערד פּאַשעט זיך. און אַז דאָס איז זיין אייגן פערד, וואָס ער פאָרט מיט אים אַלע טאָג אין שול און ווען ער וויל זיך אַביסל דורכפאָרן.

טשאָלאָ האָט אָפּ דעם אַלץ געקוקט פאַרוואונדערט. און מער פון אַלץ האָט ער שטאַרק מעקאַנע געווען שמוליקן פאַר זיין מאַלאַקאַרא. האָט ער אויך גענומען דערציילן וועגן זיינע שפּאַצירן, וואָס ער מאַכט אַלע זונטיק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און וואָס פאַרא כאַיעס מ׳זעט דאָרטן. און אין די „פּלאַסעס״ גייט ער אַלע טאָג.

עמעס, קיין עמעס פערד האָט ער ניט ווי שמוליק. דערפאַר פירט אים זיין מאַמע צוויי מאָל אין דער וואָך צו די „קאַלעסיטאַס״ און ער פאָרט זיך דורך אָפּ אַ הילצערן פערדל, פּונקט ווי אָפּ אַן עמעסן פערד. און אַז ער גייט אין „סינע״, און וואָס ער זעט דאָרט . . .

דערווייל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען שמוליקס כאַווירים מיט אַ ראַש און געפילדער. אייניקע צופוס, אַנדערע — רייטנדיק אָפּ זייערע פערד. נאָר, אַז זיי האָבן דערזען טשאָלאָן אַ פּאַרפּוצט יינגעלע פון דער גרויסער שטאָט, זיינען זיי מיטאַמאָל שטיל געבליבן, זיך נאָר אומגעקוקט איינער מיטן אַנדערן און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

אויך טשאָלאָ איז געבליבן שטיל און געקוקט פון אויבן אַראָפּ, אָפּ זייער האַלבאָשע און אָפּ זייער גאַנצן הוילעך. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ זייט, ווי ער זאָל דערמיט וועלן זאָגן: מיט אַזאַ בעוורע שלעפּערס שפּילט ער זיך ניט . . .

שמוליק האָט געוואָלט מאַכן שאָלעם, האָט ער פאָרגעלייגט פאַר שיידענע שפּילן, אָבער קיין איינע איז טשאָלאָן ניט געפעלן און ער האָט זיך געלאָזט גאָר אינגאַנצן אוועקגיין.

— וויסט איר גאָר וואָס? — האָט זיך אָפּגערופן איציק, אַ יאַט מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן וואָס האָבן אַפּירגעקוקט פון אַ זשמוט שוואַרצע

האָר, וואָס זיינען אים אַראָפּגעהאָנגען איבערן שטערן. ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר פאָרן כאַפּן קאַראַפּאַטוועס און מיטנעמען טשאַלאָן אויך.

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן און שמוליק האָט באַלד צוריקגערופן טשאַלאָן. אויך טשאַלאָן איז געפעלן די שפּיל: ער וועט רייטן אַף אַן עמעס פערד און כאַפּן קאַראַפּאַטוועס.

כעוורע זיינען זיך צעלאָפן, יעדער צו זיך אַהיים און אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי אַלע געווען צוריק, יעדער אַף זיין פערד, מיט אַ לאַנגער „קאַניאַ" אין דער האַנט, אין עק פון דער „קאַניאַ" אָנגעבונדן אַן אויסגעפלאָכטענע שלייף פון האָר פונעם עק פון אַ פערד, אָדער פון דראָט אויסגעפלאָכטן אין דער פאָרעם פון אַ דעכל.

אויך פאַר טשאַלאָן האָט מען געבראַכט אַ פערד און אַלע האָבן זיך גענומען אַרומשמייען מיטן צוגרייטן דאָס פערד פאַר טשאַלאָן: איינער האָט אָנגעטאָן די צוים, אַן אַנדערער האָט אַרויפגעלייגט אַ פעל פון אַ שאָף. אַנדערע צוויי האָבן טשאַלאָן אויפגעהויבן און אַרויפגעזעצט אַפן פערד. אָפּגעטאָן די אַרבעט, האָבן זיי אים געלאָזט אַליין. טשאַלאָן האָט זיך אַ ביסל פאַרדרייט דער קאָפּ, ער האָט זיך אָבער געמאַכט האַרץ און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. נאָר אַז דאָס פערד האָט דערפילט וואָס פאַר אַ רייטער ער האָט אַף זיך... האָט עס אים ניט גענומען ערנסט. און דערזעענדיק פאַר זיך גרינע גרעזלעך, האָט עס אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און גענומען פליקן איינס נאָך ס'אַנדערע.

טשאַלאָ האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלד. ער האָט זיך פלוצלונג דערזען באַם ברעג פונעם אָפּגרונט... ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט האָט ער מיטן אויג אָפּגעמאָסטן, אַז ער זיצט מער אָדער ווייניקער אַף דער מיט פון פערד. וויפל פון הינטן, אַזויפיל פון פאָרנט. נאָר ווען דאָס פערד האָט פלוצלונג אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ מיטן גאַנצן האַלדז, איז טשאַלאָ געבליבן זיצן אין עק פון פערד. די גאַנצע פאָדערשטע העלפט פערד איז פאַרשוואונדן... ניטאָ מער... און מיט אַמאָל האָט ער דערפילט ווי ער האַלט אין פאַלן, גליטשט זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט... ביז ער איז געבליבן ליגן אַף דער ווייכער ערד.

כעוורע האָבן געלאַכט און גאָר אָנגעקוואָלן פון טשאָלאָס פאַרלווירנ־קייט.

איציק איז מיט איין שפרונג שוין געזעסן אַף זיין אַלאַסאַן און שטע־לנדיק זיך אין דער שפּיץ, האָט ער באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן צו צוויי, איינער הינטערן אַנדערן, און אַף זיין באַפעל האָבן אַלע מיטאַ־מאָל געריררט פון אָרט, טכילעס — אין אַ טראָט, נאָר באַלד אין פולן גאַ־לאָפּ.

טשאָלאָ איז געשטאַנען ווי אַ פאַרכאַלעמטער, אים האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז ער האָט שוין ערגעץ געזען אַזאַ בילד: ווי אַ גאַנצער שייוועט אינדיאַנער טראָגן זיך לייכט אַף זייערע פערד און אין די הענט טראָגן זיי לאַנגע שפּיזן און אין דער לופט טראָגט זיך אַ וואָלקן פון שטויב, וואָס די פערד הייבן אויף מיט די פיס. וואו האָט ער דאָס שוין געזען? האָ! יאָ! אין קינאָ האָט ער דאָס געזען. און איצטער לעבט ער דאָס איבער אין דערווירקלעכקייט. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט גאָרנים באַ־מערקט, ווי אַלע רייטער האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט אַף צוריק, מיטאַ־מאָל אים אַרומגערינגלט און מיט אַ קווויטשעריי און געלעכטער זיינען זיי אַראָפּ פון די פערד און פאַרזיכערט טשאָלאָן, אַז אַ צווייט מאָל וועלן זיי מיט אים פאָרן כאַפּן קאַראַפּאַטוועס. זיי וועלן אים נאָר פריער אויסלערנען רייטן אַף אַ פערד. היינט זיינען זיי גלאַט אַזוי אַביסל זיך דורכגעפאָרן...

טשאָלאָ האָט צוגעשמייכלט מיט אָנערקענונג צו די קאָלאָניסטישע יינגלעך און געשלאָסן מיט זיי גוטברודערשאַפט.

זיי וועלן שוין מער אַזוי ניט זיין!

דער ערשטער פּאָרט אַרויס גאַנץ פרי כאַימעלע אַף זיין פעטיסאָ ראַסיזשאַ.

איינער אַליין פּאָרט ער, ביז דער צווייטער גרופּע. דאָרט וואַרט שוין אַף אים שמוליק מיט זיין מאַלאַקאַרא, פאַרטיק צו פאָרן. פון דאָרט פאָרן זיי שוין אין צווייען, ביז דער דריטער גרופּע, וואו עס קומט זיי שוין אַנטקעגן איציק אַף זיין אַלאַסאַן, טאַנצנדיק און שפּרינגנדיק פּאָרט ער אַרויס פון טויער און וואָס מער איציק האַלט איין דעם אַלאַסאַן, אַלץ מער רייסט ער זיך צום לויפן. קימאַט פון יעדער גרופּע, אָדער אַ זייטיק וועגל, וואָס פירט פון די גרופּעס וואָס שטייען ניט באַם וועג, קומען אַלץ צו נייע רייטער. ס'קומען אויך צו צו צוויי אַף איין פערד, צוויי ברידערלעך, אָדער אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל, וואָס זיצט פון הינטן און מיט די קליינע הענטעלעך האַלט זי אַרומגענומען דאָס ברודערל, וואָס טרייבט דאָס פערד. אַלע טראָגן זיי די טאַשן מיט די העפטן באַ דער זייט אַנגעהאַנגען. די קאָמפּאַניע ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער און גרעסער. אייניקע ווייזן קונצן מיט די פערד, מאַכן אַזוי, אַז די פערד זאָלן זיך שטעלן מיט די הינטערשטע פיס און דער רייטער זאָל ניט אַראָפּפאַלן. זייער געפּילדער און געלעכטער צעטראָגט זיך ווייט איבער די פעלדער אַרום.

שמוליק רופט אַרויס איציקן אַף אַ געוועט, וועמעס פערד ס'וועט לויפן שנעלער. איציק לאָזט זיך פיל ניט בעטן, אוןביידע גיבן איבער די טאַשן די כאַוויירים און פאָרן אַרויס מיט זייערע פערד פאָרויס, שטעלן זיך איינער לעבן אַנדערן. וואַרטן אַזוי אַ ווײַלע און באַלד שיסן זיי אויס אין פולן גאַלאָפּ. די צוויי קליינע רייטער בייגן זיך אויס אַף פאָרויס, אַזוי אַז זייערע קעפּלעך רירן קימאַט אָן די פערד. מיט די רעבענקעס און מיט די פיסלעך

טרייבן זיי אונטער די פערד, זיי זאָלן אַלץ מער לויפן. ביידע רייטער ווערן באַלד פאַרשוואונדן און לאָזן שטויב, וואָס טראָגט זיך אין דער לופט, אויפגעהויבן פון די פערדישע פיס.

די גאַנצע בעוורע רייטער פאָרט אין פולן גאַלאָפּ. אַלעמענס אויגן זיינען אָנגעשטרענגט און קוקן אַהין, וואו די „קאַרעראַ" וועט זיך ענדיקן. אויך זיי וועטן זיך, סטאַם אַזוי, וואָס פאַר אַ פערד וועט געווינען, אייניקע האַלטן מיט מאַלאַקאַרא, אַנדערע — מיט אַלאַסאַן.

אַז די „קאַרעראַ" ענדיקט זיך, קערן זיך די צוויי רייטער אום. די פערד צערייצטע, ניט איינצוהאַלטן, מיט אַ שוים באַ די פיסקעס.

איינמאָל, אַזוי פאָרנדיק, מיט ראַש און געפילדער, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַפן וועג אַ ווייס פערד, בלינד אַף ביידע אויגן.

ווייל עס איז געווען אַלט און בלינד, צו דער אַרבעט האָט עס שוין ניט געטויגט און פּאַשע איז געווען ווייניק, האָט אים זיין באַלעבאָס אַרויסגעטריבן אַפן וועג און אים געלאָזט אַף הפקר.

אַז דאָס בלינדע פערד האָט דערהערט דאָס אָנקומען פון רייטער, האָט עס גענומען לויפן פאָראויס, מיט די פיס געוואָרפן אין דער לופט, ווי עס זאָל וועלן אָנטאַפּן דעם וועג. דעם קאָפּ האָט עס אויפגעהויבן און עטוואָס אויסגעבויגן אַף אַ זייט און די אויערן אָנגעשפּיצט אַף אַרונטער.

— לאָמיר אים אָנבינדן אַ בלעך! — האָט איינער אויסגערופן, דערזעענדיק אַן אַלטע בלעך פון קעראָסין ליגן באַ דער זייט פון וועג.

— אָנבינדן! אָנבינדן! — האָבן קימאַט אַלע געשריגן.

און באַלד זיינען צוויי רייטער פאַרלאָפן דעם וועג, דאָס בלינדע פערד פאַרטריבן צו דער דראָט־פאַרצוימונג, אַנדערע האָבן די בלעך אָנגעבונדן צו זיין עק און אים אָפּגעלאָזט.

ווען דאָס בלינדע פערד האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן, האָט עס דערפילט דאָס קלאַפּן אין די הינטערשטע פיס און דאָס אָפּהילכן פון דער בלעך, האָט עס גענומען לויפן, און וואָס מער עס איז געלאָפן, אַלץ מער

האָט אים די בלעך געקלאַפּט אין די הינטערשטע פיס און אַלץ שטאַרקער און העכער האָט אָפּגעהילכט דער קלונג פון דער בלעך.

פּלוצלונג, האָט זיך דעם פערד אויסגעוויזן, אַז עס הערט ווי רייטער זאָלן אָנקומען פון אַנטקעגן. האָט עס זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און מיט דער גאַנצער שרעק און אימפּעט, איז עס אַרויפגעלאָפן אויף די זעלבע רייטער, וואָס האָבן אים די בלעך אָנגעבונדן. די פערד האָבן זיך דערשראָקן און צעיושעטע האָבן זיי גענומען שפּרינגען און לויפן אויף אַלע זייטן. אייניקע רייטער זיינען אַראָפּגעפאַלן, אַנדערע וואָס זיינען געבליבן זיצן אויף די פערד, האָבן זיי בעשומויפן ניט געקענט איינהאַלטן. טאַשן, העפטן, איינציקע בלעטלעך פון די ביכלעך, בלייפעדערס און אַנדערע שרייב־געצייג, זיינען געפלויגן אויף אַלע זייטן. דער האָט פאַרלוירן דאָס היטל, אַן אַנדערער האָט צעריסן די הויזן, אַזוי אַז קיין איינער איז ניט אַרויס גאַנץ פון דער שפּיל.

צום גליק איז דאָס געווען ניט ווייט פון שול. אויף די געוואַלדן איז אַרויסגעלאָפן דער לערער, אַ פּאָר שכיינים פון נאָענטע גרופּעס, צענויפגענומען דאָס גאַנצע קליינוואַרג, אויפגעקליבן העפטן און אַלץ וואָס איז צעשאָטן געוואָרן.

און שוין זיצנדיק אין שול, האָט דאָס זיי געדינט פאַר אַ לעקציע. דער לערער האָט די טעמע אויסגענוצט.

און זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן שוין אַזוי מער ניט טאָן.

ווי אַזוי עס איז געוואָרן שאָלעם צווישן הונט מיט דער קאַץ

א קאָלאָניסט, וואָס האָט געהאַט קי און פערד, הינער און קאַטשקעס, האָט אויך געהאַט אַ הונט און אַ קאַץ. דער הונט האָט געהיט די שטוב, עס זאָלן ניט צוקומען קיין פרעמדע בעהיימעס, אָדער סטאַם אַזוי אַ פרעמדער דורכגייער. און די קאַץ פלעגט כאַפּן מייזלעך. זי פלעגט אָפּזיצן שאָען־לאַנג לעבן אַ נאָרע, וואו זי האָט געפילט, אַז דאָרט האַלטן זיך אויף מייזלעך. און ביז זי האָט ניט געכאַפּט איינס, פלעגט זי ניט אָפּטרעטן.

נאָר צווישן זיי ביידע, — צווישן הונט מיט דער קאַץ, איז קיין שאָלעם ניט געווען. קוים האָבן זיי זיך נאָר באַגעגנט, פלעגט דער הונט ווייזן זיינע ציין... און די קאַץ פלעגט זיך אָנבלאָזן, אויפשטעלן די האָר אַפּן רוקן, זיך אויפהייבן אין דער הייך וויפל זי האָט נאָר געקענט, קעדיי זי זאָל אויסקוקן גרעסער. אויך דעם עק פלעגט זי אויפשטעלן און ווייזן אַ לאַפּקעלע מיט די שאַרפע נעגל. און אַז דער הונט האָט זיך אַלץ ניט איבערגעשראָקן, פלעגט זי אים געבן אַ שפּיי אין פּאָנעם און אַנטלויפן. אַזוי יעדער מאָל, ווען זיי האָבן זיך נאָר באַגעגנט. קיין שאָלעם איז צווישן זיי ניט געווען. ווער ווייס פאַרוואָס?...

האָט דאָס פאַרדראָסן דעם קאָלאָניסט, דעם באַלעבאָס זייערן, און ער האָט באַשטימט זיי ביידע, דעם הונט מיט דער קאַץ, אַוועקצופירן ערגעץ פון דער שטוב. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט געכאַפּט דעם הונט מיט דער קאַץ, זיי אַריינגעלייגט יעדן באַזונדער איז אַ זאַק. ער וועט דאָך ניט אַריינלייגן אַ הונט מיט אַ קאַץ אין איין זאַק... זיי אַרויפגעלייגט אַפּן וואָגן און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן ווייט, ווייט.

געפאָרן אַ שאָ, צוויי און דריי, ביז ער איז געבליבן שטיין אין מיטן

וועג, געעפנט ביידע זעק מיטאמאָל, און זיי אַרויסגעלאָזט און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

דער הונט מיט דער קאַץ האָבן זיך פּלוצלונג געפונען איינער קעגן אַנדערן אין מיטן וועג. האָט דער הונט ווידער געוויזן זיינע ציין. און די קאַץ האָט זיך אָנגעבלאָזן און געוויזן אירע שאַרפע נעגל, ווי זי זאָל וועלן זאָגן: נו, טשעפּע נאָר! און באַלד האָט זי געגעבן אַ שפּיי, זיך אויסגע־דרייט און מיט דריי שפּרונג איז זי באַלד פאַרשוואונדן אין די הויכע מאַאיס, וואָס זיינען געוואַקסן באַם וועג. איז דער הונט איר נאָכגעלאָפן, שוין ניט פאַר קאַס אויף דער קאַץ, נאָר עפּעס האָט זיך אים ניט געוואָלט בלייבן אַליין. און אַזוי זיינען זיי אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, וואָס אַמאָל טיפער אין די מאַאיס; די קאַץ פאָרויס האָט מיט בענקשאַפט געניאָווקעט: ניאו! ניאו! הינטן — דער הונט, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער קאַץ און געשמעקט די לופט.

און ווען זיי זיינען הונגעריק געוואָרן, האָט די קאַץ געכאַפּט מייזלעך, וואָס זיינען דאָרט אין אַ גרויסער צאָל אַרומגעלאָפן. די ערשטע האָט זי גלייך פאַרשלונגען. און ווען זי איז זאַט געוואָרן, האָט זי איבערגעלאָזט טויטע און געכאַפּט נאָך. דערפאַר איז זי דאָך אַ קאַץ.

דער הונט איז געשטאַנען פון דערווייטנס און געשלונגען די סלינע פאַר הונגער. מייזלעך האָט ער זיך געמיעסט צו עסן. און אַז דער הונגער האָט אים שטאַרק צוגעטרעטן, האָט ער ווי אָן כיישעק גענומען פאַרזוכן איינס פון די טויטע מייזלעך, וואָס די קאַץ האָט איבערגעלאָזט און אַזוי, ביז ער האָט זיך אָנגעגעסן.

אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער טאָג. און אַ קאַלטע נאַכט איז אָנגעקו־מען. האָט דער הונט אויסגעזוכט אַ בינטל גראָז, האָט עס מיט די פיס אויס־געשפּרייט, אויסגעגלייכט. אַ פּאָר מאָל אַפן אָרט זיך געדרייט און זיך אַוועקגעלייגט. זיך איינגעדרייט ווי אַ בייגל מיטן קאָפּ צווישן די פיס.

די קאַץ האָט דאָס אַלץ צוגעזען און האָט שטאַרק כיישעק געהאַט זיך דאָרט אַוועקצולייגן. האָט זי אָבער מוירע געהאַט פאַרן הונט. ווען עס איז איר שטאַרק קאַלט געוואָרן, איז זי פּאַמעלעך און מיט לייכטע טריט

צוגעקומען נעענטער. און אז זי האָט געזען, אז דער הונט ווייזט ניט אַרויס קיין ווידערווילן, האָט זי אויך אַוועקגעלייגט און זיך איינ גענייוֹרעט אין הונט. און ווען זי האָט געפילט די וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט פונעם הונטס קערפער, האָט זי פאַר פרייד און צופרידנקייט אָנגעהויבן וואָרטשען אין דער שטיל: ררר, ררר...

אזוי זיינען אַריבער דריי טעג מיט דריי נעכט און וואָס אַמאָל האָבן זיי אַלץ מער געבענקט אַהיים. ביז איינמאָל, אינדערפרי, האָט זיך דער הונט געלאָזט גיין אין איין ריכטונג, די קאַץ — נאָך אים; אַלע מאָל האָט זיך דער הונט אָפּגעשטעלט, געשמעקט די לופט, די ערד; דאַכט זיך אַהער, ניין! אַהין — און זיך פאַרקירעוועט, ביז זיי זיינען אַרויס פון די הויכע מאַאיס. און אַזוי גייענדיק, שוין איבער פרייע פעלדער, זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ טייך, וואָס זיי האָבן געמוזט אַרומקרייזן און ערשט, ווען עס איז געוואָרן שטאַרק פינצטער זיינען זיי אָנגעקומען צוריק אַהיים.

ווען דער קאָלאָניסט האָט גאַנץ פרי געעפנט די טיר, האָט ער זייביידע, דעם הונט מיט דער קאַץ, געטראָפן שלאָפן איינגעניורעט איינס אין אַנדערן. דער הונט האָט אַפילו געהאַלטן אַ פעדערשטן פוס אויף דער קאַץ.

פון יענער צייט אָן האָט דער קאָלאָניסט, וואָס האָט שטאַרק אַרומגעזוכט דעם הונט מיט דער קאַץ, ווייל ער האָט זיי געמוזט האָבן, — שוין מער זיי ניט געשלאָגן און זיי געגעבן עסן צו זאַט.

און דער הונט מיט דער קאַץ האָבן געלעבט ווי גוטע כאַווייריִם.

פאַרטייטשונג פון די אַרגענטיניזמען

אַלאַסאַן — נאָמען פון אַ פערד צוליב זיין העל-רויטער פעל.

אַלאַמבראַדאָ — אַ דראָטן-פאַרצוימונג אַרום אַ פעלד.

אַלפאַרגאַטן — ברעזענטענע שיכלעך מיט שטריקענע זוילן.

אַלפאַלפאַ — אַלפע, קאָנטשינע

אַלקאַלדע — בירגערמייסטער.

אַראָזשאָ — שמאָלער טייך מיט לויפנ-דיקן וואַסער.

אָוועראָ — נאָמען פון אַ פערד צוליב דער געלקייט פון זיין פעל.

באָטאַפאָגאָ — דער נאָמען פון אַ פערד וואָס האָט זיך קוינעשעם געווען אין די אָפיציעלע וועט-לויפן אין בוענאָס איירעס.

באָמבידזשע (אַ) — אַ מעטאַלן רערל דורך וועלכן מען זופט מאַטע.

באָסאַל — אַ לעדערנער געפלעכט וואָס מען טוט אָן דעם פערד אויפן קאָפ.

באָראָסאַ — נאָמען פון אַ פערד צוליב זיין געדיכט-האָריקייט.

בלאַנקאָ — נאָמען פון אַן אָקס צוליב זיין ווייסער פעל.

באָליאַדאָר (אַ) — אַ טיפיש אַרגענטינער מיטל אַף צו כאַפּן פערד. ער באַשטייט אין צוויי אָדער דריי צו-געבונדענע צו אַ לאַנגן שטריק קויקן, וואָס באַם פאַרוואַרפן דעם שטריק מיט אימפעט פאַרוויקלען זיי זיך אַרום דעם פוס פון דער-כאַיע, איר פענטענדיק אין לויפן.

באַטאַראַס — אַ הענער-ראַסע.

גאַוטש (אָ) — פויער, פי-צוכטער, אָדער איינגעבוירענער אין די אַרגענטי-נער פאַמפּעס.

גאַלפּאָן — שפּייכלער.

גואַטשאַסאָ — אַ נאגייקע-שמיץ.

גאַלגאָ — צונאָמען פון אַ פערד צוליב זיין שנעלקייט אין לויפן. אין קלאַל איז עס דער נאָמען פון אַ הונט וואָס דינט גוט פאַר יאַגד.

רינגאָ — גרינער, פרעמדער אין לאַנד.

גאַלאַן — צונאָמען פון אַ האָן צוליב זיין געשטרעקטקייט.

גאַזשינעראָ — הינער-שטייג.

גאַסטעס — אויסגאַבן.

דאָראַדיזשאָ — נאָמען פון אַ פערד צוליב דער גאָלד-פאַרביקייט פון זיין פעל.

דעפּאָסיטע (א) — א לאַגער.

וואַמאָ (ס) — (מיר גייען, מיר פאָרן) דינט אַלס אויסרוף אונטערצוטרייבן פערד, בעהיימעס.

ווישילאַנט — פּאָליציסט.

ווערמוט — אַן אַפּעריטיוו פאַרן עסן.

זשוגאָ — יאָך וואָס ווערט אָנגעטאָן די אָקסן.

זשעגווע (גואַ) — שקאַפּע.

טאָרטאַ-פריטאַ — געפּרעגלטער קוכן.

טעראָטעראָ — א הויך־פוסיקער פויגל, וואָס אין זיין שרייען קלינגט דער אויסרוף „טעראָ".

טשאַקרע (אַ) — קליינע לאַנדווירט־שאַפט.

טשאַקאַרעראָ — לאַנדווירט, אַקער־בויער

טראָפּיזשא — א גרופּע פערד וואָס גייען שטענדיק צוזאַמען.

טרוקאָ — כאַראַקטעריסטישער קאָרטן־שפּיל אין אַרגענטינע.

טשיקעראָ — א שטאַל פאַר כאַזיירים.

לאַגונע (אַ) — קליינער טייך מיט שטיי־ענדיקן וואַסער אינמיטן פעלד.

לאַסאָ — א שטריק מיט א פעטליע.

לאָראָ, לאָריטאָ — א פּאַפּוגאַי.

מאַטע — א געטראַנק פון א קירבעסל, וואָס מען שיט אָן מיט זשערבע אויף וועלכער מען גיסט הייס וואַ־סער. דאָס וואַסער ווערט געזופּט דורך דער באָמבישע (רערל), נאָך דער ריי נאָך. מען טרינקט א זיסע מאַטע (מיט צוקער) און א ביטערע (אָן צוקער).

מאַטעניצע — דאָס געפעס אָדער קיר־בעסל אין וועלכן מ׳מאַכט א מאַטע.

מאַיס — פּאַפּשויעס, קוקורוזע.

מאָטשאָ — א בעהיימע אָן הערנער.

מאָראָ — א שוואַרצער פערד מיט ווייסע פלעקן.

מויסטראָ (מהעסטראָ) — א מוסטער.

מאָסטראַדאָר — סטאַיקע, טובאַנק.

מערקאַדע (אָ) — א מאַרק.

מאַלאַקאַרא — א פערד מיט א ווייסן צייכן אַפן שטערן.

נעגראָ — נאָמען פון אַן אָקס צוליב זיין שוואַרצער פעל.

סאַינאָ — נאָמען פון א פערד, צוליב זיין טונקל־רויטער פעל.

סולקי — א וועגעלע אָף צוויי רעדלעך.

סירוואַסע — נאַט אייך, טרינקט.

סינע — קינאָ.

סינטשאָ — לעדערנער פאַס, וואָס ווערט באַנוצט באַם אָנזאָטלען א פערד.

סיעסטע — נאָכמיטאָג־שלאָף.

סאָרינאָ — א מין טכויר.

סעמיזשע — זריע.

פּאַמפּאַ — (סטעפּ), דער צונאָמען פון א בעהיימע.

פּאַגאָ — איך צאָל.

פּאַלאָמאָ — (טויב), צונאָמען פון א פערד צוליב זיין שנעלקייט.

פּאַלאָינאָס — כאָליעוועס.

פּעטשאַדאַס — דאָס שטויסן זיך מיט פערד.

פּאַדריזשאָ — אַ פערד אַ פּאַטער.

פּעטיסאָ — אַ קלײנגעוויקסיק פערדל.

פּאָטרעראָ — אָפּגעצוימט פּאַשע־פּלאַץ פאַר בעהיימער.

פּאָסט (ע) — אַ סלופּ, געווײנלעך אַף אָנצובינדן פערד.

פּאַרלאַנגאָ — אַ ראַסע פון אָקסן.

פּיעל — (טרײער) צונאָמען פון אַ הינט.

פּלעטשאַ — פײל.

פּלומיטאַ — פעדער, אַ לײכט־לויפנדיקער פערד.

פּלאַסע — שפּאַציר־פּלאַץ.

פּאַנדאַ — אַכסאַניע, שענק.

פּיעסע — יעדער טײל באַזונדער באַ אַ מאַשין.

קאַטרע — אַ שער־בעטל.

קאַפּאַטאַז — אויפזעער.

קאַראַנטשאָ — רויב־פויגל.

קאַרעראַ — פערד־געיעג.

קאָמיסאַר — עלטסטער פון אַ פּאַליצײ־הויז.

קאָראַל — אַן אַרומגעצוימט פּלאַץ פאַר סקאָט.

קאָסעטשע — שניט־צײט.

קריאָזשע (אָ) — אײנגעבוירענער אין אַרגענטינע.

קוואַדרעס — בלאָקן.

קאַמאַדרעכאַ — אַ טכ׳ויר, כאַפּט הינער

קאָלטשע (אַ) — אַ צודעק פון אַ בעט.

קאָראָנאַ — קרוין.

קינטע (אַ) — גאָרטן פון גרינס.

קאַניאַ — אַ צוקער־רער.

קליענטעלע — די קליענטן פון אײנעם וואָס פאַרקויפט אַף אויסצאָלן.

קוינטאַ (אַ קועגטאַ) — אַף אויסצאָל.

קווענטעניק — דער וואָס פאַרקויפט אַף אויסצאָלן, אַ פעדלער.

קאַרפּעטע (אַ) — אַ קלײן טישטעכל.

קאַלעסיטאַ — קאַרוסעל.

ראָסיזשאָ — נאָמען פון אַן אָקס צוליב זײַן רויט־ווײסער פעל.

רעבענקע — אַ ראַפּניק, אַ קורץ בײטשל.

רעבעלדע — אַ בונטאַר.

ראַנטשאַ — אַ הײזקע.

רעווענקאַסאָ — אַ שמיץ מיט אַ רעווענקע (ריכטיקער — רעבענקע) אַ ראַפּניק.

שאָרטאָרן — אַ ראַסע פון אָקסן.

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — זייט 7

1. נאַטור

זומער אין לאַנד — — — — — — — — — — — — — — 17 "
דער יעגער — — — — — — — — — — — — — — — 21 "
לעבן — — — — — — — — — — — — — — — — 24 "
די קאָרדאָ און דער ווייץ — — — — — — — — — — — 28 "

2. אַף דער שפּראַך פון כאַיעס

סאָינאָ — — — — — — — — — — — — — — — — 33 "
דאָך זיך געקראַצט — — — — — — — — — — — — — 39 "
די רויטע קו — — — — — — — — — — — — — — — 43 "
בעהיימעס — — — — — — — — — — — — — — — 47 "
דער יאָסעם — — — — — — — — — — — — — — — 52 "
לאָבאָ — — — — — — — — — — — — — — — — 59 "
אין פארלעגענהייט — — — — — — — — — — — — — 64 "
א דועל — — — — — — — — — — — — — — — — 69 "
באַטאַראַס — — — — — — — — — — — — — — — 74 "
פלעטשאַ — — — — — — — — — — — — — — — — 80 "

דער באַלטויוועניק — — — — — — — — — — — — זייט 86
מילכאָמע — — — — — — — — — — — — — — ″ 90
אין דער פרעמד — — — — — — — — — — — — ″ 94
רעבעלדע — — — — — — — — — — — — — — ″ 100

3. יידישע קאָלאָניסטן

אַ סרייפע — — — — — — — — — — — — — — ″ 111
אַ ביטערער טאָג — — — — — — — — — — — — ″ 118
כאים דער „גרינגאָ“ — — — — — — — — — — — ″ 126
צווישן מעכוטאָנים — — — — — — — — — — — ″ 132
אַ גוט־אויג — — — — — — — — — — — — — — ″ 136
פאַרשטערטע שאַבאָסים — — — — — — — — — — ″ 145
פלומיטאַ — — — — — — — — — — — — — — ″ 149
פענעמער — — — — — — — — — — — — — — ″ 163
קאָדאָרנאָ — — — — — — — — — — — — — — ″ 166
על טשאַקארעראָ — — — — — — — — — — — — ″ 169
טשאַקרע — קאַלע — — — — — — — — — — — ″ 173
אָקסן — — — — — — — — — — — — — — — ″ 177
ווען ער זאָל געוועז וויסן — — — — — — — — — ″ 183
דער דערפינדער — — — — — — — — — — — — ″ 188
די ערשטע אַרבעט — — — — — — — — — — — ″ 194

4. וועלט און מענטשן

ביידע האָבן זיי געזינדיקט — — — — — — — — — ″ 207
סע לוסטרא — — — — — — — — — — — — — — ″ 211
צוויי וועלטן — — — — — — — — — — — — — ″ 213
אַ דורכפאַל — — — — — — — — — — — — — ″ 215
נעקאָמע — — — — — — — — — — — — — — ″ 218

5. די וועלט פון קינדער

ס'אַ ראַכמאָנעס — — — — — — — — — — — — ″ 227

מיש און קיץ — — — — — — — — — — — — — — —   זייט „ 231
דער רעגן וואָס האָט נישט געוואוסט פון ראכמאָנעס — — „ 235
באימעלע באַפּט שוין נישט קיין פייגעלעך — — — — — — — — „ 239
ווי אזוי שמוליק האָט זיך איבערגעבעטן מיט מאַלאַקאַראַ— „ 243
ווי אזוי טשאַלאָ פון דער גרויסער שטאָט האָט געשלאָסן
גוטברודערשאַפט מיט די יינגלעך פון דער קאָלאָניע — „ 246
זיי וועלן עס שוין מער נישט טאָן — — — — — — — — — — „ 250
ווי אזוי עס איז געוואָרן שאָלעם צווישן הונט און דער
קאַץ — — — — — — — — — — — — — — — — „ 253
פאַרטייטשונגען פון ארגענטיניזמען — — — — — — — — „ 257

Este libro se terminó de imprimir
el 5 de mayo de 1954; en
la imprenta "G r a f i c ó n"
de N. Zielony, Pasteur 356
T.E. 48-8960 Buenos Aires